STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10893

# DI AMERIKANER IN YAPON

O. Kurganoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. קורגאנאָוו

# די
# אמעריקאנער אין יאפּאן

(רעפּאָרטאַזש)

פאַרלאַג „היימלאַנד“

בוענאָס איירעס

1952

## — 1 —

אין אוויאָן נאָך אַפן וועג קיין יאַפּאַן האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר וועלן זיך אַראָפּלאָזן אַפן עראָדראָם אַציגי, ניט ווייט פון יאָקאָהאַמאַ. באַ די יאַפּאַנישע ברעגן זיינען אונדז אַנטקעגנגעקומען עטלעכע אַמעריקאַנישע יאַגד־אוויאָנען, מאַכמעס קיין איין סאָוועטישער אוויאָן טאָר ניט אַריינפליען קיין יאַפּאַן אָן דער באַגלייטונג, אָדער ווי זיי רופן עס דאָ, אָן אַ „עסקאָלט” פון אַמעריקאַנישע צעשטערער. די צעשטערער האָבן זיך געדרייט איבער אונדזערע קעפּ; אָט פליגן זיי מיטאַמאָל פאָרפליען ווייט פאָרויס און אָט האָבן זיי זיך באַלד ווידער צוריקגעקערט, פונקט ווי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט אונדז געבן צו פאַרשטיין, אַז די שנעלקייט פון אַ צעשטערער איז פילפאַכיק גרעסער, ווי פון אונדזער שווערוואָגיקן טראַנספּאָרט־אוויאָן. און ווען זיי האָבן זיך שוין איבערצייגט, אַז מיר האָבן באַנומען דעם פאַקט, האָבן די אַמעריקאַנער לופטפליער געמאַכט עטלעכע פירועטן פון העכסטן פילאָטאַזש איבער אונדזערע קעפּ און האָבן זיך, ווי עס שיינט, מיט דעם באַרויִקט. באַם דערנענטערן זיך צום עראָדראָם האָבן זיך די אַמעריקאַנער צעשטערער ווידער אויפגעהויבן איבער אונדזערע קעפּ און פון דאָרטן אַכטונג געגעבן ווי אונדזער אוויאָן לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד. אונדזער פילאָט, דער יאַם־לופט־פליער וויקטאָר כאַרין, האָט גלענצנדיק דורכגעפירט דעם מאַנעוור אַף אַראָפּלאָזן זיך און אַרויסגעפירט דעם אוויאָן אַף דעם בעטאָנירטן וועג.

„דאָ האָט איר אייך יאַפּאַן”, — האָט ער געזאָגט און געעפנט די טיר. איך האָב זיך אומגעקוקט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער פילאָט איז זיך טויע. און עפּשער איז דאָס גאָר אַן אַנדער יאַפּאַן. מיך האָט איבעראַשט די סוויווע אין וועלכער מיר זיינען אַריינגעפאַלן. אונדזער אוויאָן איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער וואַנט פון „עמפּי” (אַמעריקאַנער מיליטערישע פּאָליציי). אין דער מיט פון דעם קרייז איז געשטאַנען אַן אָפיציר און האָט הילכיק אויסגעשריען אונדזערע נעמען. מר זיינען אַראָפּגעשטיגן אַף וואַקלענדיקע טרעפּלעך און זיך אויסגעשטעלט באַם אוויאָן. אַכוץ מיר זיינען געווען נאָך פיר סאָוועטישע זשורנאַליסטן: וויסאָקאָסטראָווסקי, יאָרדאַנסקי, פּלאָטאָוו און וואָראָנצאָוו. אין אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש האָט אונדז דער אָפיציר געמאָלדן:

„מיר ווע‏לן אייך פאָטאָגראַפירן“.
„פאַרוואָס?“ — פרעג איך אים.
„ס׳איז אזא באַפעל“, — האָט ער געענטפערט.

אן אַמעריקאַנער זעלנער האָט אונדז פאָטאָגראַפירט פון פראָנט און פאַרגעלייגט מיר זאָלן זיך אויסדרייען, קעדיי צו פאָטאָגראַפירן אונדז אין פראָפיל. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט, ווייל דאָס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, ווי אַ באַליידיקונג. מיר האָבן זיך דאָך דערווייל נאָך, מיט קיין שום זאַך ניט פאַרזינדיקט.

„ניין“, — האָב איך דערקלערט, — „מיר ווע‏לן זיך מער ניט פאָטאָגראַפירן“.

„אויב אַזוי, וועט איר ניט פאָרן קיין יאַפּאַן“, האָט אונדז געזאָגט דער אַמעריקאַנער און האָט קאַטעגאָריש פאַרמאַכט זיין נאָטיץ־ביכל.

„מיר זיינען דאָך שוין אָבער אָנגעקומען קיין יאַפּאַן“, — ענטפערן מיר אים. — „און וועמענס באַפעל איז דאָס, אַז מען זאָל אונדז אַזוי גאַסטפריינטלעך אויפנעמען?“

„אַזאַ מין פאַראָרדענונג איז איינגעפירט דורך דעם שטאַב פון גענעראַל מעק־אַרטור“, האָט מיט שטאָלץ דערקלערט דער אָפיציר און קוקט זיך דערביי אַרום, קעדיי צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט אויף די אַרומיקע דער אַזוי הויך אַרויסגעזאָגטער נאָמען.

מיר האָבן זיך פעסט געהאַלטן באַם אונדזעריקן, ווייל מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ פּאַשעטער קאַפּריז פון דעם אַמעריקאַנער פּאָליציי־אָפּיציר.

— איין מאָמענט, — האָט ער געענטפערט און איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן אויף זיין „דזשיפּ“, אַזוי רופט מען דאָ די „ווילים“־אויטאָמאָבילן. אינגיכן איז ער אָבער צוריקגעקומען און געמאָלדן:

— עס וועט גאָרניט העלפן, איר וועט זיך מוזן פאָטאָגראַפירן. מיר קענען ניט מאַכן קיין שום אויסנאַמען.

— גוט, — האָב איך געענטפערט, — איך בעט נאָר מיר צו דערקלערן, פאַר וועמען איז איינגעפירט דער פּאָליצייאישער רעזשים, וועלכן מען האָט פאַראָרדנט פון דעם גענעראַל מעק־אַרטורס שטאַב, דאָס גילט אויך פאַר די ענגלענדער און פראַנצויזן, אָדער נאָר פאַר יענע, וועלכע קומען צו פליען פון ראַטנפאַרבאַנד?

דער אַמעריקאַנער האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט און דערנאָך געענטפערט:

— דערווייל גילט עס נאָר פאַר די, וואָס קומען צו פאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד. אייגנטלעך, איז דאָס ניט מיין שולד, איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז איך פיר בלויז אויס אַ באַפעל.

— און דאָך װעלן מיר זיך מער ניט פאָטאָגראַפירן, — האָב איך אים אַנטשלאָסן געענטפערט.

מיר בעטן אויך דעם אָפיציר ער זאָל איבערגעבן פון אונדז אַ דאַנק דעם גענעראַל מאַק־אַרטורס שטאַב, פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט און פאַר דער פּאָליציייִשער אויפנאַמע. מיר זעצן זיך אַריין אין אויטאָמאָ־ביל און װאַרטן. דעם עראָדראָם אַצוגי קענען מיר נאָך אַלץ ניט פאַר־לאָזן. מיר זיצן אין דעם אויטאָ און קוקן דורך דעם פענצטער װי אונ־דזערע סאָװעטישע פּילאָטן גייען דורך די אַלע פּאָליציייִשע פאָרמאַלי־טעטן. זיי זיינען שוין צו דעם צוגעוווינט.

מיר באַמערקן װי פון דער װייטנס, אַרום אַ האַלבן קילאָמעטער פון אונדז, הינטער אַ שטריק, וואָס צוימט אָפּ דעם אַריינגאַנג צום פלי־פּלאַץ, שטייען עפּעס מענטשן. מעגלעך אַז דאָס זיינען אונדזעריקע? איז דען דאָס מעגלעך, אַז מען זאָל זיי ניט אַריינלאָזן? מיר בעטן דעם אַמערי־קאַנער אָפיציר זיך צו דערוויסן, אויב דאָרט געפינען זיך ניט קיין סאָ־װעטישע בירגער.

— יאָ, — ענטפערט ער, קײַענדיק דערביי פלעגמאַטיש די אייביקע גומע, — דאָרט שטייען זיי, איר װעט זיך מיט זיי באַגעגענען, װען איר װעט פאַרלאָזן דעם פלי־פּלאַץ. צום אַװיאָן לאָזן מיר קיינעם ניט צו.

— קענען מיר עפּשער שוין פאָרן? — פרעגן מיר.

— ניין, — ענטפערט דער אַמעריקאַנער, — עס זיינען נאָך ניט דורכגעפירט געוואָרן אַלע פאָרמאַליטעטן. איר זאָגט זיך דאָך אָפּ פון פאָ־טאָגראַפירן זיך!

— יאָ, מיר זאָגן זיך אָפּ! — ענטפערן מיר.

איינער פון מיינע באַװיירים נעמט אַרויס אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַ־ראַט און װיל פאַרייביקן אויף אַ בילד די גאַנצע סצענע פון דער אויפנאַמע פון די סאָװעטישע זשורנאַליסטן אין יאַפּאַן.

דאָ הייבט שוין אָן אַרויסצוווייזן סימאָנים פון אומרויִקייט דער פּאָ־ליציי־אָפיציר. ער לאָזט איבער די פּילאָטן און לויפט שנעל צו אונדזער אויטאָמאָביל, שרײַענדיק:

— ניין, ניין, מען טאָר ניט. איר טאָרט ניט. נאָר מיר אַליין האָבן דאָס רעכט צו פאָטאָגראַפירן!

— איך בין דאָך אָבער אַ זשורנאַליסט און מוז פאָטאָגראַפירן אַלץ װאָס איך זע! — ענטפערט אים מיין באַװער.

— ניין, דאָס איז פאַרבאָטן, — ענטפערט דער אָפיציר, — באַלד װעלן מיר שוין פאָרן.

מיט די װערטער זעצט ער זיך װידער אַריין אין זיין „דזשיפּ" און פאָרט שנעל אַוועק צו אַ קליין הייזעלע, װוּ עס געפינט זיך אַ טעלעפאָן. מיר הערן זיין הילכיקע שטימע. אין אַ װיילע אַרום קומט דער אָפיציר

צוריק, באַגלייט פון נאָך צוויי פּאָליציי־אויטאָמאָבילן. איינער פון זיי וועט פאָרן פאַר אונדז און דער צווייטער הינטער אונדז, אַזוי דערקלערט אונדז דער אַמעריקאַנער און באַפעלט אונדזער שאָפער נאָכפאָרן נאָך דעם ווייסן אויטאָמאָביל פון „עמפּי”, דערביי דערקלערט ער:

— ניט אַרויסשפּרינגען פאָרויס, ניט אָפּנויגן זיך אין אַ זייט און ניט פאַרהאַלטן זיך!

דאָך קענען מיר זיך נאָך אַלץ ניט רירן פון אָרט. מיר פאַרשטייען ניט פאַרוואָס מיר ווערן אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן דאָ אויפן ערָאָדראָם. דער הייסער אויגוסט־טאָג פאַרגייט שוין. ביסלעכווייז טוען מיר אויס אונ־דזערע רעקלעך, דערנאָך די קראַוואַטן. אונדזערע גוט־געפּרעסטע אַנצוגן האָבן דאָ ניט קיין שום זינען. באַ אַזעלכע, ווייט ניט קיין דזשענטלמע־נישע אומשטענדן, ווילט זיך וואָס שנעלער אַראָפּוואַרפן פון זיך די אָפּי־ציעלע בגדים. דער אַמעריקאַנער אָפיציר ווערט באַגאָסן מיט שווייס. און דאָך לויפט ער אום אָן אויפהער פון איין פּאָליציי־מאַן צום צווייטן און גיט זיי אינסטרוקציעס, ווי אַזוי אַכטונג צו געבן, אַז קיינער פון אונדז זאָל ניט אָפּשטיין. צוויי פּאָליציי־לייט שטעלט ער אַוועק נאָענט באַ אונדזער אויטאָמאָביל, עס זאָל זיי זיין לייכטער אונדז נאָכצושפּירן. מיר טאָרן ניט איבערשפּאַנען דעם פּאָליציי־קאָרדאָן, מיר טאָרן ניט פאָ־טאָגראַפירן, מיר טאָרן מיט קיינעם ניט ריידן, איין זאַך ווערט אונדז יאָ דערלויבט: בלייבן זיצן אין אויטאָמאָביל און פירן אַ שמועס צווישן זיך. אַזעלכע באַפעלן גיט דער אָפיציר צו זיינע לייט. דעם אָפיצירס אויפפירונג ווערט אַזוי כוצפּעדיק, אַז מיר אַלע, ניט צונויפרעדנדיק זיך, גייען אַרויס פון אויטאָמאָביל און מיט פעסטע טריט הייבן מיר אָן צו שפּאַנען אין דער ריכטונג צום אַרויסגאַנג. מיר האָבן געהאַט אַזאַ פעסטן און אַנטשלאָסענעם אויסזען, אַז די פּאָליציי־לייט ווערן צעמישט און וואָגן אונדז ניט אָפּצושטעלן. באַלד אָבער לויפן זיי אונדז נאָך און פאָ־דערן, אַז מיר זאָלן זיך צוריקקערן. מיר בלייבן שטיין און וואַרטן. עס הייבט אָן ווערן פינצטער. מען זעט, ווי פון דער ווייטנס צינדן זיך אָן געלע פייערלעך.

אַזוי וואַרטנדיק אַף דער מעגלעכקייט אָפּצופאָרן פונעם ערָאָדראָם, נעמען מיר זיך דערמאָנען בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט. מיר קוקן זיך אַרום:

אָט דאָס איז ער, דער באַרימטער יאַפּאַנישער ערָאָדראָם אַצוגי. אין יענע טעג, ווען יאַפּאַן האָט קאַפּיטולירט, האָט זיך אַף דעם זעלבן ערָאָ־דראָם אַראָפּגעלאָזט אַ שווערער אַמעריקאַנער עראָפּלאַן. אים האָבן באַ־געגנט די גענעראַלן און מיניסטאָרן פון דעם באַזיגטן יאַפּאַן. די מיניס־טאָרן אין פראַק, ווייסע הענטשקעס און צילינדערס. זייער קליידונג האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט און פייערלעכקייט פון יענעם היסטאָרישן

מאָמענט. דער עראָפּלאַן האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צו זיי און איז שטיין געבליבן. אין דער ברייטער טיר האָט זיך באַוויזן די הויכע פיגור פֿון דעם גענעראַל דוגלאַס מאַק־אַרטור. ער איז שטיין געבליבן אַ רגע אין אַ נאַפּאָלעאָנישער פּאָזע און באַטראַכט די אַלע פֿאַרזאַמלטע גענעראַלן און מיניסטאָרן, וועלכע זיינען געשטאַנען איינגעבויגן פֿאַר אים ביז צו דער ערד. אַזוי פֿלעגן זיי זיך נייגן נאָר פֿאַר זייער אימפּעראַטאָר.

אין יענע טעג האָט דער גענעראַל מאַק־אַרטור צוגעזאָגט דעם יאַפּאַנישן פֿאָלק, אַז עס וועט פֿאַר אים געעפֿנט ווערן אַ נייער וועג, אַ וועג צו פֿרייהייט און צו דעמאָקראַטיע. דערפֿאַר ווייזט אויס, טראָגט יענער פּעריאָד דעם נאָמען: „די אַצוגי־טעג".

יאָ, דאַן איז געווען דער האָניק־כוידעש פֿון מאַק־אַרטורס דערקלערונגען און צוזאָגעכצן. ער האָט געוואָלט איינער אליין באַלעבאַטעווען אין יאַפּאַן און וואַשינגטאָן האָט אים געשטיצט. אַלס האַנאָכע, האָט דער גענעראַל איינגעוויליקט צוצולאָזן אין טאָקיאָ אויך ענגליש מיליטער, וועלכעס ער האָט גלייך אונטערגעוואָרפֿן אונטער זיין מאַכט. פּונקט אַזוי זעט איצט אויס דער ראַט פֿון די אַליאירטע פֿאַר יאַפּאַן.

אַלע ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָס איז ניט קיין ראַט און זיכער ניט פֿון די אַליאירטע, ווייל דער גענעראַל מאַק־אַרטור רעכנט זיך מיט אים אינגאַנצן ניט. מאַק־אַרטור האָט באַטראַכטן די יאַפּאַנישע ערד מיט אַ „הייליקן" וואָרט — דעמאָקראַטיע. ער האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז פֿאַר יאַפּאַן קומט איצט אָן אַ צייט פֿון גרויסע און וויכטיקע פּאָליטישע רעפֿאָרמען. ער האָט צוגעזאָגט צו ענדערן אַלע יאַפּאַנישע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, צוגעזאָגט געזונט צו מאַכן דעם שול־וועזן. ער וועט אויסראָטן די פֿעאָדאַלע טראַדיציעס פֿון דער יאַפּאַנישער מישפּאָכע. באַזייטיקן די אַלע בעעמעס שולדיקע אין דער מילכאָמע, פֿאַרניכטן אַלע רעאַקציאָנערע קויכעס, וואָס שטייען אין וועג צו דער עמעסער דעמאָקראַטיע. און צום סאָף וועט ער געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם גרויסן פֿעאָדאַלן קעניגרייך פֿון די פֿיר גיגאַנטישע מישפּאָכע־טרוסטן „דזייבאַצו", וועלכע זיינען געווען די פֿאַקטישע הערשער איבער יאַפּאַן. דעמאָלט, אין יענע, אַזוי־גערופֿענע „אַצוגי־טעג" האָבן די אַלע דערקלערונגען און שוווּעס געוועקט גרויסע האָפֿענונגען. יעדנפֿאַלס, אַזוי האָט עס זיך אויסגעוויזן דעם יאַפּאַנישן פֿאָלק. אין די „האָניק־טעג" פֿון זייער טעטיקייט האָבן די אַמעריקאַנער ניט געקאַרגט קיין שיינע פֿראַזן און האַוטאָכעס, מיט וועלכע זיי האָבן געוואָלט איבערצייגן דעם יאַפּאַנישן פֿאָלק אין דער אַמעריקאַנער גרויסמוטיקייט. זיי האָבן פֿאַרזיכערט, אַז דאָס יאַפּאַנישע פֿאָלק וועט באַקומען די פֿרייהייט פֿון וואָרט און פּרעסע, צוגעזאָגט איינצופֿירן אַלגעמיינע וואַל־רעכט — די אַלע עלעמענטאַרע רעגירונגס־פּרינציפּן, וועלכע זיינען ענג פֿאַרבונדן מיט אַ דעמאָקראַטישן לעבן.

וועגן דעם אַלעמען האָבן מיר זיך דערמאָנט אין יענער אָוונט־שאָ אפן עראָדראָם אצוגי.

דאָך ווילן מיר ניט מאַכן קיין איבערגעאיילטע אויספירן. מיר דאַרפן זיך האַלטן נאָר בא די אָביעקטיווע פאַקטן. מען טאָר נאָך ניט דערווייל אַנטציקט ווערן, און אויך ניט מאַכן קיין פאַרוואורפן, אָבער, דער קאַבאַ־לעס־פאַנעם אפן אצוגער עראָדראָם און איבערהויפּט די אַלע פּאָליציי־אישע מאַסמיטלען זיינען דאָך אזוי ווייט פון די אַלגעמיינע באַגריפן וועגן דעמאָקראַטיע.

אונדזערע מאַכשאָוועס ווערן פלוצים איבערגעריסן דורך דעם אַמע־ריקאַנער אָפיציר. ס'איז שוין שפּעט, שוין אָוונט. מיר מעגן זיך שוין אַרויסרירן אפן וועג צו יאַקאַהאַמאַ און טאָקיאָ. עס לאָזט זיך אויס, אז די פּאָליציי האָט מיט אַ קיוון אָפּגעוואַרט ביז עס וועט פינצטער ווערן, ווייל עס וועט אונדז אויסקומען פאַרבייצופאָרן אַ גרויסע אוויאַציע־שטעטל און די אַמעריקאַנער ווילן, אַז סאָוועטישע מענטשן זאָלן בעסער פאָרן אף דעם וועג נאָר אין די אָוונט־שאָען.

דער ערשטער פאַרט אַלץ נאָך דער ווייסער „דזשיפּ" פון דער אַמע־ריקאַנער פּאָליציי, נאָך אים דער „דזשיפּ" מיטן אַמעריקאַנער אָפיציר, נאָך זיי אונדזער אויטאָמאָביל. מיר פאַרהאַלטן זיך בלויז אף איין רעגע באַם טויער פון דעם עראָדראָם, דאָרט באַגעגענען אונדז די סאָוועטישע זשורנאַליסטן, וועלכע וווינען אין טאָקיאָ. זיי דרייען אויס זייערע מאַ־שינען און פאָרן אונדז נאָך. אין אַ לאַנגער אויטאָמאָבילן־קאָלאָנע, אין פולשטענדיקער פינצטערניש פאָרן מיר איבערן גליטשיקן, ניט־לאַנג אויס־געבויטן שאָסיי־וועג. פון צייט־צו־צייט באַלייכט די שטאַרקע שיין פון די אויטאָמאָביל־לאָמטערנעס אָדער אַ קורצוווקסיקן בוים, אָדער אַ ניי ערשט־אויפגעבויט הייזל, אָדער אַ לאַנגן מיליטערישן באַראַק. דורך די פענצטער פון דעם באַראַק זעען מיר אַמעריקאַנער זעלנער האַלב־ליגנדיק אף זייערע פעלד־בעטלעך. באַם אַריינפאָר אין יאַקאַהאַמאַ בלייבן די צוויי פּאָליציי־אויטאָמאָבילן שטיין און לאָזן אונדז דורך. צום ערשטן מאָל אין יענעם טאָג באַקומען מיר די פרייהייט, און מיר פאָרן קיין טאָקיאָ.

אפן וועג דערוויסן מיר זיך פון אונדזערע פריינט, אַז מאַק־אַרטורס שטאַב האָט איינגעפירט אַזאַ פּאָליציי־רעזשים פאַר יעדן, וואָס קומט צופאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד. איך צווייפל אויב אין דער צייט פון דעם שרעקלעכסטן רעאַקציאָנערן פּעריאָד אין יאַפּאַן, זאָל מען זיך אף אַזאַ אומפאַרשעמטן אויפן האָבן באַצויגן צו סאָוועטישע בירגער. טאַדזיע און אַראַקי, וועלכע געפינען זיך איצט אין דער סוגאַמער טפיסע, וואָלטן זיך געמעגט לערנען בא די אַמעריקאַנער. אַלע סאָוועטישע מענטשן מוזן דורכ־גיין דורך אַ ספּעציעלער קאַמער וווּ יעדער איינער ווערט צוגעשטעלט צו

אַ ברעט און מוז באַקאַנט מאַכן די אַמעריקאַנער מיט זיין וווּקס, קאָליר פון זיינע אויגן, ספּעציעלע סימאָנים אַף זיין קערפּער און אָפּדרוקן דעם גראָבן פינגער פון זיין רעכטער האַנט. קיינער פון די סאָוועטישע בירגער, וואָס קומען צופאָרן קיין יאַפּאַן, טאָר ניט פאַרלאָזן טאָקיאָ אָן אַ ספּעציעלן שײַן — און אַזאַ שײַן גיט מען קיינעם ניט אַרויס. אויב עמעצער וויל אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט, מעג עס אַפילע זיין צו זיך אַף אַ זומער־וווינונג, קומט אים אויס אָפּטמאָל צו פאַרלירן גאַנצע וואָכן אין מאַק־אַרטורס שטאַב, קעדיי צו באַקומען אַ וויזע; יאָ, דאָס אַלץ ווייזט אונדז זיך אויס אומגלויבלעך. איינס פון דיביידע: אָדער אין יאַפּאַן ווינען און פירן דאָס רעדל ניט יענע אַמעריקאַנער, וועלכע באַצייכענען זיך אַלס טרעגער פון קולטור, ציוויליזאַציע און „דעמאָקראַטיע”; אָדער, עפּשער האָבן זיי זיך אַף אַזוי פיל געביטן?

אונדזערע פריינט וואָרענען אונדז. טאָמער קלויבט איר זיך ערגעץ ווּ צו פאָרן, זייט גרייט מען זאָל אייך ניט לאָזן. און אויב מען וועט אייך שוין יאָ דערלויבן, איז נאָר אין דער באַגלייטונג פון אַן אָפיציר פון דער „דזשיטאַ”.

— וואָס איז אַזוינס דזשיטאַ? — פרעגן מיר.

— אַזוי הייסט די צווייטע אָפּטיילונג פון מאַק־אַרטורס שטאַב. איר אויפגאַבע איז אויסשפּיר־אַרבעט און קאָנטראָל איבער די געדאַנקען, אויך פירן אַ קאַמף מיט די דעמאָקראַטישע קויכעס.

— וואָס־זשע, — ענטפערן מיר, — ס'איז אַ נייע געשטאַפּאָ אין אַן אַמעריקאַנער אויפלאַגע?

— עמעס, אַזוי קען מען זי טאַקע אָנרופן.

אונדזערע אויטאָמאָבילן פליען מיט אַ בליץ־שנעלקייט איבער דער גיגאַנטישער פאָרט־שטאָט יאָקאָהאַמאַ. איצט איז דאָס דער הויפּט־פונקט פון דער אַמעריקאַנער אַכטער אַרמיי. דאָ איז דער ווין־אָרט פון דעם שטאַב פונעם גענעראַל אייקעלבערגער. מיר באַקומען אַ באַפעל צו פאָרן דורך די זייטיקע גאַסן, ווייל דער צענטער פון דער שטאָט איז אָפּגעצוימט צוליב עפּעס אַן אַמעריקאַנער יאָנטעוו.

מיר פאָרן פאַרביי ליידיקע פּלעצער, און לויפן שנעל פאַרביי אומענדלעכע בענזין־סקלאַדן און אויטאָמאָביל־גאַראַזשן, וואָס געהערן צו דער אַמעריקאַנער אַרמיי. שפּעטער קומען מיר צו צו אַ שמאָל בריקל, נאָך אים הייבט זיך שוין אָן די פאָרשטאָט פון דער יאַפּאַנישער הויפּטשטאָט טאָקיאָ.

אין דער נאַכט־שאָ זעט גאָר די שטאָט ניט אויס צו זיין צעשטערט. יעדנפאַלס די אַלע ניי־אויסגעבויטע הייזלעך, וועלכע מיר באַגעגענען אַפן וועג, מאַכן אַן איינדרוק פון אַ שטאָט, וואָס ווערט שנעל אויפגעבויט. שפּעטער אָבער דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס זיינען מיר פאַרבייגע־

פֿאַרן יאַסיוואַרא, ווו עס געפֿינען זיך עטלעכע טויזנט שאַנדהייזער און זייערע באַלעבאַטים האָבן אין דער ערשטער ריי באַקומען געהילף, בוי־מאַטעריאַלן און אויך אַ דערלויבעניש זיי אויפֿצובויען. ווייזט אויס, אַז די אַמעריקאַנער זיינען אויך מיט דער מיינונג, אַז טאָקיאָ קען זיך באַגיין אָן וואַסערלייטונג, אָן גוט־איינגעאָרדנטע קינאָ־זאַלן, אָן דעם טעאַטער „קאַבוקי", פֿון וועלכן עס זיינען פֿאַרבליבן בלויז חורבות, מען קען אויסקומען אַפֿילע אָן וווינונגען, אָבער אָן שאַנדהייזער קען טאָקיאָ זיך ניט באַגיין.

מיר קומען אָן צום צענטער פֿון טאָקיאָ. אַף דער שמאָלער „צייטונגס־אַלייע" פֿאָרן מיר צו צום זשורנאַליסטן־קלוב. דאָרט זיינען פֿאַר אונדז צוגעגרייט צימערן.

אין באַר וואַרטן אַף אונדז אַמעריקאַנער און ענגלישע צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטן. מיר דערציילן זיי וועגן דעם אַלעמען, וואָס אונדז איז אויסגעקומען אויסצושטיין אין אַצוגי, אָפּן עראָדראָם, זיי שמייכלען.

— איר וועט נאָך דאָ האָבן אַ סאַך גרעסערע סורפּריזן. לאָמיר עס בעסער פֿאַרגעסן.

אַפֿילע צווישן די זשורנאַליסטן געפֿינען זיך מענטשן וועלכע ווילן, אַז מיר זאָל דאָס אַלץ פֿאַרגעסן. מיר אָבער קענען גאָרניט פֿאַרגעסן. מיר געדענקען גוט, אַז אין קאַמף מיטן אַגרעסיוון יאַפּאַן האָבן פֿאַרלוירן זייערע לעבנס די בעסטע זין פֿון די פֿרייהייט־ליבנדע פֿעלקער. מיר דערמאָנען וועגן דעם די אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן. בלויז אַף איין רעגע בלייבן זיי שטיל. נאָר שפּעטער ענטפֿערן זיי.

— נו, יאָ. עפּשער איז דאָס טאַקע אַזוי, אָבער איצט געוווינען מיר זיך צו ניט צו טראַכטן וועגן דעם.

— וואָס־זשע וועט מאָרגן זיין? — פֿרעגן מיר זיי, אָבער קיין ענטפֿער באַקומען מיר ניט.

— אַ סאַך, לאָמיר דאָס אַלץ אָפּלייגן אין אַ זייט, — רופֿט זיך אָפּ איינער פֿון זיי, — זאָגט אונדז, וואָס ווילט איר אייגנטלעך זען אין טאָקיאָ?

— קוידעמקאָל, ווייזט אונדז אָן ווו און אַף וואָס פֿאַר אָן אויפֿן וועדט דאָ באַקעמפֿט דער פֿאַשיזם?

אַלע האָבן זיך פֿאַרטראַכט, נאָר איינער, אַ זשורנאַליסט פֿון אויסטראַליע האָט געענטפֿערט:

— איך גלויב, אַז אין געריכט, באַם פּראָצעס... נאָר קען זיין, אַז איך האָב אַ טאָעס... יעדנפֿאַלס פּרוווט צוגיין אַהין, עפּשער וועט אייך דאָרט פּאָרט עפּעס פֿאַרינטערעסירן.

קעדיי מען זאָל קענען בייזיין דעם פּראָצעס אין טאָקיאָ מוז מען פאַרבייגיין דאָס מאַסיווע הויז פון מאַק־אַרטורס שטאַב, וואָס איז געבויט אין דער פאָרעם פון אַ פירקאַנטיקן קאַסטן; דורכקרייצן דעם אימפּעראַטאָרס פּאַלאַץ; אויסמיידן די אַמעריקאַנער וואַך, וואָס היט אָפּ דעם אַריינגאַנג אין דעם פּאַלאַץ פון אימפּעראַטאָר היראהיטאָ; דורכשפּאַנען אומענדלעכע קוואַרטאַלן מיט רעשטלעך פון אָפּגעברענטע הייזער, ווו עס הויבן זיך שוין ביסלעכווייז אָן צו מערקן סימאָנים פון אַ שטיקל לעבן, דערנאָך קומט מען ארויס אַף אַן אַלייע, וועלכע פירט אייך צו אַ בערגל, ווו עס שטייט אַ געביידע, וועלכע מען רופט אין יאַפּאַן „דער מילכאָמע־צענטער". אָט אין דער גרויסער מאָרעשכוירעדיקער געביידע האָבן די מיניסטאָרן און די גענעראַלן אויסגעכאָוועט די אידעע פון אַגרעסיע און פון וועלן באַזיגן די גאַנצע וועלט. דאָ אין דער געביידע פלעגן באַקומען אַ רעאַליסטישן און פּראַקטישן זין די אַלע מעשוגענע אַוואַנטוריסטישע פּלענער, וועלכע פלעגן געבוירן ווערן אין די טיפענישן פון דער יאַפּאַנישער אימפּעריאַליסטישער קליקע. דאָ, אין דער געביידע האָט מען אָנגעצייכנט אַף די לאַנד־קאַרטעס אַלע הויפּטריכטונגען פאַר אַלע אָנגרייפערישע אָפּעראַציעס פון דער יאַפּאַנישער קריגס־מאַשין.

איצט ווערן דאָרט אין אַ הילכיקן, האַלב־טונקעלן זאַל, געמישפּעט יאַפּאַנישע גענעראַלן און מיניסטאָרן.

איר מעגט זיין זיכער, אַז דאָ וועט איר ניט באַגעגענען די אַלע הויפּט־מילכאָמע־פאַרברעכער פון יאַפּאַן. איר וועט אויך ניט געפינען אין דעם זאַל די הויפּט־פּרעדיקער פון דער מילכאָמע, דאָך אָבער, וועט איר אָפּן באַנק באַ דער רעכטער וואַנט פון זאַל, ווו עס זיצן די באַשולדיקטע, דערזען אַ סאַך גוט־באַקאַנטע פּענעמער.

אייך וועט זיכער פרייען, וואָס סאָפקאַלסאָף האָט געפונען זיין פּאַסיקן אָרט אַראַקי סאַדאָאָ, דער אידעאָלאָגישער פירער פון די יאַפּאַנישע פּאַשיסטן, וועמענס לעבנס־ציל איז געווען אַ מאַרש אָפּן ראַטנפאַרבאַנד. אַראַקי, — דער אַפּאָסטאָל פון דעם אַזוי גערופענעם „קאַדאָ", דאָס הייסט די אידעע פון אימפּעראַטאָרס וועג, וועלכער האָט אין מעשעך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט פאַרסאַמט די מויכעס פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק מיט זיין העצע צו גיין אַף רוסלאַנד. אַראַקי האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אַז יאַפּאַן וועט בעשום אויפן ניט אימשטאַנד זיין צו פאַרווירקלעכן איר אויפגאַבע צו הערשן אַף אייביק איבער אַלע פעלקער, אויב עס וועט ניט דעראָבערן פאַר זיך „פּרימאַריע", די אַמור־געגנט, טראַנס־באַיקאַל און סיביר. אַלס יונגער אָפיציר נאָך, איז אַראַקי פאַרהאַלטן געוואָרן אין סיביר, ווי אַ שפּיאָן. דאַן האָט ער זיך ארויסגעדרייט מיט דער הילף פון אַ דיפּ־

לאָמאַטישער אַנטשולדיקונג און איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד. ער האָט זיך אָבער ווידער צוריקגעקערט אין סיביר אין דער צייט פון דער אינטערווענץ און זיינע אַכזאָריעסדיקע מייסים געדענקען נאָך ביז היינט די סאָוועטישע בירגער. איצט זיצט ער צווישן צוויי אַנדערע גע־נעראַלן: אומעדזי און מוטאָ. קורץ געשוירן, מיט שוואַרצע וואָנצעס, באַטראַכט ער מיט עפּעס אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט, אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין געריכט.

ווייטער וועט איר דאָרט אויך זען דעם יאַפּאַנישן געזאַנדטן אין דייטשלאַנד אָסימאַ הירואָסי, איינעם פון די שעפער פון דעם אַזוי גערו־פענעם אַנטיקאָמינטערן־פּאַקט. אָסימאַ איז אויך געווען איינער פון אַראַ־קים נאָענטסטע מיטאַרבעטער. אָסימאַ האָט געוווּסט פון אַ סאַך סודעס. היטלער האָט אים אָנפאַרטרויט אַלע זיינע פאַרבאָרגענע מאַכשאָוועס. מיט דריי וואָכן פאַר דעם, ווי דייטשלאַנד איז איבערגעפאַלן דעם ראַטנ־פאַרבאַנד, האָט שוין אָסימאַ אינפאָרמירט טאָקיאָ, אַז אין דריי וואָכן אַרום פאַנגט זיך אָן די מילכאָמע צווישן דייטשלאַנד און דעם ראַטנ־פאַרבאַנד, און אַז דאַן וועט קומען דער גינסטיקסטער מאָמענט אַז יאַפּאַן זאָל אַ סאַך מאַכן מיט די טו״אַנס־בייקאַלער און פּרימאָריער געגנטן. אָסי־מאַ פלעגט אָנרעגן זיינע פריינט אין טאָקיאָ, דערמאָנענדיק זיי אַז גאָר אינגיכן וועט קומען דער טאָג, ווען עס וועט מעגלעך ווערן צו פאַר־ווירקלעכן די הונדערטיאָריקע כאַלוימעס און פלענער פון דעם אַגרעסיוון יאַפּאַן.

נאָענט לעבן דער טריבונע פאַר די געהויבענע געסט, קימאַט אויפן עק פון דער באַשולדיקונגס־באַנק זעט מען דעם קליינעם, פּיפּיקן דייכאַראַ קענדזי — דעם שעפער פון דעם „מוקדענער אינצידענט". דער גענעראַל־שפּיאָן האָט געשעמט אין יאַפּאַן ווי אַ ספּעציאַליסט פאַר טונקעלע און בלוטיקע מייסים. ער פלעגט עס אָפּראַמען פון דעם וועג אַלע יענע רע־גירונגס־לייט וועלכע האָבן אים געשטערט באַם דורכפירן עפּעס אַ נייעם „אינצידענט". דאָס האָט ער געבראַכט אין מאַנדזשוריע דעם כינעזישן פּרינץ פו־אי און מיט דער הילף פון אָט־דעם פאַכמאַנישן אינגל געוואָרפן דאָס מאַנדזשורישע פאָלק צו די פיס פון יאַפּאַן.

מיט אים צוזאַמען אין דער זעלבער ריי זיצט טאַדזיאָ כידעקי, וועלכער האָט אויך אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע קאַריערע מיט זשאַנדאַר־מישע שטיק. אָט־דער אויסשפּירער, וואָס האָט זיך אַריינגעדרייט אין דעם שטאַב פון דער קוואַנטונער אַרמיי, און האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער פּאַסיקער מענטש נאָך אַזעלכע היפיש, ווי מיצוביסי און מי־צואַי, וועלכע זיינען אַגעוו אויך איצט פאַרבליבן אין שאָטן. טאַדזיאָ האָט בליץ־שנעל געשטיגן אויף דעם יעראַרכישן לייטער. אויפן געריכט

פאַרדעקט ער אָפּט זיין פּאָנעם מיט די הענט און איינגעבויגן איבער זיי־נע נאָטיצן גלעט ער זיין פּליכעוואַטן קאָפּ.

עס באַקומט זיך אַן איינדרוק אַז ער האָט מוירע זיך צו טרעפן פּאָ־נעם־על־פּאָנעם אַפּילע מיט דעם קליינעם הייפּעלע יאַפּאַנער, וועלכע מען האָט צוגעלאָזט צום פּראָצעס.

טאָדזיאָ איז געווען פּרעמיער־מיניסטער און גלייכצייטיק אויך קריגס־מיניסטער אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דאָס האָט ער געשלאָסן דעם מיליטערישן בונד מיט דייטשלאַנד און איטאַליע, אויך צו אים געהערט דער באַפּליגלטער אויסדרוק אַז דער בונד איז געבאַסמעט מיט בלוט אויף אייביק.

דער גרעסטער פאַרדינסט איז פאַר טאָדזיאָ געווען דער פאַקט, וואָס זיין האַנט האָט אָנגעפירט מיט דער יאַפּאַנישער קריגס־מאַשין.

איבערהויפּט די אַלע וואָס זיצן איצט פאַרן געריכט האָבן געהאַלטן פאַרן גרעסטן קאָוועד און גדולע דאָס, וואָס די גאַנצע וועלט באַצייכנט איצט אַלס גזיילע, רעציכע און שאַנד.

פינף און צוואַנציק מיניסטאָרן און גענעראַלן (פריער זיינען זיי געווען אכט און צוואַנציק, נאָר צוויי פון זיי האָבן באַוויזן צו שטאַרבן און איינער איז מעשוגע געוואָרן), הערן אויס טויזנטער דאָקומענטן, באַ־ווייזן פון איידעס, מעלדונגען, אַקטן, דיפּלאָמאַטישע מעמאָראַנדומס, וועלכע די באַשולדיקונג לייענט פאַר פאַר עלף ריכטער, געשיקטע קיין טאָקיאָ פון די פאַראייניקטע פעלקער. און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער גאַנצער פּראָצעס ווערט געפירט לאַנגזאַם און שלאַבערדיק, איז ער דאָך מאַסרע, אַז מען טאָר ניט אַזוי אומבאַשטראָפט וואַרפן אַ פאָלק אין וואָלפס הונגעריקן פּיסק.

דער מישפּעט אין טאָקיאָ פירט אייך, אָבער אין דער זעלבער צייט טוט ער אייך אויך ווי. ער דערפרייט אייך אין יענע טעג, ווען עס טרעטן אַרויס די באַשולדיקער. זאָל זיין כאָטש אויף איין רעגע, דאָך שאַפט זיך באַ אייך אַן אילוזיע, אַז די גאַנצע וועלט הערט זיך צו צו זיי. שוין דער פאַקט אַליין, אַז עס ווערט געפירט אַ מישפּעט, רופט אַרויס אַ האָפענונג, אַז דער פּראָצעס וועט אָפּהיטן די מענטשהייט פון אַזעלכע לייט ווי אַראַקי, אָדער טאָדזיאָ, ווייל די גערעכטיקייט דינט ניט נאָר קעדיי צו באַשטראָפן די פאַרברעכנס, נאָר זי דינט אויך אַלס אַ שטרענגע וואָרענונג פאַר אַלע די, וואָס ווילן וואָגן צו שטערן דעם שאָלעם.

צום גרויסן באַדויערן אָבער, זעט אויס דער מישפּעט אין טאָקיאָ אַזוי ווי ער וואָלט קיינעם ניט אָנגעגאַנגען און אויך קיינעם ניט גע־וואָרנט. דאָס הויז, ווו עס זיצט דאָס געריכט איז, שיינט מיר, דאָס איינ־ציקע אָרט אין יאַפּאַן, ווו עס ווערט באַשולדיקט דער פאַשיזם. דער קאַמף מיט דער גאַנצער נאַציאָנאַליסטישער סיסטעם, וועלכע האָט דערפירט

יאפאן צו א מילכאמע און צו א נידערלאגע, איז איצט אפגעצוימט מיט די פיר ווענט פון דעם געריכט־זאל פון דעם גרויסן גרויען הויז, וועלכעס האט אמאל געהייסן „דאס מילכאמע־הויז".

צוויי וואכן נאכאנאנד זיינען אפן מישפעט אין טאקיא ארויסגעטראטן באשולדיקער מיצאד דעם ראטנפארבאנד. עמעס עס זיינען אויך געוועזן פרווון זיי צו שטערן ריידן, קענען זיי איז ארויסגעטראטן דער אמעריקאנער אדוואקאט קאנינגהעם. ער האט איבערגעגעבן פאר די זשורנאליסטן א געשריבענעם „אינטערוויו", וועלכער האט אויפגעקלערט זיין פאליטישע שטעלונג. קענינגהעם האט דערקלערט, אז זיין מיינונג ווערט געשטיצט פון אלע זיינע קאלעגן־אדוואקאטן, וועלכע זיצן מיט אים צוזאמען באם רונדן טיש פון די פארטיידיקער אפן מישפעט.

— ווי געפעלט אייך די פלוידעריי? — פרעגט בא מיר א וואשינגטאנער זשורנאליסט, איבערגעבנדיק מיר קענינגהעמס אינטערוויו.
— דער דאזיקער אדוואקאט האלט פאר ניט לאגיש „אז רוסלאנד זאל זיין איינע פון די באשולדיקונגס־מעדינעס באם מישפעט".

און אין דעם טאג, ווען עס איז ארויסגעטראטן דער הויפט־באשולדיקער פון דעם ראטנפארבאנד — סערגיי גאלונסקי — האט קענינגהעם דערקלערט, אז די ריכטער זיינען גארניט מעכוייעוו אויסצוהערן א רעדע אין וועלכער עס זיינען פאראן צופיל אלגעמיינע געדאנקען, וועלכע האבן קיין שום שייכעס ניט צום פראצעס.

צום גליק אבער איז דער פארזיצער פון געריכט, וועבב, א מאן מיט א נייגונג צו לייענען מוסער די „פארבלאנדזשעטע יאפאנישע גענעראלן און זייערע אדוואקאטן", אבער דאך א מענטש מיט א געזונטן פארשטאנד, האט געשטיצט ניט קענינגהעמען, נאר דאווקע גאלונסקין, און יענער האט געהאלטן זיין רעדע. אין איר איז ארומגעכאפט געווארן קימאט א פופציקיאריקער פעריאד פון דער יאפאנישער אגרעסיע אף רוסלאנד.

גאלונסקי האט דערמאנט די ריכטער, די אדוואקאטן און די אלע וועלכע פירן איצט אן מיטן גוירל פון יאפאן, אז עס איז אומבאדינגט וויטיק צו באקעמפן דעם מיליטאריזם, די אגרעסיע, די פאשיסטישע אידעאלאגיע שוין בא זייער אנטשטייונג.

דער געדאנק וואלט געוועזן זייער נוצלעך פאר די, וועלכע וואלטן געוואלט אויפריכטיק זיך צוהערן צו אים, ווייל אין טאקיא ווערט גארניט געמישפעט דער פאשיזם, מען פארדאמט ניט די רעאקציע, מען שטעלט גאר ניט צום שאנד־סלופ זייערע באגייסטערער און אידעאלאגן, אדרבה פארקערט — מען גיט זיי אלע מעגלעכקייטן צו פירן א רעגירונגס־טעטיקייט. דערפאר טאקע האלט אויף יאפאן ביז היינט צו טאג די גענעראל־שטאבן פון איר ארמיי און פלאט, און צו דעם העלפן זיי צו די

אמעריקאנער. עמעס, איר וועט אינערגעץ נישט געפינען א הויז מיט א שילד „ג ע נ ע ר א ל - ש ט א ב". ער עקזיסטירט אבער. די גענעראלן און די אדמיראלן פון די שטאבן, אלע זייערע פערסאנאלן, געפינען זיך ווי פריער אף זייערע פאסטנס. ס'איז פאר קיינעם ניט קיין סאד, אז אפילע דער שעף פון דעם אויסשפיר־דינסט באם גענעראל־שטאב פון דעם יאפאנישן קריגס־פלאט, דער וויצע־אדמיראל מאעדא מי־נאכא, קומט צופארן יעדן טאג ציוויל געקליידעט צו א הויז וואס איז פארנומען דורך דער אזוי גערופענער דעמאביליזירונגס־קאמער. די קאמער איז בלויז א שפאניש ווענטל, הינטער וועלכן עס באהאלטן זיך אוים אלע אנפירער און אלע אפטיילונגען פון די צוויי יאפאנישע גענעראל־שטאבן, דאס הייסט דער „סטראטעגישער מארק" פון דעם „טענא". (טעננא באדייט אף דער יאפאנישער שפראך — דער אימפעראטאר). אפילע דער שעף פון דער אפעראטיווער דינסט פון דעם גענעראל־שטאב, — דער גענעראל־לייטענאנט מיאדזאקי סאיטי, זיצט נאך אלץ ווי פריער אף זיין פאסטן. ער הייסט נאר איצט מיט אן אנדער נאמען: שעף פון דער אפטיילונג פאר שטודירן די געשיכטלעכע געשעענישן. עס ווייזט אוים, אז די געשיכטע האט אים נאך גארניט אויסגעלערנט. קימאט דער גאנצער פערסאנאל פון דער פינפטער (רוסישער) אפטיילונג פאר אויסשפיר־דינסט באם גענעראל־שטאב ווערט איצט אויסגענוצט אין דעם ערשטן דעמאביליזירונגס־ביורא.

און אט די אלע ציוויל־געקליידטע מענטשן פארנעמען זיך מיט אינ־יאנים, וועלכע געפינען זיך זייער, זייער ווייט פון דעמאביליזאציע־טעטיקייט.

אין אוונט פארלאזן מיר דאס מארעשכווירעדיקע „מילכאמע־הויז" מיט עפעס אן אומרויִקן און פארדריסלעכן געפיל. מעגלעך, אז דער גאנצער מישפעט אין טאקיא איז אויך א מין דעמאקראטישער פארהאנג הינטער וועלכן עס באהאלטן זיך אוים טויזנטער קליינע און גרויסע אי־דעען־פירער פון דזייביצו; א פארהאנג וואס פארשטעלט פון דעם יאפאנישן פאלק און אויך פון דער גאנצער וועלט די מעטאל־ און קוילן־מאגנאטן, די הערשער פון אלע יאפאנישע רייכטימער. זיי ווייסן גאנץ גענוי אז די אלע אראקים, טאדזיאס, דייכאראס און היראנומאס, וועלן ווערן פארטראטן דורך אנדערע, וועלכע וועלן אויך זיין געהארכזאמע שקלאפן פון די קאפיטאליסטישע מאנאפאלן „דזייביצו", פון די ריזיקע טרוסטן מיצוביסי, מיצואי, סומיטאמא און יאסודא. דאס האבן זיי באשאפן די יאפאנישע קריגס־מאשין, די גאנצע סיסטעם פון רעאקציע און מליטאריזם און איצט שטיצן זיי יאסידאס קאבינעט פונקט אזוי ווי זיי האבן פריער פארפעסטיקט דעם קאבינעט פון טאדזיא. עמעס, דער פראצעס וואלט בא אנדערע אומשטענדן געקענט דערלאנגען א טויט־קלאפ

די אַלע פּעאָדאַלע, רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע קויכעס פון יאַפּאַן. אָבער איצט רירט ער זיי אַפילע ניט אָן.

די פינצטערע רעאַקציע לעבט און זי איז טעטיק פונקט ווי פריער.

## — 3 —

אַף מאָרגן אינדערפרי גייען מיר אַרויס אַפן אימפּעראַטאָר־פּלאַץ. היינט שטעלט ער מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקן מיטלפּונקט פון דעם יאַפּאַנישן פּאָליטישן לעבן. אַף איין זייט פּלאַץ געפינט זיך דער רייזיקער מויער, וואָס איז באַזעצט פון מאַק־אַרטורס גענעראַל־שטאַב; אַף דער אַנדערער זייט פּלאַץ, שטייט דעם אימפּעראַטאָרס פּאַלאַץ, אָפּגעצוימט מיט אַ פעסטער שטיינערנער וואַנט און אַרומגערינגלט מיט א ברייטן וואַסער־קאַנאַל, וועלכער פאַרשטעלט דעם וועג צום קאָדשע־קאַדאָשים פון דער יאַפּאַנישער אימפּעראַטאָרשער דינאַסטיע.

איך מאַך אַ פּרוּו זיך צו דערנענטערן צום טויער פון דעם אימפּעראַטאָרס פּאַלאַץ. נאָר מיך שטעלט אָפּ אַן אַמעריקאַנער זעלנער, וועלכער שפּאַנט אַרום איבער אַ שמאָלער מיט געלן זאַמד באַשאָטענער סטעזשקע, מיטן ביקס אַפן אַקסל. זעקס טריט פאָרויס — זעקס טריט צוריק. ער באַוועגט זיך פונקט ווי אַן אויטאָמאַט, לייגט ניט קיין שום אַכט אַף די אַרומיקע און שטעלט זיך אָפּ נאָר דאַן, ווען עמעצער דערנענטערט זיך צום טויער. דאַן מאַכט ער אַ באַפעלערישע באַוועגונג מיט דער האַנט, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז מען מוז זיך האַלטן וואָס ווייטער פונעם טויער. דער זעלנער רעדט ניט אַרויס קיין איינציק וואָרט, פונקט ווי עס וואָלט צו אים איבערגעגאַנגען בעיערושע פון די יאַפּאַנישע אימפּעראַטאָרס, די לאַנגיאָריקע אייגנשאַפט צו שווייגן און צו סוידעס.

דאָך איז מעגלעך אַריינצודרינגען אין די סוידעס פון דעם אימפּעראַטאָרס פּאַלאַץ אַפילע ניט זייענדיק דאָרט. געזען האָב איך דעם יאַפּאַנישן אימפּעראַטאָר אין יענעם טאָג, ווען ער האָט איבערגעגעבן פאַרן פאָלק די נייע „קאָנסטיטוציע“. אַזוי יערנפאַלס האָט פאַרזיכערט די אַמעריקאַנער צייטונג „סטאַרס ענד סטרייפּס“. לויט איר באַגייסטערטער באַשרייבונג, איז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק געוואָר געוואָרן, אַז זונטיק באַטאָג איז עס (דאָס הייסט — דאָס פאָלק) איבערגעגאַנגען פון אַ האַלב־פעאָדאַלן צושטאַנד צו אַ קאָנסטיטוציאָנעלער דעמאָקראַטיע. דער אימפּעראַטאָר היראָהיטאָ, דער הונדערט פיר און צוואַנציקסטער הערשער פון אַ פּערמאַנענטער ליניע, וועלכע ציט זיך שוין קימאַט צוויי טויזנט זעקס הונדערט יאָר אָן איבעריַיס (אַזוי פאַרזיכערט עס די יאַפּאַנישע געשיכטע), האָט אַרויסגערעדט מיט אַן אָנגעשטרענגטער שטימע עטלעכע ווערטער, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט די נייע יאַפּאַנישע קאָנסטיטוציע

פון אַן איינפאַכן דאָקומענט, וועלכן דער פּאַרלאַמענט האָט באַשטעטיקט, אין אַ לעבעדיקער דערקלערונג פון אַ פאָלק וואָס שטרעבט צו אַ נייעם לעבן נאָך זיין ערשטער מאַפּאָלע.

דער קליינוווּקסיקער מיטליעריקער הערשער האָט געמאַכט אַ דער־קלערונג אין זיין דעקרעט, וועגן אַ שפּאָגל־נייעם געזעץ, וואָס עפנט פאַרן לאַנד אַ וועג צו שאָלעם־פּרינציפּן און גיט איבער די הערשאַפט פון זיינע הענט אין די הענט פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק.

איך בין אויך בייגעווען יענע געשעעניש וועגן וועלכע עס האָט מיט אַזעלכע הויכע פראַזן באַשריבן די אַמעריקאַנער צייטונג „סטאַרס ענד סטרייפּס". הירהיטאָ איז אָנגעקומען אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט פערד „נאָ־שפּיץ". באַם אַריינגאַנג אין פּאַרלאַמענט האָבן אים אָפּגע־וואַרט אַלע דעפּוטאַטן, געקליידט אין שוואַרצע אַנצוגן. אין מאָמענט ווען דער אימפּעראַטאָר האָט איבערגעטראָטן די בעטאָנענע סטעזשקע, זיינען זיי אַלע געפאַלן „קוירים". דערנאָך האָבן זיי אים אָפּגעפירט, אָבער ניין, אפילו ניט אָפּגעפירט, נאָר פּאַשעט געטראָגן זייער הער־שער אַף די הענט אין סאַלאָן אַריין, ווּ עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די געסט — דיפּלאָמאַטן, גענעראַלן, אָפיצירן, זשורנאַליסטן פאָטאָגראַפן פון אַלע עקן פון דער וועלט. אַלע אָנוועזנדע האָבן עס אויפגענומען ווי אַ פאַרווייקלנדיקע טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונג.

דער אימפּעראַטאָר איז אַריין אין סאַלאָן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אַזוי גערופענעם דעמאָקראַטישן אַנצוג. פּונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן איז ער אַרויפגעשטיגן צום טראָן. אַלע פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן האָבן זיך ווידער פאַרנויגט פאַר אים ביז צו דער ערד און זיי זיינען געבליבן שטיין אין דער פּאָזע ביז דער „דעמאָקראַטישער" פּרעמיער־מיניסטער יאָסידאַ סיגערו איז אַרויף מיט קליינע, קורצע טריטעלעך אַף אַ טריבונע, קעדיי צו באַדאַנקען זיין אימפּעראַטאָר פאַר דער געשאָנקענער קאָנסטיטוציע.

הירהיטאָ האָט פאַרגעלייענט דעם דעקרעט מיט אַ שטילער שטי־מע, וועלכע מען האָט קוים געהערט.

„היינט, — האָט געזאָגט הירהיטאָ — האָב איך באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן די קאָנסטיטוציע פון דעם יאַפּאַנישן לאַנד, די קאָנסטי־טוציע, וועלכע פאַרבעסערט די אַלע ביז איצטיקע אימפּעראַטאָרשע קאָנ־סטיטוציעס, שטרעבט איבערצובויען דאָס לאַנד לויט די פּרינציפּן, וועל־כע זאָלן זיך קענען צופּאַסן צו דער גאַנצער מענטשהייט".

יאָסידאַ און די וואָרטזאָגער פון פּאַרלאַמענט האָבן געדאַנקט זייער אימפּעראַטאָר. זיי האָבן אים באַטיטלט אַלס „רעטער פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק". נאָך דעם איז דער אימפּעראַטאָר אַרויס פון דעם סאַלאָן און אַלע דעפּוטאַטן פונעם פּאַרלאַמענט האָבן זיך ווידער פאַרנייגט פאַר אים. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן מיר נאָך געקענט זען, ווי יאָסידאַ צוזאַמען מיט

זיינע פריינט זעצן אריין עפּעס אַ קליינוווּקסיקן בייכיקן מענטשעלע אין ברילן, אָבער דאָס מאָל שוין ניט אין אַ קאַרעטע, נאָר אין אַן אויטאָ־מאָביל.

דעם זעלבן טאָג אַרום צוויי אַזייגער נאָכמיטיק האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ אַ האַמוין פון יענע מענטשן, וועלכע זיינען שטענדיק גייציק אויף פאַרשטעלונגען. דער אימפּעראַטאָר מיט זיין פרוי זיינען אַרויס און זיך דריי מאָל פאַרנייגט פאַרן פאַרזאַמלטן עולם. אַלע זיינען געפאַלן אויף די קני. דער אימפּעראַטאָר האָט אָנגענומען זיין ווייב אונטערן אָרעם און אַוועק מיט איר צוריק. מען האָט זיי אָבער אָנגעיאָגט און אויפגע־הויבן אויף די הענט. עמעצער פון צווישן עולם האָט אָנגעהויבן צו זינ־גען דעם אַלטן נאַציאָנאַלן הימן. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אים אונטערגעכאַפּט, און עס איז ניט קיין וווּנדער, ווייל דאָ האָבן זיך דאָך פאַרזאַמלט בלויז די אָנהענגער פון סידעהאַרא און יאָסידאַ, און פאַר זיי איז היינט געווען אַ „גרויסער טאָג". עס איז עפּשער אויך גאַנץ מעגלעך, אַז דער קאָרעספּאָנדענט פון „סטאַרס ענד סטרייפּס" איז געווען גערעכט מיט זיין שרייבן, אַז הירָאָהיטאָ איז גאָרניט געווען צעטומלט אין דעם טאָג פון דער אויפלעבונג פון דער אימפּעריע. ווייל אין יענעם טאָג האָט ער געגעבן צו וויסן וועגן זיך, און זיך ווידער צוריקגעקערט צו דער מאַכט. ניט דער אימפּעראַטאָר, יענער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין מאַכט, ניט „טעננאָ", ווי מען רופט דעם אימפּעראַטאָר אין יאַפּאַן, נאָר עס איז רעסטאַווּרירט געוואָרן דער „טעננאָיִזם".

דעריבער קענען ניט די אַלע מענטשן וועלכע שטרעבן צו אַ פרייען דעמאָקראַטישן יאַפּאַן, גלייכגילטיק צוזען דאָס אַלץ, אַז עס זאָל באַ זיי זיך ניט דערוועקן אַ געפיל פון אומרויִקייט.

דער טעננאָיִזם האָט געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַנט־וויקלונג פון דעם פאַשיזם אין יאַפּאַן. ער האָט שטענדיק געדינט פאַר אַ פעסטונג פאַר די אַלע פעאָדאַלע עלעמענטן, וועלכע האָבן אומעטום און שטענדיק מיט אַ גוואַלדיקער אַקשאָנעס געפירט אַ לעבהאַפטע פּראָ־פּאַגאַנדע אין דעם זין, אַז יאַפּאַן ווערט אָנגעפירט פון אַ לעבעדיקן גאָט — טעננאָ. אין נאָמען פון טעננאָ פלעגן ווערן דורכגעפירט אַלע פּאָלי־טישע עקאָנאָמישע און מיליטערישע איניאָנים. און דאָס פאָלק האָט אַפי־לע ניט געהאַט קיין רעכט צו צווייפלען אין דעם. אין די טעמפּלען, אין די אוניווערזיטעטן, אין שולן און אויף דער גאַס, פלעגט מען איינפלאַנצן אין פאָלק אַ געדאַנק, אַז אַלץ וואָס עס ווערט דורכגעפירט אין נאָמען פון טעננאָ, איז הייליק, און שום זינד און דעריבער מוז עס ווערן אויס־געפאָלגט מיט אָפּשיי און דערעכערעץ. אַזוי אַרום האָט טעננאָ און טענ־נאָיִזם געהאַלטן אין אַ בלינדער אונטערטעניקייט דעם זיבעציק־מיליאָניקן יאַפּאַנישן פאָלק.

איצט לעבן ווידער אויף, א דאנק די אמעריקאנער, אלע יענע אי־דעען, וועלכע האָבן זיך שטאַרק א וואקל געטאָן אין די ערשטע טעג פון יאפאנס מאַפּאָלע.

נאָך אין די לעצטע יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז געווען פאַרעפנטלעכט אין יאפאן „דעם אימפּעראַטאָרס קאָנסטיטוציע". דאָן איז זי אויך געווען ארויפגעצוואונגען אפן יאפּאנישן פאָלק אין נאָמען פון טעננאָ און קיינער האָט אפילו ניט געוואגט זיך ארויסצוזאָגן קעגן איר, ווייל זי האָט געטראָגן א „געטלעכן" כאַראַקטער.

דאָס אָפּגענאַרטע, געפּלאָגטע יאפּאַנישע פאָלק, אָנגעשראָקן מיט אור־אַלטע פעאָדאַלע אבערגלויבענישן, וועלכעס האָט געשמאַכט אין פינצ־טערניש און אָרעמקייט, האָט אפילו ניט פארשטאַנען אז די קאָנסטיטו־ציע וואָס מ'האָט אים קלוימערשט געשאָנקען, אין נאָמען פון טעננאָ, איז נאָר געווען א מיטל, קעדיי צו שאַפן א באַרעכטיקן געזעץ צו צורויבן זיין פרייהייט. און עס איז גאָר קיין וווּנדער ניט, אז די יאפּאַנער האָבן ווידער געגלויבט אין דער געטלעכקייט און אויסדערוויילטקייט פון טעננאָ, ווייל אין מעשעך פון לאַנגע יאָרהונדערטער האָט מען זיי אין דעם איינ־געַרעדט. די באַוווּסטע דראָשע „סאָנאָראָן", אין וועלכער דער אימפּעראַ־טאָר ווערט פאַרהייליקט, אַלס א גאָט (די דראָשע איז איבערהויפּט פאַר־שפּרייט געוואָרן נאָך מיידזים רעוואָלוציע), האָט אין פארלויף פון הונ־דערט יאָר באַהערשט די יאפּאַנישע מויכעס און פאָלקס־געפילן. און מיט דער דראָשע האָט זיך באַנוצט דער מיליטאַריזם אף דעם זעלבן אויפן, ווי ער האָט אויך אויסגענוצט די גאַנצע טעננאָיִסטישע סיסטעם. דער יאפּאַנישער מיליטאַריזם האָט דערקלערט די טעננאָ־סיסטעם פאַר אַן עמונע, און פאַרמאַסקירט זיין גייציקייט און אגרעסיע־פּלענער מיט א זאַץ פון איינעם פון די אוראַלטע אימפּעראַטאָר־דעקרעטן — „אכט עקן אונ־טער איין דאַך".

דער זעלבער טעננאָיִזם האָט אין זיין צייט אויך מיטגעהאָלפן די פעאָדאַלע מישפּאָכעס מיצוביסי, מיצואי און סומיטאָמאָ זיך צו פאַר־וואַנדלען אין מאָנאָפּאָליסטישע הערשער איבער אַלע יאפּאַנישע נאַציאָ־נאַלע רייכטימער. ער האָט אויך מיטגעהאָלפן אַלע „דזייבאַצו"־מישפּאָ־כעס און אויך די אַלע זיי געהאָרכזאַמע און אונטערטעניקע מיניסטאָרן און גענעראַלן א שליידער צו טאָן דאָס יאפּאַנישע פאָלק אף די פעלדער פון מאַנדזשוריע און אף די כינעזישע שטעט. אפילו אין יענע צייטן ווען די יאפּאַנישע רעאקציע האָט מיט אוממענטשלעכער אַכזאָריעס דער־שטיקט די דעמאָקראַטישע קויכעס, איז פאַרן פאָלק דאָס פאַרטייטשט געוואָרן אַלס אַן אומבאַדינגטער אקט אף צו באַשיצן דעם טעננאָיִזם. און ווען עס איז געקומען דער מאָמענט און די יאפּאַנישע מיליטאַריסטן האָבן נאָר דערפילט, אַז זייער אומקום איז אומפּאַרמיידלעך, האָבן זיי קוידעמ־

קאָל געזאָרגט, עס זאָל פאַרבלייבן אין איר פולשטענדיקער אומבאַווירלעכקייט זייער לעצטע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע — דעם אימפּעראַטאָרס פּערזאָן און די טעננאָ־סיסטעם.

עס האָט געשיינט, אַז נאָכן באַזעצן יאַפּאַן וועלן די אַמעריקאַנער פאַרשטיין די אוממעגלעכקייט פון אַ צוזאַמענלעבן פון דער געטלעכקייט פון דעם אימפּעראַטאָרס פּערזאָן און די הייליקייט פון אַלע זיינע טאַטן מיט די הויפּט־פּרינציפּן פון אַ דעמאָקראַטיע: די פרייהייט פון מענטשן און פון מענטשלעכן געוויסן. אָבער שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז די דעמאָקראַטיזאַציע איז גאָר ניט געווען דער הויפּט־ציל פון מאַק־אַרטורס פּאָליטיק, ווייל ער האָט געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, אַז עס זאָלן פאַרבלייבן אומבאַרירט אַלע גייסטיקע, מאָראַלישע און פּאָליטישע פּרינציפּן, וועלכע דער טעננאָיזם האָט געשאַפן.

די נייע קאָנסטיטוציע, וועלכע איז אַריין אין קראַפט אין אָנפאַנג פון יאָר 1947, הויבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„טעננאָ איז דער סימבאָל פון יאַפּאַן, פון דער סאָלידאַריטעט פון דער יאַפּאַנישער נאַציע און זיין פּאָזיציע איז באַשטימט דורך דעם העכסטן אַלגעמיינעם ווילן פון דעם גאַנצן יאַפּאַנישן פאָלק“.

ס׳איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיטן אימפּעראַטאָר הי־ראָהיטאָ בעיים ער פלעגט דורכפירן זיינע אַזוי־גערופענע אויספלוגן „צום פאָלק“. מען האָט געקענט לייכט באַמערקן ווי אַזוי די אַמעריקאַנער פּאָליציי צוזאַמען מיט דער יאַפּאַנישער, שטרענגט זיך אָן, קעדיי צוצוגרייטן דאָס פאָלק צו דער פייערלעכער באַגעגעניש. מען פלעגט אַרויספירן אויפן פּלאַץ קליינע קינדער, די שול־יוגנט מיט די נאַציאָנאַלע יאַפּאַנישע פּענער אין די הענט, מען פלעגט צוזאַמענטרייבן עפּעס אַלטע לייט און זיי צווינגען צו פאַלן אויף די קני, פאַר עפּעס אַ קליין מענטשעלע, אַ פאַרזעעניש אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אַנצוג, ווייס העמד און אַ ווייכן הוט, וועלכער איז געזעסן אויף הויכע קישנס פון אַן אַמעריקאַנער לוקסוס־אויטאָמאָביל.

עס איז צו מערקן אַז אויך איצט אין אַ צייט וועלכע מאַק־אַרטורס שטאַב באַצייכנט אַלס די נייע ערע אין דעם לעבן פון יאַפּאַן, איז דער טעננאָיזם פאַר עמעצן זייער נויטיק, און דערפאַר ווערט ער אויפגעהאַלטן, געשטיצט און אַפילע דערהויבן.

ס׳איז אויך עמעס אַז אין דער זעלבער צייט בלאָנדזשען אַרום איבער די יאַפּאַנישע שטעט און דערפער נאָך צוויי אימפּעראַטאָרס, און יעדער פון זיי פאַרזיכערט אַז ער איז דער איינציקער און עמעסער אָפּשטאַמער פון דעם אימפּעראַטאָר מיידזי. און כאָטש מען רופט זיי אָן פאַלשע אימפּעראַטאָרס, דאָך פירט יעדער פון זיי זיין הויף, פאַרמאָגט

אייגענע הויף־לייט, הויף־מאַרשאַלן און אַדיוטאַנטן און זיי פירן דורך זייערע הויף־אויפנאַמעס אין סאַמע האַרץ פון טאָקיאָ.

מיט איינעם פון זיי — אימפּעראַטאָר קאַטאַיאַמאַ, — האָב איך זיך איינמאָל באַגעגנט אין טאָקיאָ. באַ אים איז היראָהיטאָ אַן אוזורפּאַטאָר און ער האָפט אַז גאָר אינגיכן וועט ער, און ניט קיין אַנדערער, פאַרנעמען דעם טראָן פון יאַפּאַנישן אימפּעראַטאָר.

מיינט אָבער ניט, אַז די צוויי זיינען פּאָשעטע מעשוגאָים. דאָס זיינען פּיפּיקע אַוואַנטוריסטן, וועלכע נוצן אויס אַף אַ געשיקטן אויפן דעם טעננאָ־„אידעאַל” און מיט זיין הילף פירן זיי דורך אַף אַ גאָר געשיקטן אויפן אַלע פאַר זיי גינסטיקע און נוצלעכע קאָמבינאַציעס.

ווי עס זאָל אָבער ניט זיין קען מען פעסטשטעלן אַז דער גענעראַל מאַק־אַרטור האָט געטאָן אַלץ וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען, אַז דער טעננאָיִזם, די אידעאָלאָגישע פעסטונג פון דער יאַפּאַנישער רעאַקציע, וועלכע הייבט אָן ביסלעכווייז אויפצולעבן און אויפהויבן איר קאָפּ, זאָל ווידער לעבן און בליען.

איינמאָל נאָר האָט דער יאַפּאַנישער טעננאָיִזם באַקומען אַ גאָר אומגעריכטן קלאַפּ. דאָס איז געווען אַפן פּראָצעס אין טאָקיאָ, באַם אויספרעגן דעם געוועזענעם מאַנטשו־גאָ אימפּעראַטאָר: הענרי פּו אי. אין זאַל איז אריין אַ דערשראָקענער, דאַרער, בלייכער מאַן מיט אויגנגלעזער אין אַ שוואַרצער ביינערנער ראָם און האָט מיט אַ דערשראָקענער אַפּאַטישער שטימע אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיין „קייזערלעכן לעבנס־וועג”. ער האָט דערציילט, אַז זיין כינעזישער נאָמען איז אייזין־זשעכע, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1906. ווען ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט מען אים פּראָקלאַמירט אַלס כינעזישער אימפּעראַטאָר און אין דער עלטער פון פינף יאָר איז ער אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון טראָן. דערנאָך האָט ער געפירט אַ שטילן רויִקן לעבן אין בייפּין ביז אין אַ טאָג, ווען די יאַפּאַנער האָבן זיך אין אים דערמאָנט; פּלוצים האָט מען אים געבראַכט אין פּאָרט־אַרטור, און שפּעטער אין מוקדען. פּו־אי איז אויפגענומען געוואָרן פון דעם יאַפּאַנישן אימפּעראַטאָר, וועלכער האָט באַ דער געלעגנהייט אים געשאָנקען צוויי פון די דריי אויצרעס, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער געטן פון דער זון, אַ שווערד און אַ שפּיגל. די אויצרעס זיינען קלוימערשט געגעבן געוואָרן דורך דער געטן פון דער זון צו דעם טעננאָ, און באַ יענער געלעגנהייט זיינען אַרויסגערעדט געוואָרן די באַוווּסטע ווערטער: „אַכט עקן פון דער וועלט אונטער איין דאַך”. מיט די ווערטער הייבט זיך אָן דער רעסקריפּט פון דעם ערשטן יאַפּאַנישן אימפּעראַטאָר דזיממו און מיט די זעלבע ווערטער האָט זיך אויך אָנגעהויבן דער רעסקריפּט פון היראָהיטאָ, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן גלייך נאָכן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך צווישן יאַפּאַן, דייטשלאַנד און איטאַליע.

„אכט עקן פון דער וועלט אונטער איין דאך" באדייט: די גאנצע וועלט אונטער דעם יאפאנישן דאך.

אפן פראצעס אין טאקיא האט דאן פו־אי, דער „גאט", זיך אפנהאר־ציק מוידע געווען, אז ער האט נאר געדינט אלס א בלינד מאכטלאז געווער אין די הענט פון יאפאנישע אגענטן.

— ווי געפעלט דאס אייך? — האט מיך געפרעגט אין געריכט־זאל אן אמעריקאנער זשורנאליסט.

— דאס איז א שטארקער קלאפ פארן טעננאיזם, — האב איך גע־ענטפערט. דער אמעריקאנער האט א שמייכל געטאן און מיר ארייננגע־שעפטשעט שטיל אין אויער, אז דער וואך־אפיציר זאל ניט דערהערן:

— ס'איז אין דער זעלבער צייט אויך א קלאפ פאר דוגלאס מאק־ארטורן, וועלכער וואלט זיך ניט אפגעזאגט פארעכנט צו ווערן פאר א גאט.

ער האט מיר בא די ווערטער דערלאנגט א וואכנשריפט „ניפאן טײַמס", ווו עס איז געווען אפגעדרוקט אן ארטיקל וועגן מאק־ארטורן. דער טיטל פון דעם ארטיקל איז געווען: „דער מאן הינטער דעם באמבו־פארהאנג". דער מעכאבער פון יענעם ארטיקל איז געווען מילס וואון, א קארעספאנדענט פון דער „יונייטעד פרעס" אין טאקיא. איך פלעג זיך גאנץ אפט באגעגענען מיט מילס וואונען. דאס איז א קליינוווקסיקער, דיקער, רויטפענעמדיקער פארשוינדל, מיט א שטימע פון א בויך־רעדנער. מילס וואון איז געווען זייער נאענט צו מאק־ארטורן און אין זיין ארטיקל האט ער דערמאנט וועגן דעם, אז פארצייטנס פלעגט מען די יאפאנישע אימפעראטארס רופן: „מענטשן הינטערן באמבו־פארהאנג", ווייל די אימפעראטארס האבן געזען אלעמען, בעשאס קיינער האט ניט געהאט קיין רעכט צו זען דעם אימפעראטאר.

„ווייזט אויס, אז איצט איז ליידיק געווארן דאס פלאץ הינטער דעם באמבו־פארהאנג", — שרייבט מילס וואון אין זיין ארטיקל — „איז דאך גאנץ נאטירלעך אז מאק־ארטור מוז גלייך אוועקגעשטעלט ווערן אף דעם טראדיציאנעלן פאסטן, נאכדעם ווי ער האט זיך דערוויזן פארן יאפאנישן פאלק, מען זאל זיך צו אים בוקן, ווייל לויטן ארט דענקען פון די יאפאנער, מוז זיך ערגעץ ווו געפינען א שטארקע און פארבארגענע מאכט, וועלכע פירט אן מיטן גורל פון דעם לאנד. גענעראל מאק־ארטור איז געווארן דער באזיצער פון אזא מין מאכט. ער איז געווארן א מין אומדירעקטע אפשטאמונג פון דער געטן פון דער זון אמאטעראסו אמי־קאמי".

אין צוזאמענהאנג מיט דעם האט זיך מיר דערמאנט דער צארנדי־קער פראטעסט מיצאד דער יאפאנישער צייטונג „דזידזי־סימפא", ווו אין אן ארטיקל איז מען אנגעפאלן אף די שול־לערער פאר זייערע בא־

מיִונגען איינצוואָרצלען אין די מויכעס פון זייערע שילער דעם געדאַנק, אַז מאַק־אַרטור איז זייער געטלעכער אויסלייזער.

„ביז דער מאַפּאָלע פון יאַפּאַן”, — האָט געשריבן די צייטונג — „האָבן די זעלבע לערער פאַרזיכערט אַז דער אימפּעראַטאָר איז אַ גאָט. איצט ווידער פאַרטומלען זיי די יוגנטלעכע מויכעס מיט אַ פרישער פּלוי־דעריי, אַז אויך מאַק־אַרטור איז אַ גאָט. ניין, ביז וואַנען יאַפּאַן וועט זיך ניט באַפרייען פון אַזאַ מין אַרט דענקען, וועט אין יאַפּאַן ניט קענען זיין קיין דעמאָקראַטיע”.

יאָ! דאָס יאַפּאַנישע פאָלק הייבט שוין אָן אויך צו פאַרשטיין, אַז דער וועג צו דער עמעסער דעמאָקראַטיזאַציע פון זיין לעבן פירט ניט דורך דעם אימפּעראַטאָר־פּאַלאַץ.

— 4 —

ס׳איז שוין דריי וואָכן ווי מיר וווינען אין טאָקיאָ, אין סאַמע צענ־טער פון אַ האַלב־אָפּגעברענטער שטאָט, און דאָך ווייזט זיך אונדז אויס, אַז מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אָפן וועג קיין יאַפּאַן. אונדז רינגלט אַרום עמעס אַ ניט קיין נאַטירלעכער אַמעריקאַנער יאַפּאַן. אַריינגיין אין אַ יאַ־פּאַנישן טעאַטער קענען מיר ניט — עס איז אונדז פאַרבאָטן צו גיין אַהין. מען גיט אונדז גיט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן יאַפּאַ־נישן אַרבעטער און צו באַקענען זיך מיטן אַרט לעבן זיינעם. אָנשטאָט דעם ווערט אונדז קעסיידער פאַרגעשלאָגן דער אַמעריקאַנער באַר און דער ביאָגראַף וועלכער, בעשוטפעס מיט האָליוווּד, טוט ער אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך קעדיי אונדז צו איבערצייגן, אַז דאָס גאַנצע לעבן אין אַמעריקע שפּילט זיך אָפּ אין די נאַכט־לאָקאַלן און אין געיעג נאָך מער־דער.

יאָ, עס איז פאַר אונדז אומבאַדינגט נויטיק אַרויסצורייסן זיך קיין יאַפּאַן!

און ענדלעך האָט מען אונדז דערלויבט אַרויסצופאָרן קיין נאַגאַסאַקי דורך קיאָטאָ און אָסאַקאַ. אַלע צוגרייטונגען צו דער רייזע זיינען שוין פאַרענדיקט און מיר וואַרטן נאָך אויף די דערלויבענישן. איינס אַזייגער נאָכמיטיק איז אין זשורנאַליסטן־קלוב, וווּ מיר האָבן געוווינט, געקומען אַ יונגער אַמעריקאַנער לייטענאַנט. ווי עס איז אונדז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן איז דאָס אַ זון פון אַן אַמעריקאַנער אינזשעניער, וועלכער האָט פאַרבראַכט פיר יאָר אין ראַטנפאַרבאַנד. זיין פאַמיליע־נאָמען איז מאַרקי־טאַנט. דער לייטענאַנט האָט אונדז דערקלערט, אַז ער וועט מיטפאָרן מיט אונדז, ווייל אין וועג וועט אונדז אויסקומען צוזאַמענשטויסן זיך מיט דער אַמעריקאַנער מאַכט און זיין אָנוועזנהייט וועט אַ סאַך פאַר־

לייכטערן אונדזער גורל. דערביי האָט ער, ווי פאַרבייגייענדיק אָנגע־מערקט, אַז ער אַרבעט אין דער „דזשיטו", דאָס הייסט אין דער אָפּטייל־לונג פון אויסשפּיר־ און קאָנטר־שפּיאָנאַזש פון מאַק־אַרטורס שטאַב.

מיר האָבן גערעכנט מיט אַ פּאָר טעג פריער פאַר אונדזער אָפּפאָרן, אַרויסצושיקן קיין קיאָטאָ אונדזער יאַפּאַנישן דאָלמעטשער, קעדיי ער זאָל איינאָרדענען פאַר אונדז אַ באַגעגעניש מיט דער דאָרטיקער אינטעלי־גענץ, וועלכע איז קאָנצענטרירט אַרום דעם גרעסטן אוניווערזיטעט אין קיאָטאָ.

— אָנטשולדיקט, — באַמערקט אונדז מאַרקיטאַנט, — מיר זיינען קעגן דעם אַז אייער דאָלמעטשער זאָל אַרויספאָרן פריער. מיר וועלן אים מיטנעמען מיט זיך, און אַרויספאָרן אַלע צוזאַמען.

באַם געזעגענען זיך מיט אונדז גיט ער צו:

— יאָ, נאָך אַ זאַך. דער שטאַב קען ניט אַרויסגעבן קיין דערלויבעניש אויף דער רייזע פון אייערע דאָלמעטשערס איוואַנאָוו און מיעלאָוו, ווייל זיי זיינען געקומען צופאָרן קיין יאַפּאַן מיט דער מיסיע פון דעם גענעראַל דערעוויאַנקאָ.

דער לייטענאַנט מאַרקיטאַנט האָט זיך נאָך די ווערטער געזעגנט מיט אונדז און אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט אונדז אָפּוואַרטן באַם וואַגאָן אויף דעם טאָקיער הויפּט־וואָקזאַל.

דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר איינגעאָרדנט אין קלוב אַ געזעגענונגס־אָוונטברויט און פאַרבעטן צום טיש די אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן. זיי האָבן זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, דערוויסנדיק זיך אַז מיט אונדז פאָרט מיט אַ דזשיטו־אָפיציר.

— באַמיט זיך צו פאַרלירן אין וועג אייער דזשיטו, — האָט אונדז געייעצט דער הער גאָרדאָן וואַלקער, קאָרעספּאָנדענט פון דער ציימונג „קריסטשען סייענס מאָניטאָר".

אָבער עס איז גאָר ניט אַזוי לייכט געווען צו פאַרלירן „אונדזער דזשיטו", דאָס הייסט דעם אַמעריקאַנער אָפיציר, איבערהויפּט נאָך ווען ער איז ניט געווען אַליין.

אויפן הויפּט־וואָקזאַל האָט מאַרקיטאַנט אונדז פאָרגעשטעלט אַ צווייטן לייטענאַנט, וועלכער האָט געהייסן סקובי. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַן אויסגעסטאַרטשעטער גאָמבע און מיט אַ הילכיקער שטימע. אַ ראַ־שיקער, אַ טומלדיקער פלעגט ער נאָכאַנאַנד אונדז פאָרשלאָגן זיין הילף, וועלכע איז אָפּטמאָל געווען אינגאַנצן איבעריק און אַפילו ניט אָנגענעם.

דיביידע לייטענאַנטן האָבן אונדז אָנגעוויזן אונדזערע פלעצער אין וואַגאָן. אונדז באַקאַנט געמאַכט מיטן רייזע פּלאַן — און פון יענער רגע אָן, האָבן מיר אויפגעהערט צו געהערן זיך אַליין — מיר האָבן זיך פאַר־וואַנדלט אין „דזשיטו"־געפאַנגענע!

אכט אזייגער פאַרנאַכט האָט דער באַן געררירט און פאַרלאָזט טאָ־קיאָ און עס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער רייזע, וועלכע מיר האָבן שפּע־טער אַ נאָמען געגעבן אין שפּאַס „די רייזע מיטן דזשיטו״.

ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַמערקן די אומרויִקע בליקן פון ביידע לייטענאַנטן, ווען עמעצער פון די סאָוועטישע זשורנאַ־ליסטן פלעגט פאַרלאָזן דעם וואַגאָן, אָדער אַריינגיין אין אַ שכייִנעסדיקער קופּע.

איך גיי אַרויס אויף דער וואַגאָן־פּלאַטפאָרמע, די פייערן פון דער פּאָרט־שטאָט יאָקאָהאַמאַ זיינען פאַרבליבן ערגעץ ווו אונטן — דער באַן טראָגט זיך מיט אַ גרויסער שנעלקייט איבער אַ הויכן וואַל. עס האָבן שוין אָנגעהויבן צו פינקלען פייערלעך פון די רייכע הינטערשטאָטישע ווילעס פון די איינזאַמע אָרעמע דערפער פאַרוקטע ווייט פון דעם וועג אין דער טיפעניש פון די פעלדער. און אין דעם באַנאַכטיקן הילכן פון דעם צוג האָב איך זיך ניט איינמאָל דערמאָנט אָן מאָסקווע — עס ווייזט זיך מיר אויס אַז זי געפינט זיך ערגעץ ווייט־ווייט, אין סאַמע עק־וועלט.

— גייען מיר שלאָפן ? — פרעגט מיך עמעצער. איך קער זיך אום. הינטער מיר שטייט דער לייטענאַנט מאַרקיטאַנט. ער וואַרט אויף מיין ענטפער. איך גיב צו אים אַ שאָקל מיטן קאָפּ און איך גיי אַריין צוריק אין קופּע.

באַגינען האָט מען אונדז אויפגעוועקט. דער צוג דערנענטערט זיך צו קיאָטאָ. די אַמעריקאַנער זיינען שוין געווען אָנגעטאָן. זיי בעטן אונדז זיך ניט צו באַאומרויִקן וועגן אונדזער געפּעק. די וואַליזעס וועלן צוגע־שטעלט ווערן צום האָטעל, וווּ עס זיינען שוין פאַר אונדז באַשטעלט גע־וואָרן צימערן. דערביי זאָגט אונדז מאַרקיטאַנט :

— אין קיאָטאָ וועט מען אונדז אָפּוואַרטן.

מיר איז געקומען אויפן זיקאָרן אַ געשפּרעך וואָס איך האָב געהאַט אין טאָקיאָ מיט אַן אַמעריקאַנער גענעראַל. דאָס איז געווען איינער פון מאַק־אַרטורס פריינט און געהילפן, דער שעף פון דעם אַמעריקאַנער אויס־שפּיר־דינסט און קאָנטער־שפּיאָנאַזש אין יאַפּאַן, גענעראַל ווילאָוגבי.

אויפן צווייטן טאָג נאָך אונדזער אָנקומען אין טאָקיאָ האָט דער פּרעס־סע־פּאַרוואַלטער, גענעראַל בייקער, אונדז געייצעט מיר זאָלן אומבאַ־דינגט אָפּשטאַטן אַ וויזיט באַם גענעראַל ווילאָוגבי. (דאָס איז דער מעכ־טיקסטער און דער איינפלוסרייכסטער מענטש אין גאַנץ יאַפּאַן), פון אים זיינען געווען אָפּהענגיק ניט נאָר אַלע אונדזערע רייזעס, נאָר ביכלאַל אונדזער גאַנץ לעבן אין יאַפּאַן. מיר זיינען דאָך אַהער געקומען אייגנט־לעך ניט קעדיי צו מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער אַמעריקאַניזירטער גינזע־גאַס, אַזוי הייסט אין טאָקיאָ די הויפּט קאָמערציעלע גאַס, און אויך ניט אויסצוטרינקען אַ פלאַש קאַלטע „קאָקאַ קאָלאַ״ אין זשורנאַליסטן־קלוב

אף „מאַרו נאַוטי", האָגאַם דער קלוב געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון טאָקיאָ איז ער דאָך זייער ווייט פון יאַפּאַן.

מיר האָבן געמאַכט אַ באַזוך באַם גענעראַל ווילאָוגבי.

ער האָט אונדז אויפגענומען אין אַ גרויסן רייכן קאַבינעט. אין דער מיט איז געשטאַנען אַ רונדער טיש. דער פּאָלקאָווניק פּעש, וועלכער האָט אונדז אויפגענומען באַם אַריינגאַנג אין מאַק־אַרטורס שטאַב און וועלכער האָט גערעדט אַ קאָרעקטן רוסיש, האָט צוגערוקט פאַר אונדז צום טיש עטלעכע באַקוועמע טיפע פאָטעלן און פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אַרויסזאָגן אַלע אונדזערע טײַנעס און פאַרלאַנגען.

— פאַרלאַנגען? — פרעגט איך איבער באַם פּאָלקאָווניק פּעש. — איך האָב אַזוי פיל פאַרלאַנגען, אַז מיר שיינט, אַז עס וועט ניט סטאַיען קיין צייט קעדיי אַרויסצוברענגען זיי אַלע פאַרן גענעראַל.

ווילאָוגבי גיט אַ שמייכל און ענטפערט:

— איך וועל זיך באַמיען אַלץ אויסצוהערן.

איך האָב באַ אים געבעטן ער זאָל אונדז דערציילן וועגן יאַפּאַן. ער האָט זיך אָבער אויסגעדרייט פון דעם ענטפער און באַמערקט, אַז יאַפּאַן איז אים קימאַט ווי אומבאַקאַנט. ער האָט אונדז אָנגעדייט, אַז זיין געפינען זיך באַ די ברעגן פון דעם שטילן אָקעאַן איז עפּעס אַ מין ווילדער צופאַל, אָדער בעסער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּויעל־יוצא פון אַ סיסטעם וועלכע, לויט ווילאָוגבים רייד, ווערט דורכגעפירט אין אַמעריקע.

— איך האָב אַ גאַר לאַנגע צייט שטודירט שפּאַניע און פראַנקרייך, — איז זיך מוידע דער גענעראַל ווילאָוגבי, — איך בין גוט באַקאַנט מיט איטאַליע און דערפאַר טאַקע האָט מען מיך באַשטימט צו פאָרן קיין יאַפּאַן. און אַ כאַווער מיינער, וועלכער איז גרינטלעך באַהאַוונט מיטן לעבן אף די אינדזלען פון דעם שטילן אָקעאַן און איבערהויפּט אין יאַפּאַן, ווערט דעריבער טאַקע איצט געשיקט קיין איטאַליע.

— וואָס־זשע זאָל מען טאָן, — ענטפער איך, — אף אַזאַ אויפן וועט שוין אונדז אויסקומען מיט אייגענע קויכעס זיך פאַרנעמען מיטן שטודירן יאַפּאַן, און איך גלויב, אַז איר וועט אונדז געבן אַלע מעגלעכקייטן דערצו.

— אָ, זיכער, איר וועט קענען פאָרן וווּהין איר וועט נאָר וועלן. מיר וועלן שאַפן פאַר אייך אַלע נויטיקע באַדינגונגען.

און איצט, באַ אונדזער אָנקומען אין קיאָטאָ איז מיר געקומען אפן זיקאָרן דעם גענעראַל ווילאָוגבים צוזאָג: ער האָט בעעמעס געשאַפן פאַר אונדז אַלע נויטיקע באַדינגונגען, אַז מיר זאָלן וואָס ווייניקער דערגיין וועגן יאַפּאַן.

אַזוי ווי מען האָט דאָס געקענט דערוואַרטן, האָבן אונדז אפן וואַקזאַל אין קיאָטאָ באַגעגנט עטלעכע אַמעריקאַנער אָפיצירן. דער פּערען איז

געוועז אינגאנצן ליידיק. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז מען האָט אים ספּעציעל אויסגעליידיקט צוליב אונדזער אָנקומען. אָפּן וואָקזאַל — קיין איינציקער יאַפּאַנישער פּאָנעם. ערגעץ ווו, ווייט, אַף אַ הינטערשטער פּלאַטפאָרמע שטייט אַ לאַנגע ריי פון יאַפּאַנער, וועלכע ווילן קויפן באַן־בילעטן, מיר אָבער קענען זיי זען נאָר פונדערווייטנס. אונטערגעשטופּט פון די אַמעריקאַנער אָפיצירן רוקן מיר זיך צום אַרויסגאַנג. אַרויס אַף אַ גרויסן פּלאַץ, מען שלאָגט אונדז פאַר איינצושטייגן אין אויטאָמאָבילן, מיר אָבער, בעטן אַ דערלויבעניש זיך אָפּצושטעלן כאָטש אַף צוויי מינוט קעדיי זיך אַרומצוקוקן.

קיאָטאָ — די אוראַלטע הויפּטשטאָט פון יאַפּאַן, אַ שטאָט וועגן וועלכער מען דריקט זיך אויס אַז דאָרט ליגט פאַרבאָרגן דער פּעאָדאַלער גייסט פון יאַפּאַן. אַ שטאָט, וועלכע איז באַרימט מיט אירע טעמפּלען, מיט איר טויזנטיאָריקער קולטור, מיט איר אוניווערזיטעט און אויך, ווי מאָדנע עס זאָל ניט אויסקומען, מיט צוויי טויזנט שאַנדהייזער.

דאָ שטייט זי פאַר אונדזערע אויגן אַ הילכיקע, אַ פּילפאַרביקע, אַ פאַרכאַפּטע מיט עפּעס אַ מין פיבער, אַ שטאָט וואָס לעבט מיט פאַר־באַרגענע פאַר אונדזער פאַרשטאַנד טרוימען און האָפענונגען.

באַם וואָקזאַל זייט בא זייט מיט אַמעריקאַנער אויטאָמאָבילן שטייען ריקשעס וועלכע וואַרטן אַף פּאַסאַזשירן. אָט איז אַן אַמעריקאַנער מיידל מיליטעריש געקליידט און לעבן איר צוויי מיידלעך אין קימאָנאָס — אין טאָקיאָ באַגעגנט מען אַלץ זעלטענער דעם נאַציאָנאַלן בעגעד. דאָרט טרעפט מען אַן פיל מער אייראָפּעיִשע קליידער, דאָ, אָבער, אין קיאָטאָ באַהערשן קימאָנאָס. און דאָס קלאַפּן פון די „געטע" — אַ שוכוואַרג, וואָס ווערט באַנוצט אין יאַפּאַן שוין זינט טויזנטער יאָרן. ס'איז אַ מין הילצערנע בענקעלע. אין יאַפּאַן איז מען צו דעם צוגעוווינט. איך גלויב אָבער, אַז דאָס איז ניט צוליב אַ ספּעציעלער ליבע צו האָלץ, אָפילע ניט אויס אָרעמקייט, ווייל די הילצערנע „געטן" קאָסטן אָפטמאָל טייערער ווי לעדערנע שיך, נאָר אין דעם באַמערקט מען דעם קויעך פון דער נאַציאָ־נאַלער טראַדיציע. דאָס קלאַפּן פון די הילצערנע „געטן" איבערן שטיי־נערנעם ברוק האָט אונדז באַגלייט איבערן גאַנצן וועג פון דעם וואָקזאַל ביז צום האָטעל „קיאָטאָ".

אין פאָדערהויז פון דעם האָטעל באַגעגנט אונדז אַן אַמעריקאַנער אָפיציר, דער קאַפּיטאַן לאָורי, וועמענס מיסיע באַשטייט אין אויפּצונע־מען געסט. ער שלאָגט אונדז פאַר זיך צו באַקענען מיט אונדזער רייזע־פּלאַן. איך וואַרף אַ בליק אַף אַן אויסגעמאָלענעם בויגן פּאַפּיר און ווער דערשטוינט, מיט וואָס פאַר אַ פּינקטלעכקייט און אויסרעכענונג עס איז אָנגעצייכנט אונדזער רייזע. אַכט אַזייגער מיט פינף מינוט מוזן מיר פאַרלאָזן דעם האָטעל, אַכט מיט צוועלף מינוט קומען מיר אָן צום טעמפּל

„דער גאָלדענער פּאַוויליאָן", אַכט מיט צוואַנציק פאַרלאָזן מיר דעם טעמפּל, אַכט מיט איין און דרייסיק קומען מיר אָן אין עפּעס אַ אוראַלטן שלאָס, אַכט מיט זעקס און פערציק מוזן מיר דעם שלאָס פאַרלאָזן, ניין מיט פינף מוזן מיר קומען צו עפּעס אַן אַלטן בודיסטישן טעמפּל. ס'איז אונדז דערלויבט צו באַטראַכטן דעם טעמפּל נאָר צוויי און צוואַנציק מי־נוט. שפּעטער, אין דער צייט ביז צום פרישטיק, איז לויט די פּינקטלעכע פאַרשריפטן צוגעשיקטע פון טאָקיאָ, דאַרפן מיר באַוויזן צו באַזוכן נאָך זעקס טעמפּלען. צוועלף אַזייגער האָבן מיר באַדאַרפט זיין אין האָטעל צום פרישטיק און נאָכן פרישטיקן ווידער זיך איינשליסן אין דער מע־כאַניזירטער טוריסטישער קאַרוזעל, וועלכע איז געווען אויסגערעכנט נאָר אַף דעם, אַז מיר זאָלן באַזוכן אַלע אַלטערטימלעכקייטן פון דער שטאָט, מיט קיינעם זיך ניט באַקענען, מיט קיינעם זיך ניט צוזאַמענטרעפן און „גאָט באַהיט", ניט קענען אַריינדרינגען אין דעם לעבן פון היינטיקן יאַפּאַן.

אַף אַזאַ מין אויפן זיינען געווען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אויס־רעכענונג, כראָנאָמעטריש אָנגעצייכנט, מינוט צו מינוט, אַלע טעג פון אונדזער זיין אין קיאָטאָ, קאָבע, אָסאַקאַ און נאַגאַסאַקי. איך האָב אומ־געקערט דעם קאַפּיטאַן לאָורי זיין פּלאַן און דערקלערט, אַז מיר האָבן גאָרניט בעדייע צו פאַרברענגען אין קיאָטאָ בלויז איין טאָג און מיר ווילן איבערהויפּט ניט פירן זיך לויט די פאַראָרדענונגען פון עפּעס אַן אַמעריקאַנער אָפיציר, ווייל סאָפּקאָלסאַף, זיינען מיר ניט קיין פּאַשעטע טוריסטן, נאָר מיר זיינען זשורנאַליסטן.

— צום באַדויערן, — ענטפערט לאָורי, — קען איך אַבסאָלוט גאָר־ניט ענדערן.

באַלד גיט ער אַ קוק אַפן זייגער און זאָגט:

— מיר ווילן פאַרשפּעטיקן דעם פרישטיק.

מיר האָבן באַזוכט די טעמפּלען, ווו מיר האָבן ניט געטאָרט זיך פאַרהאַלטן לענגער, ווייל דער אַמעריקאַנער אָפיציר מיטן זייגער אין האַנט האָט אונדז קעסיידער אונטערגעיאָגט. מענטשן, וועלכע ווילן שטו־דירן די אוראַלטע יאַפּאַנישע קונסט, וועלכע קומען צופאָרן אין יאַפּאַן קעדיי צו פאָרשן די אַנטשטייונג און די באַזעס פון בודיזם אָדער דעם אינערלעכן זין פון דעם מעכטיקן יאַפּאַנישן קולט — סינטאָאיזם — אַזעל־כע מענטשן וואָלטן בעעמעס געקענט אָפּזיצן אין די טעמפּלען גאַנצע טעג.

אַלץ דאָ אין די טעמפּלען, אָנהויבנדיק פון דעם שטיין באַם אַריינ־גאַנג ביז צו די זיילן, געהערט צו דער געשיכטע. צען יאָרהונדערטער פון מענטשלעכע יעסורים האָבן איבערגעלאָזט זייער שטעמפּל אַף אַלץ, אַפי־לע אַף דעם אויסערלעכן אויסזען פון די טרעפּ, אַף וועלכע מיר האָבן גע־

שטיגן, אַף די גאַלעריייען דורך וועלכע מיר זיינען געגאַנגען פון טעמפּל צו די פּאַוויליאָנען, ווּ לאַנגווייליקע יאַפּאַנער אין ווייסע קימאַנאָס זיצן און האַנדלען מיט סוּווענירן. איר וועט איבעראַשט ווערן דערזעענדיק אַפן מיזבייעך אַן אויפשריפט, וועלכע מיר האָבן טאָג־טעגלעך באַגעגנט אין די אַמעריקאַנער באַרן און רעסטאָראַנען: „נאָ סמאָקינג״, ד״ה ניט רויכערן. איר וועט זיך וווּנדערן, אַז אַלע אויפשריפטן און אָנווייזונגען זיינען געשריבן אין דער ענגלישער שפּראַך. וואַרשיינלעך איז דאָ אַלץ צוגעפּאַסט און צוגעגרייט ספּעציעל פאַר די טוריסטן, וועלכע באַזוכן מאַסנווייז קיאָטאָ. עפּעס אַן אַלטער גייסטלעכער וועט אייך אײַליק אַריינפירן אין אַ פּאַוויליאָן און דאָרט פאַר צוויי יען, וועט ער אייך באַווייזן אַ שטריק מיט וועלכער מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק האָט מען אַרויפגעהויבן די זיילן פון דעם טעמפּל. די שטריק איז געפלאָכטן פון פרויען־האָר. מיט שטאָלץ וועט אייך דער גייסטלעכער דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון דער שטריק אין וועלכער עס איז אַריינגעפלאָכטן די פרויען־נעשאָמע פון יאַפּאַן, ווּ עס הערשט שוין אין מעשעך פון זעקס און צוואַנציק יאָרהונדערט דער דאָר פון דער געטן פון דער זון — אַמאַטעראַסו אָמיקאַמי.

— 5 —

נאָכן פרישטיק בעטן מיר דעם קאַפּיטאַן ער זאָל אונדז ווייזן אַ פאַבריק, ווייל קיאָטאָ רימט זיך אויך מיט איר זייד.

דער קאַפּיטאַן פאַרלירט זיך און ענטפערט, אַז וועגן פאַבריקן ווייסט ער גאָרניט, נאָר דאָך וועט ער זיך באַמיען עפּעס איינצואָרדענען. אונדזער ביטע איז דאָך ניט פאַרויסגעזען אין זיין „פּלאַן״.

און דאָך האָט מען אונדז געפירט אין אַ קליין קוסטאַר־פאַבריקל, ווּ מען וועבט העלקאָלירקע אַטלאַסענע „אָבי״.

„אָבי״ — דאָס איז אַ מין גאַרטל, וועלכן מען טראָגט אַף די קימאָנאָס; די מענער באַנוצן זיי אין טונקעלע, בלאַסע קאָלירן און די פרויען מיט שרייענדיקע צייכענונגען. „אָבי״ איז די עלטסטע און פאַרביקסטע באַפּוצונג. אין די דינע פאַרפלאָנטערטע צייכענונגען פון אַן „אָבי״ לייגן אַריין די יאַפּאַנער זייער גאַנצע קונסט.

אין אַ לאַנגער געביידע, מיט אַ נידעריקן סופיט, אַן אַלטע און האַלב־טונקעלע, האָרעווען באַ די וועבשטולן, וועלכע זיינען איינגעשטעלט שוין עפּשער מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, עטלעכע הונדערט מענטשן. די וועבשטולן האָבן שוין איבערגעלעבט ווייזט אויס עטלעכע דורעס וועבער. דאָ פלעגן אָנהויבן זייער פאַרהאָרעוועטן לעבן און אויך דאָ פלעגן שטאַרבן טויזנטער יאַפּאַנישע מייסטערס, וועלכע האָבן באַהערשט

די אויסערגעוויינלעכע קונסט: אין פארלויף פון א גאנצן טאג ארבעט קען א וועבער אויסוועבן ניט מער ווי צוויי צענטימעטער פון אן „אבי”.

מיר גייען צו צו א וועבער א זאקן — ער ארבעט איבער זיין „אבי” שוין דעם דריטן מאנאט. אין דער פאבריק ארבעט ער שוין פינף און פערציק יאר. פונדעסטוועגן ארבעטן זייער פלינק זיינע אלטע הענט. לייכט, ווי אנטאפנדיק, כאפט ער אויף די שפולן מיט די פילפארביקע פעדים, וועלכע הענגען איבער זיין שטול. ער גיט א שליידער דא איינעם, דא א צווייטן שיץ און קערט זיך אפילע ניט אום צו אונדז ווען מען פרעגט אים: „וויפל „אבי” האט ער אויסגעוועבט אין פארלויף פון זיין לעבן?”. ווארשיינלעך אז די פראגע האבן אים געשטעלט אלע טוריסטן, וועלכע האבן באזוכט די פאבריק.

דערפאר אבער האט ער אויפגעלעבט און אפילע געלאזט שטיין זיינע שפולן, ווען מיר האבן אים געפרעגט, וואס האט ער היינט געגעסן?

דער אלטער האט א שמייכל געטאן, געגעבן א שאקל מיטן קאפ און געענטפערט: „דערווייל נאך גארניט”.

אין א שרעקלעכער דושנעקייט האבן אין דער פאבריק געהארעוועט קינדער, פרויע און זקיינים. האלב־נאקעטע האבן זיי ארומגעפויזט צווישן די וועבשטולן. שווער איז געווען צו גלויבן, אז מיר לעבן אין די פערציקער יארן פון דעם צוואנציקסטן יארהונדערט, און דא אין דעם לאנגן טונקעלן מארעשכוירעדיקן פאבריק־באראק ווערן מיר באגלייט פון זעקס אמעריקאנער אפיצירן, וועלכע שטאלצירן אזוי מיט זייער ציוויליזאציע.

עס האט זיך פאשעט ניט געגלויבט, אז דא גאר ניט ווייט לויפן ארום אויטאמאבילן, גייען באנען און אין דער לופט איבער דער שטאט פליט א שווערער אוויאן. די מענטשן הארעווען דא פון באגינען אן ביז באנאכט. קעדיי צו האבן די מעגלעכקייט צו קויפן פאר זיך א שטיקל פארפוילטע פיש, מוז מען דא אפזיצן צוועלף שא, איינגעשרומפט און איינגעבויגן איבער א קאמפליצירטער און פארפלאנטערטער צייכענונג פון אן „אבי”. אזוי איז דאס געווען מיט צוויי הונדערט יאר צוריק; אזוי איז דאס געווען ביז דער מיידזי־רעסטאווראציע; אזוי איז געווען באם אויפשטייג־ און אויפבלי־פעריאד פון דזייבאצו און אזוי לעבן זיי און הארעווען אף דער פאבריק אויך איצט נאך יאפאנס מאפאלע.

קיין זאך האט זיך ניט געענדערט, קיין זאך.

מיר גייען ארויס אפן גאס און די אמעריקאנער שטעלן אונדז אפ. דער קאפיטאן פרעגט:

— וואס פאר אן איינדרוק מאכט עס אף אייך?

מיר האבן זיי באדאנקט פאר דער רייזע אין מיטלאלטער און אויך דערפאר, וואס ענדלעך האבן זיי אונדז באוויזן א קליין שטיקעלע פון דעם עמעסן יאפאן.

די אמעריקאנער זיינען געוואָרן אומרויִק: ווייזט אויס, אז מיר האָבן דערזען עפּעס איבעריקס. זייער אויפגאַבע איז דאָך אונדז צו ווייזן די דערפאָלגן און דעם גרויסן אויפטו פון דער אמעריקאַנער קולטור אין יאַפּאַן. ניט איינמאָל איז אונדז אויסגעקומען צו הערן פון זיי, אַז: די אמעריקאַנער אין יאַפּאַן — איז אַ גרויסע עפּאָכע פון וועלכער די וועלט וועט ווערן דערשטוינט. דערפאַר ווייזט אויס שלאָגט מען אונדז פאָר ווי־דער צו פאָרן באַטראַכטן די טעמפּלען.

מען פירט אונדז אין סינגאָסטיו — אַ בודיסטישער טעמפּל. ער איז באַרימט מיט זיין הויף. דאָס איז, ווי מען זאָגט, די העכסטע גע־ביידע אין יאַפּאַן וואָס איז געבויט פון האָלץ.

דאָס מאָל באַקומען מיר אַ דערקוויקעניש אַריינצוגיין צום גייסט־לעבן. מיר מוזן אויסטאָן אונדזערע שיך נאָך אויף די טרעפּ, און אין זאָקן דורכשפּאַנען אַ לאַנגן סאַלאָן, פאַרשפּרייט מיט „טאַטאַס” — אַזעלכע דיקע יאַפּאַנישע טעפּיכער. דער גייסטלעכער לייענט אַ דראָשע פאַר אַ גרופּע יונגטלעכע יאַפּאַנער, וועלכע גרייטן זיך צו ווערן בודיסטישע מאָנאַכן.

זיי שטייען פאַר אים אויף די קני, אָדער בעסער געזאָגט, אַז אַפילו ניט אויף די קני, נאָר אַזוי נידעריק צוגעבויגן צו דער ערד, אַז זייערע שטערנס רירן אָן דעם הייליקן טעפּיכל, אויף וועלכן עס שטייט דער גייסט־לעכער.

דער גייסטלעכער רייסט ניט איבער זיין דראָשע בײַ אונדזער אריינ־קומען, זיין שטימע ווערט נאָר עטוואָס שטילער, פּונקט ווי ער וואָלט גע־וואָלט, אַז מיר זאָלן ניט הערן די געהיימע ווערטער וועלכע ער פלאַנצט איין אין די נעשאָמעס פון זיינע צוהערער, צונויפגעזאַמלטע פון אַלע עקן פון יאַפּאַן. אויך די יונגעלייט, אויסגעצויגענע אויף דער ערד פאַר זייער לערער, לייגן אויף אונדז קיין שום אַכט. זיי הערן אויס די מוסערדיקע דראָשע וועגן דעם גרויסן וועג וואָס שטייט פאַר דעם בודיסטישן גלויבן, וועגן פלאַץ וואָס דאָס פאַרנעמט אין דעם לעבן און גורל פון דעם יאַפּאַ־נישן פאָלק.

אונדז שטייט נאָך פאָר צו באַזוכן אַ סינטאָיִסטישן טעמפּל, נאָר מיר שלאָגן פאָר אָפּצולייגן דעם באַזוך אויף שפּעטער, בײַ אונדזער צוריק־פאָרן פון נאַגאַסאַקי. די אמעריקאַנער זיינען גאַנץ אָפן אומצופרידן מיט דעם וואָס מיר פאַרלעצן אַזוי אָפט זייער פּלאַן, וועלכער איז מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט אָנגעמערקט געוואָרן. אָבער דאָס מאָל פּועלן מיר אויס דאָס אונדזעריקע. אין אַזעלכע פאַלן איז בײַ די אמעריקאַנער דאָ אַן אויסגעצייכנטער אויסוועג. זיי דערמאָנען זיך, אַז זיי פאַרמאָגן אַ באַר. און אויב בײַ זיי איז ניטאָ קיין שום פּראָגראַם, לאָדן זיי אייך גלייך איין אַהין. מיר אָבער דערמאָנען זיי וועגן דער באַוווּסטער פאַבריק „אַרימאַ־

נאָ", וועלכע איז געווען דער גרונטשטיין פאַר דער גאַנצער יאַפּאַנישער זייד־אינדוסטריע. אַ האַלבער מיליאָן מענטשן האָרעווען שווער און ביטער אַף די פעלדער, אין די בערג און אין פאַבריק־צעכן, פאַרמערנדיק מיט זייער האָרעוואַניע די רייכטימער פון די באַלעבאַטים פון דער פאַבריק „אַרימאַנאַ" אין קיאָטאָ. די אַמעריקאַנער קוקן זיך איבער צווישן זיך. זיי ווייסן ניט, זאָגן זיי, גאָרניט וועגן דער פאַבריק. זיי האָבן אַפילע ניט קיין אַנונג, וווּ זי געפינט זיך. און אויסער דעם אויב שוין יאָ, מוז מען האָבן אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אַהין, און דאָס קען מען באַקומען נאָר אין טאָקיאָ.

וואָס־זשע טוט מען, מען מוז פאָרן אין באַר.

אַף איין שאָ בלויז באַקומען מיר אַ דערלויבעניש זיך דורכשפּאַצירן איבער דער שטאָט צו פוס, אָן אויטאָמאָבילן. מיר שפּאַנען איבער דער הויפּט־גאַס פון קיאָטאָ, אַרומגערינגלט פון אַמעריקאַנער אָפיצירן. עס איז אוממעגלעך זיך אָפּצושטעלן קעדיי פאַרפירן אַ שמועס מיט אַ יאַפּאַנער, ווייל יענער דערשרעקט זיך דערזעענדיק אַ מאַכנע מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום. קומט אונדז אויס שטומערהייט אָבסערווירן דעם ראַשיקן, פילפאַרביקן און הילכיקן האַמוין אַף די גאַסן פון קיאָטאָ.

אין קליינע געשעפטן פאַרקויפט מען אַלערליי קליניקייטן — דאָס ראָוו פאַר די אַמעריקאַנער. מען פאַרקויפט אַ טאַשן־טיכל מיטן הערב פון דעם ערשטן קאָרפּוס, וועלכער שטייט אין קיאָטאָ; אַ פּאַפּיראָסן־שאַכטל אַף וועלכן עס איז אויסגראַווירט די אַמעריקאַנער פאָן; ספּינקעס מיט דער עמבלעמע פון עפּעס אַן אַמעריקאַנער דיוויזיע; אַ קימאָנאָ מיט אַן אויסגעהאָפטענער אָפּצייכענונג פון דער אַכטער אַמעריקאַנער אַרמיי, וועלכע באַזעצט יאַפּאַן. טויזנטער און טויזנטער ביליקע זאַכן און שמאָכטעס זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר די אַמעריקאַנער, צו שטילן זייער גייציקייט צו אָנדענקונגס־קליניקייטן.

אויך דאָ, קימאַט באַם סאַמע ברוק פון דער גאַס האָבן זיך צעשפּרייט קליינע גאַסן רעסטאָראַנדלעך, ווו פאַר הונדערט יען קענט איר קויפן אַ שטיקל געפּרעגלטן אָקטאָפּוס. אַ גערוך פון גאָר ניט קיין פרישע פיש טראָגט זיך אַרום איבער דער גאַס און דער גערוך פאַרפּאָלגט אייך דעם גאַנצן וועג. פאַר צוויי יען קענט איר קויפן אַ גלעזעלע „קאָרי" (אָנגעשאָבענער אייז). פאַר אַ האַלבן יען — אַ שלוק וואַסער מיט סיראָפּ. אָבער קיינער גייט ניט אַריין אין די רעסטאָראַנען — זיי באַדינען דאָך בלויז די קאַבצאָנים און באַ זיי איז שווער צו געפינען אַ האַלבע יען, אָדער צוויי יען, היינט הונדערט יען איז דאָך גאָר ניט בענימצע.

די אַמעריקאַנער איילן אונדז צו — שוין צייט זיך אומצוקערן אין האָטעל. דאָרט וואָרט אונדז שוין אָפּ דער קאַפּיטאַן לאָורי מיט אַ מעלדונג, אַז באַגינען מוזן מיר שוין אַרויספאָרן קיין נאַגאַסאַקי. מיר מוזן?

דאָס וואָרט פירט אונדז אַרויס פון גלייכגעוויכט און מיר דערקלערן קאַטעגאָריש, אַז מיר מוזן טאָן נאָר דאָס, וואָס מיר געפינען פאַר נוצלעך פאַר די סאָוועטישע צייטונגען און דאָס וואָס עס איז אונדז נויטיק אַף צו שטודירן יאַפּאַן, אָבער בעשום אויפן ניט דאָס, וואָס די אַמעריקאַנער שלאָגן אונדז פאָר. דער קאַפּיטאַן שמייכלט, צעפירט זיינע הענט און ענטפערט:

— צום באַדויערן קען איך מיט קיין זאַך ניט העלפן.

ווידער בעטן מיר איבערצוגעבן אין טאָקיאָ, אַז מיר זיינען ניט קיין טוריסטן, נאָר בעפיירעשע זשורנאַליסטן און אַז פון היינט אָן אַף ווייטער וועלן מיר זיך אַבסאָלוט ניט רעכענען מיטן „פּלאַן", וועלכן עס האָט אויסגעטראַכט עפּעס אַן אַמעריקאַנער אָפיציר — זאָל זיין אַפילע פון אַ וויכטיקן אָפיציר, און אַז מיר וועלן שטודירן אַלץ, וואָס איז פון אונדזער שטאַנדפּונקט אינטערעסאַנט און וויכטיק, ווייל צוליב דעם צוועק זיינען מיר געקומען צופאָרן קיין יאַפּאַן, דורכמאַכנדיק אַ רייזע פון צען טויזנט מייל.

— וואָס־זשע וואָלט איר נאָך געוואָלט זען? — פרעגט אונדז דער קאַפּיטאַן.

— מיר ווילן זען יאַפּאַן, דער עמעסער יאַפּאַן, איר אָבער ווייזט אונדז אייער אַמעריקע און די אַמעריקאַנער. פאַרוואָס באַהאַלט איר אויס יאַפּאַן פון אונדז? פאַרוואָס פאַרשטעלט איר אונדז דאָס פּאָנעם פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק?

לאָורי בלייבט אַנטשוויגן. ער קען גאָרניט ענטפערן.

— לאָמיר גיין אין באַר אַריין — זאָגט ער נאָר.

און דאָרט אין באַר, זיצנדיק בא אַ טישל, גיט ער אַ טיפן זיפץ, פאַרדעקט מיט די הענט זיין פּאָנעם און איז זיך מוידע פאַר אונדז מיט פאַרביטערונג:

— איר ווייסט גאָרניט ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט — אָנשטאָט צו זיין דאָ, — בעסער צו געפינען זיך ערגעץ ווו אַף אַ פאַרם אין טעקסאַס. איר מיינט, אַז איך פאַרשטיי אַליין ניט, אַז איך פיר דורך אַ זייער מיִעס שטיקל אַרבעט, אָבער וואָס זאָל איך טאָן — איך בין דאָך אַ זעלנער. און אויסער דעם מוז מען דאָך אויך מאַכן אַ לעבן. איר פאַרשטייט דאָך וואָס איך מיין? לאָמיר בעסער טרינקען דעם יאַפּאַנישן ביר! ער שיינט צו זיין פיל בעסער פון דעם אַמעריקאַנער, ניט אַזוי?

— ניטאָ קיין אַנדער ברייירע, — ענטפערן מיר — אויב מען טאָר ניט זען יאַפּאַן, טאָ לאָמיר זיך באַגרענעצן כאָטש מיט דעם וואָס מיר וועלן טרינקען יאַפּאַנישן ביר.

אָבער אויך אין באַר לאָזט מען אונדז ניט פאַרהאַלטן זיך צו לאַנג. דער לייטענאַנט לאָדט אונדז איין צום אָונטברויט, און מיר פאָרן אין

„מיאקאָ־האָטעל“, ווּ עס וווינען בלויז אַמעריקאַנער אָפיצירן פון העכערן ראַנג. דאָרט וועט אונדז אויסקומען צו פאַטערן דעם גאַנצן אָוונט.

— עפשער וואָלט מעגלעך געווען מיר זאָלן זיך דורכשפּאַצירן איבער דער שטאָט, אָדער אַריינגיין אין אַ יאַפּאַנישן טעאַטער, אָדער אַ בליק טאָן אין אַ ביאָגראַף?

— ניין, — באַקומען מיר אַן ענטפער פון די אַמעריקאַנער — אַהין איז פאַר ניט קיין יאַפּאַנער דער איינטריט שטרענג פאַרבאָטן (און פאַר אונדז, סאָוועטישע זשורנאַליסטן אַוודע און אַוודע).

„אָף לימיטס“ (אַריינגאַנג פאַרבאָטן), — אַזאַ אויפשריפט געפינט זיך אין אַלע יאַפּאַנישע רעסטאָראַנען, טעאַטערס, אין די יאַפּאַנישע קוואַרטאַלן, יאַפּאַנישע באַנען, האָטעלן און אַפילע אין די טראַמווייען. — אומעטום, ווּ איר קענט זיך נאָר צוזאַמענטרעפן מיט אַ יאַפּאַנער. עפּעס אַ מין געפאַנצערטער פאָרהאַנג טיילט אָפּ דאָס יאַפּאַנישע פאָלק פון די אַלע, וואָס קומען צופאָרן אין לאַנד.

די אויפשריפט „אָף לימיטס“ איז צוגעטראַכט געוואָרן פון מאַקאַרטורס שטאַב, קעדיי מיטן קויעך פון געווער און געזעץ אינגאַנצן אָפּזונדערן דאָס יאַפּאַנישע פאָלק און אין דער זעלבער צייט אונטערשטרייכן, אַז קיין אייראָפּעער אָדער אַמעריקאַנער, טאָר ניט האָבן קיין שום מאַגע און מאַסע מיטן יאַפּאַנער: מען טאָר מיט אים ניט זיצן אין דעם זעלבן וואַגאָן, מען טאָר ניט פאַרברענגען מיט אים צוזאַמען אין אַ קאַבאַרעט, אין טעאַטער, קינאָ, און מען טאָר ניט וווינען מיט אים אין דעם זעלבן האָטעל.

— פאַרוואָס איז דאָס אַזוי איינגעפירט? — פרעגן מיר בײַ די אַמעריקאַנער.

אייניקע פאַרטייטשן אונדז, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט קראַנקייטן און עפּידעמיעס, וועלכע זיינען געפערלעך פאַר אייראָפּעער און אַמעריקאַנער; אַנדערע באַרעכטיקן דאָס צוליב דער ווילדקייט און שמוץ, וואָס הערשט אין די יאַפּאַנישע וווינונגען, טעאַטערס און קינאָס; די דריטע, אָבער, און טאַקע די מער אויפריכטיקע דערקלערן, אַז פאַר אַמעריקאַנער און אייראָפּעער איז אַ שאַנדע צו געפינען זיך צוזאַמען מיט די יאַפּאַנער, ווייל זיי געהערן צו אַ נידעריקערער ראַסע, וועלכע האָט זיך איינגערעדט אַז זי איז גרויס, און דערפאַר מוז מען איינוואָרצלען אין זיי אָפּ אייביק, אַז זי קען ניט שטיין אין איין ריי מיט ציוויליזירטע מענטשן.

„אָף לימיטס“ — איז אַ מין בייטש, אָדער אַ וואָרענונגס־געשריי, וועלכער פאַרפאָלגט אייך אָפּ טריט און שריט. און אויב איר וועט וואָגן ניט צו פאָלגן, וועט אייך גלייך אָפּשטעלן אַן אונטער־אָפיציר פון דער עמפּי — אַמעריקאַנער פּאָליציי — און וועט אייך שוין צווינגען אויסצופאָלגן די אַמעריקאַנער געזעצן.

— צום טייוול, מען שפּאַסט ניט מיט אייך, — וועט ער זאָגן און קייען אָן אויפהער די גומע.

אַזוי אַרום, אונטערגעוואָרפן די אַמעריקאַנער געזעצן, זיינען מיר געצוואונגען די לעצטע נאַכט אין קיאָטאָ פאַרברענגען ניט אין יאַפּאַן, נאָר אין אַמעריקע. פאַרן מיר הייסט עס אַוועק אין אַ רייכן, אַמעריקאַנער לוקסוס־באַר, וועלכער איז איינגעאָרדנט פאַר די הויך־ראַנגיקע אָפיצירן פון דעם ערשטן קאָרפּוס.

די אַמעריקאַנער זיינען העפלעך און גוט דערצויגן. זיי ווייסן, אַ שטייגער, אַז מען מוז זיך אויפשטעלן, ווען צום טיש גייט צו אַ דאַמע; זיי ווייסן ווי מען דאַרף האַלטן אַ מעסער און אַ גאָפּל; זיי האָבן אויסגעלערנט די טוירע ווי מען דאַרף זיך האַלטן באַם טיש. איז דען דאָס אָבער אַלץ? אין דעם באַר הערשט עפּעס אַ שטיקנדיקע שטילקייט און האַלבטונקלקייט. אַלע זיצן רויִק באַ זייערע טישלעך ביז 10 אַזייגער אין אָוונט. — ביז עס וועט אָנקומען דער דזשאַז־אָרקעסטער און עס וועלן זיך אָנפאַנגען די טענץ. די אַמעריקאַנער ווייזן אַזוי אַרום איינער פאַרן צווייטן זייער גוטע דערציִונג.

דאָ האָבן מיר פאַרפירט מיט זיי אַ געשפּרעך וועגן מוזיק, וועגן ליטעראַטור, געשיכטע און אויך אַנדערע פראַגן וואָס אינטערעסירן און אַפילע מוזן אינטערעסירן יעדן מער־ווייניקער קולטורעלן מענטשן — און דאָ האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער פולשטענדיקע אומבאַהאָלפנקייט. זייער גייסטיקע וועלט איז גאַנץ באַגרענעצט; זיי זיינען ניט אימשטאַנד אייך אָנצורופן קיין איין נאָמען פון אַן אַמעריקאַנער שרייבער, וועמענס לעבן און טעטיקייט געהערט צום ניינצנטן יאָרהונדערט. זייער גייסטיקע אַנטוויקלונג באַגרענעצט זיך צו די באַגריפן פון אַן אָנפאַנג־שול וועגן דערציִונגס־נאָרמען. זיי זיינען צוגעוווינט צו דעם, אַז די גאַנצע וועלט אַרום זיי זאָל זיין מעכאַניזירט, און זיי באַמיען זיך ניט אַפילע אַ טראַכט צו טאָן וועגן עפּעס, וואָס געפינט זיך בלויז עטוואָס ווייטער פון דער ספּערע פון זייער טעטיקייט.

מיר קומען צו אַן אויספיר, אַז פאַר אונדז איז אַפילע נוצלעך דאָס, וואָס מיר קענען נאָך אַלץ ניט אַריינדרינגען אין יאַפּאַן און געפינען זיך ווי אַפּן וועג אַהין. אין דעם איז אויך דאָ פון וואָס צו לערנען: מיר האָבן זיך באַקענט מיט אַ גאָר נייער אַמעריקע, אַן אַמעריקע אָן יענעם אויסערלעכן גלאַנץ, מיט וועלכן עס ווערן אַרומגערינגלט אַלע, וואָס קומען צופאָרן אין ניו־יאָרק, סאַן־פראַנציסקאָ, אָדער שיקאַגאָ. ס׳איז אַן אַמעריקע, אָן איר שטראָם פון אויטאָמבילן, אייזקאַסטנס, עלעקטרישע ליכט־רעקלאַמעס און רוישנדיקע גאַסן.

גאָר אַנדערש האָבן אויסגעזען אין מיינע אויגן די אַמעריקאַנער, דערווייטערטע פון זייער מעכאַניזירטן לעבנס־שטייגער, אין יענעם האַלב־

פינצטערן רייכן קלוב, וווּ אונטער די קלאַנגען פון דזשאַז־מוזיק האָבן געטאַנצט פרויען אין נאַכט־קליידער און מענער אין אויסגעפרעסטע אוּר־ניפאָרמען.

— אייך איז ניט אומעטיק? — פרעגט בא מיר דער מאַיאָר קלאַרק, וועלכער האָט אין יענער נאַכט געשפּילט בא אונדזער טישל די ראָל פון א גאַסטפריינטלעכן באַלעבאָס. — מיר באַמיען זיך צו שאַפן דאָ פאַר אונדזערע אָפיצירן דעם אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער, זיי זאָלן ניט פילן יענע בענקשאַפט, וועלכע באַפאַלט זיי שטענדיק אין א נייער אַטמאָספערע.

— און דאָס איז דער אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער? — פרעג איך.

— קימאַט, — ענטפערט דער מאַיאָר און גיט א געשריי — באָי סאָן! דריי קאָקאַ־קאָלאַ מיט וויסקי!

## — 6 —

די גאַנצע נאַכט זיינען געגאַנגען צו אונדז אין האָטעל עפּעס גאָר אומבאַקאַנטע מענטשן. זיי האָבן געבראַכט רייזע־דערלויבענישן, באַן־בי־לעטן, אויסגעפרעגט וועגן אונדזער געפּעק און דערביי אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע זאָרגעוודיקייט. מען האָט זיך געגרייט צו אונדזער רייזע קיין נאַגאַסאַקי.

באַגינען ערשט, זיינען מיר אַנטשלאָפן געוואָרן. מען האָט אונדז אָבער גלייך אויפגעוועקט, ווייל דער צוג קיין נאַגאַסאַקי גייט אָפּ פון קיאָטאָ זעקס מיט פינף אינדערפרי. שווייגנדיק גייען מיר אַרויס פון דעם האָטעל „קיאָטאָ" און ציטערן פון דעם אומרויִקן שלאָף און פון דער פרי־מאָרגן־קעלט. אונדזערע וואַליזעס ליגן שוין אויף א דזשיפּ, בא דער האָטעל־טיר שטייען צוויי אויטאָמאָבילן מיט אַמעריקאַנער פענדלעך. אין די אוי־טאָמאָבילן האָט מען אונדז אָפּגעפירט צום באַן.

באַם אַריינגיין אין וואַגאָן האָבן מיר באַמערקט, אַז דער גאַנצער באַן איז איזאָלירט פון אונדז, באַטש אין אים איז ניט געפאָרן קיין איין יאַפּאַנער — דער צוג איז געווען באַשטימט אויסשליסלעך פאַר אַמערי־קאַנער און א יאַפּאַנער האָט ניט געהאַט קיין רעכט אפילע זיך צו דער־נענטערן צו אים. און דאָך האָבן מיר ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צונויפטרעפן אפילע מיט יענע מענטשן, וואָס זיינען געפאָרן אין איין באַן מיט אונדז. אונדזער וואַגאָן איז געווען דער לעצטער און צווישן אים און דעם איבעריקן טייל פון צוג איז געווען א שטאַרקע, דיקע אייזערנע טיר, ניט פאַרשלאָסן, נאָר אויף טויט פאַרשרויפט מיט פעסטע שטאַרקע שרויפן. באַם אַריינגאַנג אין וואַגאָן איז געשטאַנען דער לייטענאַנט מאָר־קיטאַנט. ער האָט אונדז אָנגעוויזן די פּלעצער און נאָך א לאַנגער גלאָקן־קלינגעריי, (אויף די יאַפּאַנישע באַן־סטאַנציעס געדויערט דאָס קלינגען קוי־

מאַט צוויי מינוט), האָט זיך דער צוג געריּרט און מיר זײַנען אָפּגעפאָרן קיין נאַגאַסאַקי.

איך האָב זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן קאָרידאָר און אַרײַנגעקוקט אין אַלע קופּעען: זיי זײַנען געווען קימאַט ליידיק, אין זיי האָבן זיך געזעצט בלויז די אָפיצירן, וועלכע זײַנען מיט אונדז מיטגעפאָרן. איצט זײַנען זיי שוין געווען פיר, ווײַל אין קיאָטאָ זײַנען צוגעטײלט געוואָרן נאָך צוויי — דער קאַפּיטאַן פּאַפּאַליני און דער לײטענאַנט ברעדלי.

מיר האָבן פאַרנומען צוויי קופּעען און עפּעס אַן אומהיימלעכקייט האָט זיך געפילט אין דעם גרויסן, האַלב־ליידיקן וואַגאָן, וווּ די פּאָלן זײַנען געווען פאַרדעקט מיט טעפּיכער.

דער באַן איז געפאָרן פאַרביי שטעט און דערפער, פאַרביי פעלדער פאַרזייטע מיט רייז און פרוכט־פּלאַנטאַציעס.

אַרום אַכט זייגער אינדערפרי איז צו מיר געקומען דער לייטענאַנט סקובי און מיר געמאָלדן, אַז ער צוזאַמען מיטן לייטענאַנט ברעדלי וועלן מיטפאָרן מיט אונדז ביז נאַגאַסאַקי. דער לייטענאַנט מאַרקיטאַנט און דער קאַפּיטאַן פּאַפּאַליני וועלן מיטפאָרן מיט אַנדערע צוויי קאָרעספּאָנ־דענטן, וועלכע פאַרבלייבן אין קורע און הירשימאַ. שפּעטער האָט ער אונדז אײַנגעלאַדן צום פרישטיק. מיר גייען אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע פון אונדזער וואַגאָן, נאָר קעדיי מיר זאָלן קענען צוקומען צום וואַגאָן־רעסטאָראַן מוזן מיר אָפּוואַרטן ביז דער באַן וועט שטיין בלײַבן אויף אַ סטאַנציע. עס איז אונדז ניט געווען דערלויבט אַפילו דורכצוגיין דורך די וואַגאָנען, וווּ עס זײַנען געזעסן בלויז אַמעריקאַנער זעלנער און אָפי־צירן. די איינציקע מענטשן מיט וועמען מיר האָבן געהאַט די מעגלעכ־קייט צו פירן אַ שמועס זײַנען געווען די עטלעכע אָפיצירן, וועלכע זיי־נען מיט אונדז מיטגעפאָרן. אָפטמאָל פלעגן זיי גאַנץ אינטערעסאַנט דערציילן וועגן די שטעט, וווּ זיי זײַנען געבוירן געוואָרן, וועגן די שולן, וווּ זיי האָבן זיך געלערנט, וועגן זייערע קינדער־יאָרן... אָבער זייערע זיכרוינעס האָבן זיך זייער שנעל אויסגעשעפּט, און דאַן פלעגט קומען צו הילף דער רעטונגס־מיטל — „וויסקי" — אַ יאַפּאַנישער אינגל פלעגט אונדז דערלאַנגען קליינע גלעזעלעך און ווידער באַקומט זיך דער איינ־דרוק, אַז מיר געפינען זיך ערגעץ וווּ אין אַן אַמעריקאַנער באַר. בלויז דער ווילד־שנעלער גאַנג פון דעם צוג צו דאָרעם, צום אינדזל קיוסיו, נאָר דאָס דערמאָנט אונדז אַז מיר געפינען זיך אין יאַפּאַן.

דעם גאַנצן טאָג האָט געברענט בײַ אונדז אין וואַגאָן דאָס עלעק־טרישע ליכט.

דער באַן פלעגט אַרײַנקריכן אין טונעלן, געיאָגט הינטער אַ הויכער שטיינערנער וואַנט, איבער אָפּגרונטן, געגאַנגען לענגאויס דעם ברעג פון יאַם און ווידער אַרײַנגעקראָכן אין אַ טונעל.

אין וואגאָן־רעסטאָראַן האָט מען אונדז דערלאַנגט אַ געוויינלעכן אַמעריקאַנער פרישטיק, וועלכער באַשטייט פון דזשיוס־מאַראַנצן־זאַפט, אַ שטיקל שינקע־קאָנסערוון, אייער און אַ טעפּעלע קאַווע. באַם טישל איז קימאַט די גאַנצע צייט געשטאַנען דער „באָי", וועלכער האָט געקוקט אַף אונדז מיט גלייכגילטיקע אויגן; נאָר קוים האָבן מיר זיך נאָר אומ־געקערט צו אים, פלעגט זיין פּאָנעם אויגנבליקלעך בייטן דעם אויסדרוק און פלעגט ווערן האַכנאָעדיק און כניפעדיק. וואַרטנדיק אַף באַפעלן, פלעגט דער „באָי" איינבויגן זיין קאָפּ, און ווען מיר פלעגן גאָר ניט באַ־פעלן איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פּאָר מינוט מיטן קאָפּ איינגעבויגן, פּונקט ווי ער וואָלט מוירע האָבן זיך אויסצוגלייכן.

דאָס איז בעעמעס געווען אַ סימבאָלישע פיגור פון דעם היינטיקן יאַפּאַן — פון דעם יאַפּאַן, וואָס האָט זיך געשטעלט אַף די קני און איינ־געבויגן דעם רוקן; עס איז געווען די פיגור פון אַ יאַפּאַנער, וואָס צע־שמייכלט זיך ברייט און פאַרנויגט זיך אַן אויפהער פאַר אַן אַמעריקאַ־נער, ווען יענער טוט אים אַן דעם קאָוועד און פרעגט באַ אים וועגן עפּעס וואָס.

אָפּטמאָל ווילט זיך פּאָשעט ניט גלויבן, אַז דאָס זיינען די זעלבע מענטשן, אין וועלכע מען האָט שטענדיק אַריינגערעדט אַז יאַמאַטאָס ראַ־סע איז אַ געטלעכע, די העכסטע, און אַז גאָט אַליין האָט איר באַפוילן צו געוועלטיקן איבער מיזרעך־אַזיע און איבער דער גאַנצער וועלט.

נאָכן פרישטיק שטייען מיר ווידער אַף דער וואַגאָן־פּלאַטפאָרמע און וואַרטן ביז דער צוג וועט בלייבן שטיין. עס קומט אונדז אויס צו וואַרטן מער ווי אַ שאָ צייט. ס'איז דושנע און שטויביק. מיר רוקן זיך צו נעענטער צו די פענצטער און שמרענגען זיך אָן קעדיי זיך צוצוקוקן צו די קליינע שטיבעלעך וואָס הענגען ערגעץ אין דער ווייט איבער אַן אָפּגרונט אָדער באַם ברעג פון יאַם, אַף אַ שטיקל ערד, וועלכע איז מיט קויעך אויסגע־קעמפט געוואָרן באַ די כוואַליעס. טויזנטער פישערס מיט זייערע ווייבער שטייען ביז די היפטן אין וואַסער מיט זייערע נעצן. עס פליען פאַרביי פירקאַנטיקע בערגלעך מיט אַן אויסגעגראָבענער גרוב אין אין דער מיט. דאָס באַקומען אַרויס די יאַפּאַנער זאַלץ פון יאַם־וואַסער. נאָר די טונעלן, וועלכע זיינען אויסגעבויערט געוואָרן אין די הויכע שטיינערנע בערג מיטן קויעך פון אוממענטשלעכער, שווערער פראַצע, נאָר די טונעלן טיילן אונדז אָפּ פון די טאָג־טעגלעכע בילדער פון דעם יאַפּאַנישן פּייזאַזש.

די אַמעריקאַנער אָפיצירן שטייען לעבן אונדז און אַנטציקן זיך מיט דער לעבהאַפטיקייט פון די פאַרבן, מיט דער אויסטערלישקייט פון די באַרג־קאָנטורן, מיט דער געלקייט פון דעם זאַמד, וואָס איז נאָך אויסגע־טריקנט געוואָרן נאָכן אַפּפלוס. זיי באַמערקן קימאַט ניט קיין מענטשן.

אַף די באַן־סטאַנציעס פּרוּוון מיר פאַרפירן אַ שמועס מיט די יאַפּאַנער און דאַן וואַקסן אויס לעבן אונדז די פיגורן פון די צוויי אַמעריקאַנער אָפיצירן, וועלכע פאַרשרייבן אונדזער יעדע פראַגע און אַלץ, וואָס מען ענטפערט אונדז. אונדזערע פראַגעס זיינען אינגאַנצן אומשולדיקע. מיר פרעגן, צום ביישפּיל, בא אַ יאַפּאַנער, ווו ער פאַרט? צוליב וואָס? ווו ער וווינט? מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך? דער יאַפּאַנער ענטפערט אונדז אָן ביישעק, דערביי קוקט ער זיך אום מיט שרעק דאָ אַף איינעם, דאָ אַף דעם צווייטן פון די אַמעריקאַנער אָפיצירן, וועלכע שטייען אַנטקעגן אים מיט די נאָטיץ־ביכעלעך אין די הענט. גאַר גיך איבערצייגן מיר זיך אין דער נוצלאָזיקייט פון אונדזערע שמועסן. און ווען דער באַן בלייבט שטיין אַף אַ סטאַנציע, גייען מיר אַרויס און באַטראַכטן שטום דעם יאַפּאַנישן אוילעם, וועלכער שטייט מיט זיין געפּעק און וואַרט אַף זייער צוג. מען האַלט זיי הינטער אַ פּאַרקאַן, זיי זיצן אַפן יאַפּאַנישן שטייגער מיט די פיס אונטער זיך, אָדער זיי ליגן אויסגעצויגן אַף די הילצערנע ברעטער פון דעם פּאָדיום. לענגאויס דעם פּאַרקאַן שפּאַנט אַרום אַן אַמעריקאַנער זעלנער מיט אַ ווייסער קאַסקע.

דער הויפּט־באַלעבאָס איבער די יאַפּאַנישע אייזנבאַן־ליניעס איז איצט די „ביוראָ פון אייזנבאַן־פאַרבינדונגען" בא מאַק־אַרטורס שטאַב. אַגענטן פון דער ביוראָ באַגעגענען און באַגלייטן די באַנען, זיי היטן אָפּ די אָרדענונג אַף די באַן־סטאַנציעס און אין די וואַגאָנען, האַלטן וואַך און קאָנטראָלירן אַלץ וואָס ווערט געפירט.

צוויי אַזייגער נאָכמיטיק קומען מיר אָן אין דער שטאָט הירָאָשימאַ, וועלכע איז האַלב פאַרניכטעט געוואָרן דורך דער אַטאָמישער באָמבע. אָט דאָ ערשט ווערן אונדזערע אַמעריקאַנער שטאַרק באַריידעוודיק. זיי דערמאָנען אונדז וועגן דעם אומקום פון דער באַפעלקערונג פון דער שטאָט, וועגן דער ריזיקער קראַפט פון דעם אויפרייס, וועגן דעם געהיימען פייער, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט אין אַש די הייזער מיט זייערע איינוווינער. אָבער איצט זעט גאָר די שטאָט הירָאָשימאַ ניט אויס אַזוי פאַרוויסט, ווי מיר האָבן זיך דאָס פאָרגעשטעלט. עס זיינען שוין פאַראַן פריש־אויפגעבויטע און באַוווינטע גאַסן. די יאַפּאַנישע שטיבעלעך, וועלכע באַשטייען פון אַ פונדאַמענט, סיאַדזי־ווַנטלעך וועלכע צערוקן זיך און האָבן אַ דאַך פון שינדלעך, זעען אויס ווי שפּילצייג. אונדזער באַן גייט לאַנגזאַם פאַרביי די הייזלעך, פאַרביי קליינטשינקע גערטנדלעך, בלומען קלומבעס און קליינע יאַפּאַנישע מערק, וועלכע זיינען אויך דאָ לעבהאַפט און פילפאַרביק, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע שטעט.

— 7 —

באַגינען קומען מיר אָן קיין נאַגאַסאַקי. אַף דער באַן־סטאַנציע באַגעגנט אונדז דער לייטענאַנט מאַק־קעלראַי. דאָס איז שוין דער דריטער

אמעריקאנער אפיציר, וואָס ווערט צו אונדז צוגעטיילט. ער פירט אונדז איבער דער גאַנצער שטאָט ביז צו אַ בערגל, וווּ עס געפינט זיך אַ קליין הייזעלע אין יאַפּאַנישן סטיל, וואָס באַהאַלט זיך אויס צווישן געדיכטן גרינוואַרג. דאָס הײַזל, געהערט צו עפּעס אַ רייכן יאַפּאַנישן סוחר, וועלכן מען האָט פון דאָרט אַרויסגעזעצט ערעוו אונדזער אָנקומען. אונדזערע אויטאָמאָבילן קומט אויס צו קלעטערן באַרג־אַרויף, אויף אַ בעטאָנירטן וועג. באַם אַרייַנגאַנג אין גאָרטן, וועלכער פאַרטרעט דאָ דעם הויף, שטייט אַן אַמעריקאַנער זעלנער מיט אַן אויטאָמאַטישן ביקס. דער אויטאָמאָביל בלייבט שטיין באַם אַרייַנגאַנג. צוויי אַמעריקאַנער זעלנער טראָגן אַריין אונדזערע וואַליזעס, און שלאָגן אונדז פאָר, ביז דער פרישטיק וועט פאַרטיק ווערן, זיך באַקענען מיט אונדזער וווינונג.

אויך דאָ, פּונקט ווי אין אַלע יאַפּאַנישע הייזער איבעראַשט אונדז דער פולשטענדיקער מאַנגל אין מעבל. דער פּאָל איז פאַרשפּרייט מיט דיקע טאַטאַמי, נאָר דאָ טוען מיר ניט אויס די שיך, ווי עס פירט זיך בײַ די יאַפּאַנער. צום ערשטן מאָל טרעטן מיר איבער די טאַטאַמי אין פאַרשטויבטע שיך. מיר רוקן פאַנאַנדער די גלעזערנע ווענטלעך. זיי רוקן זיך אָפּ ערגעץ אין אַ זייט און מיר געפינען זיך פּלוצלינג אין אַ גאָרטן. אָפּטמאָל ווייזט זיך אונדז אויס, אַז עס איז אינגאַנצן ניטאָ קיין הויז, עס זיינען נאָר דאָ טאַטאַמי, פאַרשפּרייטע איבערן ווייכן גראָז פון דעם גאָרטן.

שפּעטער פאָרן מיר אין שטאָט, וועלכע האָט איבערגעלעבט דעם אַטאָמישן אויפרייס. קווידעמקאָל פירט מען אונדז איבער יענע גאַסן, וועלכע זיינען פאַרבליבן גאַנץ. דאָס זיינען גאַנצע פערטלען פון אַלטע, מערסטנטייל צווייִשטאָקיקע הייזער, וועלכע זיינען פאַרבליבן אומבאַרירט. אין דער פרימאָרגן־שאָ זיינען צערוקט די ווענטלעך פון די אויבערשטע שטאָקן און מען זעט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין די וווינונגען. קימאַט אין יעדן הויז געפינט זיך אַ געשעפט מיט סוּווענירן־אַרטיקלען, פאַרביקע זיידענע אויסאַרבעטונגען, יאַפּאַנישע כּפייצים און אייזערנע געשיר. קיין רעסטאָראַנען זעט מען קימאַט ניט. אָנשטאָט זיי, זיינען דאָ גאַסן־שענקען, וווּ פאַר זייער אַ הויכן פּרייז קען מען קויפן אַ קליין שטיקל האַלב־פאַרפוילטע געפרעגלטע פיש און אַ קליין שיסעלע מיט זופּ, וווּ עס שווימען אַרום שטיקלעך יאַם־גראָז. אַן אייראָפּעער מאָגן וואָלט עס ניט געקאָנט פאַרדייען, אָבער די הונגעריקע מענטשן — ריקשעס, טרעגער, גאַסן־הענדלער א. אַ. וו. שטופּן זיך בײַ די טישלעך וועלכע זיינען אויסגעשטעלט אין מיטן גאַס, קוים באַדעקט מיט אַ לייוונטענעם דעכל. דער לייטענאַנט מאַק־קעלראַי יאָגט אונדז אונטער, לויטן „פּלאַן פון טאָקיאָ״, וועלכן ער האָט באַקומען, מוזן מיר קווידעמקאָל, לויט זיין אויס־

דרוק „אויסשטודירן" די אַלע אַטאָמישע צעשטערונגען, פון וועלכע עס האָט געליטן נאַגאַסאַקי.

מיר געפינען זיך אין סאַמע צענטער פון דעם אַטאָמישן אויפרייס. דאָרט שטייט איצט אַ הילצערנער סלופּ מיט אַן אויפשריפט:

„אין צוואַנציקסטן יאָר, דעם אַכטן כוידעש, דעם ניינטן טאָג, לויט דער יאַפּאַנישער ציילונג, איז אויף דער הויך פון 500 מעטער איבער דער ערד אין דער שטאָט נאַגאַסאַקי, איבערן הויז נר. 170 אויפגעריסן געוואָרן אַן אַטאָמישע באָמבע".

מיר קוקן זיך אום. אויך דאָ זיינען שוין אויסגעוואַקסן קליינע הייזע־לעך, פּונקט אַזעלכע, ווי מיר האָבן געזען אין היראָשימאַ. אין די גערט־נער ווו עס איז פאַרזייט קאַרטאָפל, אַרבעטן יאַפּאַנישע פרויען. מיר פּרוּוון אַרומצוכאַפּן מיט אונדזערע בליקן יענע טייל פון דער שטאָט, וועלכע האָט געזאָלט זיין אָפּגעווישט פון דער ערד. מען האָט אונדז אָפּילע פאַרזיכערט, אַז אַלע געביידעס און מענטשן — איבערהויפּט אַלץ וואָס האָט געלעבט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש און אין אַזאַ מין שטויב, וועלכער איז נאָך געפערלעכער ווי די אַטאָמישע באָמבע. אָפּן גאַנצן וועג קיין נאַגאַסאַקי האָט מען אונדז דערציילט אומגלויבלעכע „לעגענדעס" וועגן דעם טראַגישן אומקום פון טויזנטער פרויען, וועלכע זיינען צופעליק אַריינגעפאַלן אין דער זאָנע פון דער ווירקונג פון דער אַטאָמישער באָמבע, וועגן די שרעקלעכע יעסורים פון די איינוווינער פון דער שטאָט, פון דעם אַזוי גערופענעם אַטאָמישן פיבער. איך האָב גערעדט מיט דאָקטוירים, געפאָרשט בא זיי, געוואָלט דערגיין וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פיבער און פון אַלעמען פלעג איך באַקומען איינעם און דעם זעלבן ענטפער, אַז אויך זיי האָבן נאָר געהערט וועגן דעם, נאָר אַליין האָבן זיי ניט אָנגעטראָפן אויף קיין איינציקן מענטשן וועלכער זאָל ליידן פון אַזאַ מין פיבער. און איצט, אין נאַגאַסאַקי, איבערציינג איך מיך אַלץ מער, אַז ס'עקזיסטירט גאָרניט דער פיבער. ער איז אויסגעטראַכט געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון שרעק. די לעגענדע וועגן אַזאַ פיבער האָט באַשאַפן די פאַנטאַזיע פון מענטשן מיט שוואַכע נערוון. און אי־בערהויפּט געפינט זיך ניט אין נאַגאַסאַקי אָפּילע קיין שפּור פון אַלע יענע „אַטאָמישע גרוילן", וועגן וועלכע עס האָבן אונדז אַזוי פיל אָנגע־דערציילט די אַמעריקאַנער.

מען ברענגט אונדז צופירן צו דריי ריזיקע געביידעס, ווו עס איז אַמאָל געווען די מעדיצינישע אַקאַדעמיע, דאָרט באַגעגענען מיר דעם וועכטער סאַנאָדאָ. ער האָט איבערגעלעבט דעם אַטאָמישן אויפרייס. איצט דערמאָנט ער זיך וועגן דער געשעעניש ביז צו די קלענסטע איינצל־הייטן.

יענעם טאָג אינדערפרי האָט אים אַרויסגערופן צו זיך דער אויפ־

זעער און אים געהייסן אויסגראָבן אַ שוץ־גראָבן לענגויס דער וואַנט פון דעם צווייטן קאָרפּוס פון דער אַקאַדעמיע. סאַנאַדאַ האָט פליסיק אָן אָפּרו, געאַרבעט ביז עלף אַזייגער פאַר מיטיק, און דער גראָבן איז שוין געווען אַף אַזוי פיל פאַרטיק, אַז ער וואָלט שוין אין אים געקענט זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַל פון אַ געפאַר, עמעס, אַז מען וואָלט זיך באַדאַרפט עטוואָס איינבויגן. קורץ גערעדט, דער גראָבן איז געווען פון אַ טיפקייט פון אַ מענטשלעכן קערפּער. 11 אַזייגער מיט אַ פערטל האָבן זיך באַוויזן איבער דער שטאָט דריי אַוויאָנען. זיי האָבן זיך געדרייט איבערן פאָרט, איבערן צענטער פון דער שטאָט, איבער די פאַבריקן און לויט עס האָט זיך אויסגעדוכט סאַנאַדאָן, איבער דער אַקאַדעמיע און איבערהויפּט איבער אים אַליין. דעריבער טאָקע איז ער אַריינגעקראָכן אין גראָבן אַריין און זיך עטוואָס צוגעבויגן. איבער דער ערד־פלאַך איז געבליבן שטעקן בלויז זיין קאָפּ. און פיר־פינף מינוט, אומגעפער, נאָך דעם ווי עס האָבן זיך איבער דער שטאָט באַוויזן די דריי אַמעריקאַנער אַוויאָנען, האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער אויפרייס. דער אָפּקלאַנג פון דעם אויפרייס איז ניט געווען ענלעך צו אַן אויפרייס פון אַ געוויינלעכער באָמבע, עס איז געווען עפּעס אַ מין טרוקענער בראַזג. גלייך נאָך דעם האָט אים פאַרבלענדט אַ פלאַם ענלעך צו אַ מעטעאָר און ער איז אומגעפאַלן אַפן דעק פון דעם גראָבן ניט הערנדיק און ניט זעענדיק מער גאָרניט. ער קען ניט זאָגן ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן און געדענקט אויך ניט ווי לאַנג ער איז אָפּגעלעגן אין גראָבן, נאָר ווען סאַנאַדאַ איז אויפגעשטאַנען, איז די שטאָט געווען אין פלאַמען, די אַקאַדעמיע האָט געברענט. האַלב־אָפּגעברענטע מענטשן פלעגן אַרויסשפרינגען פון פייער און אייניקע פון זיי פלעגן פאַלן. צום אָוונט איז דער פייער קלענער געוואָרן. אין דער אַקאַדעמיע האָבן אָפּגעברענט בלויז די הילצערנע ווענטלעך און דאָס מעבל. די געביידעס, די טרעפּ, די לאַבאָראַטאָריעס, דאָס געצייג און אַלע מעטאַלענע זאַכן זיינען געבליבן גאַנץ. סאַנאַדאַ אַליין איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, ווייל ער איז געזעסן אין אַ געוויינלעכן גראָבן, דערצו נאָך ניט קיין טיפן.

דאָס זעלבע באַשטעטיקט אויך דער פּרעפעקט־גובערנאַטאָר פון נאַגאַסאַקי — סוגיאַמאַ סאַאָדזיראָ. ער נעמט אונדז אויף אין זיין גרויסן קאַבינעט פון דער פּרעפעקטור־געביידע, וועלכע איז פאַרבליבן אינגאַנצן אומבאַשעדיקט. דער גובערנאַטאָר איז אונדז מעכאַבעד מיט גרינעם טיי. נאָר איין דריטל פון דער שטאָט איז אָפּגעברענט געוואָרן, דערציילט אונדז דער גובערנאַטאָר, און פאַרברענט זיינען געוואָרן מערסטנטייל הילצערנע הייזלעך.

— איר ווייסט דאָך, — זאָגט ער אונדז, — אַז די יאַפּאַנישע

הייזלעך באַשטייען פון האָלץ, קאַרטאָן און גלאָז. מיט איין שוועבעלע בלויז קען מען זיי אונטערצונדן.

דער גובערנאַטאָר רופט אונדזער אויפמערקזאַמקייט אַף מיצוביסים שיף־ווערפטן, וואָס געפינען זיך באַם ברעג פון דער נאַגאַסאַקער בוכטע. די ווערפטן לאָזן אַרויס שיפן, פונקט ווי פריער, ווי פאַר דער מילכאָמע, און די אַטאָמישע באָמבע האָט גאָרניט געווירקט אַף דעם גאַנג פון דעם לעבן פון די ווערפטן. לויט דעם גובערנאַטאָרס רעכענונג זיינען פון דער אַטאָמישער באָמבע אומגעקומען 25.300 פּערזאָן. דאָס זיינען געווען מערסטנטייל יענע מענטשן, וועמען עס האָט פאַרכאַפּט דאָס פייער אין זייערע הייזער און זיי האָבן זיך ניט געקענט אַרויסרייסן פון די פלאַמען, וועלכע האָבן זיי אַרומגעכאַפּט.

— זיינען געווען טויט־פאַלן פון קראַנקייטן, וועלכע קענען אַנט־שטיין אַלס קאָנסעקווענץ פון דעם אויפרייס? — פרעג איך באַם גו־בערנאַטאָר.

— ניין, — ענטפערט סוגיאַמאַ, — די מענטשן זיינען געשטאָרבן מערסטנטייל פון בראַנד־וווּנדן. די אַטאָמישע באָמבע האָט זיי פאַרכאַפּט אומגעריכט. זיי האָבן זיך צו איר באַצויגן ווי צו אַ געוויינלעכער באָמ־בע און דעריבער ניט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען גלייך נאָך דעם אויפ־רייס. שפּעטער אָבער האָבן די פלאַמען זיי פאַרשטעלט דעם וועג זיך צו ראַטעווען.

איצט זיינען שוין אין נאַגאַסאַקי געעפנט די שולן, אָבער אַן עמע־סע מאַגייפע פאַר דער שטאָט, זיינען די היימלאָזע קינדער. מיר האָבן געזען אַף די מערק, אין די פאַרקן, אַף ליידיקע פלעצער האַלב־נאַקעטע, האַלב־הונגעריקע קינדערלעך, וועלכע זיינען פאַרבליבן אָן אַ דאַך און אָן קרויווים. זיי לעבן אין שמוץ און דערנערן זיך מיט אָפּפאַלן. מען קען זיי זען גאַנצע טעג אַף די הינטער־הויפן פון רייכע הייזער, אָדער בא די פענצטער פון די באַראַקן וווּ עס וווינען די אַמעריקאַנער. זיי פאָרען זיך צווישן מיסט זוכנדיק רעשטלעך פון קאָנסערוון, ברויט־סקאָרינקעס אָדער קאַרטאָפל־שאָלעכץ.

מיר האָבן געפרעגט באַם גובערנאַטאָר וועגן די סיבעס פון אַזויפיל היימלאָזע קינדער.

— דאָס קענט איר זען היינט איבער גאַנץ יאַפּאַן, — ענטפערט סוגיאַמאַ סאַאָדזירא. — עס פעלן אונדז אוים הייזער פאַר די קינדער.
— ער צעפירט מיט די הענט און פאַרענדיקט מיט אַ געפאַלענער שטי־מע: — וואָס קען איך מאַכן? איך בין דאָך אינגאַנצן אַ מאַכטלאָזער מענ־טשעלע!

ער גיט זיך אָבער גלייך אַ כאַפּ, וואַרפנדיק אַ בליק אַף די דריי

אמעריקאנער אפיצירן, וועלכע באגלייטן אונדז, און שעפטשעט צו אונ־דזער דאָלמעטשער :

— מיין לעצטן זאַץ דאַרף מען ניט איבערזעצן אף ענגליש, זאָלן וועגן דעם וויסן בלויז די רוסן.

דער לייטענאַנט ברעדלי פאָדערט אָבער מען זאָל אים איבערזעצן דעם גובערנאַטאָרס לעצטן זאַץ. אונדזער דאָלמעטשער ענטפערט :

— דער גובערנאַטאָר סוגיאַמאַ־סאַן איז זיך מוידע פאַר אונדז, אַז ער איז מיד.

דאַן גיט זיך דער לייטענאַנט אַ שטעל אויף :

— יאָ, איצט וואָלט ניט שלעכט געווען כאַפּן אַ טרונק קאַלטן ביר. לאָמיר פאָרן אַהיים.

מיר אָבער אײַלן זיך ניט און מיר זיצן נאָך אַ גאַנץ לאַנגע צייט באַם קיילעכדיקן טישל מיטן גובערנאַטאָר און הערן אוים זיינע דער־ציילונגען :

— אין שטאָט איז דאָ איין גרויסע ביבליאָטעק, פינף קינאָס, צוויי סטאַבילע טעאַטערס און אַ סאַך קאַבאַרעטן, וועלכע האָבן זיך געעפנט ספּעציעל פאַר די אַמעריקאַנער. דער הונגער נעמט צו אַ סאַך מענטש־לעכע לעבנס. און ער, דער גובערנאַטאָר סוגיאַמאַ סאַאַדזיראַ, איז ניט בעקויעך צו קעמפן מיטן הונגער, ווייל די גאַנצע פּראָווינץ פאַרמאָגט ניט מער ווי אַכט און צוואַנציק טאַיאַ אַגריקולטור־ערד. עפשער וועט דער האַיעריקער שניט פאַרבעסערן די לאַגע פון דער שטאָט. דער הונ־גער־טויט איז אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג אין נאַגאַסאַקי, — פאַר־ענדיקט סוגיאַמאַ סאַאַדזיראַ.

דאַ שטעלט זיך ווידער אויף דער אַמעריקאַנער אָפיציר און דער־מאָנט אונדז אַז עס איז שוין צייט צו כאַפּן אַ טרונק קאַלטן ביר.

דער גובערנאַטאָר לאַדט אונדז איין צו באַזוכן די שיף־ווערפטן און די טאָרפּעדן־פאַבריק. די פאַבריק, וועלכע האָט פריער אויסגעאַרבעט טאָרפּעדן, לאָזט איצט אַרויס טורבינעס און פאַרשיידענע אַנדערע אַר־טיקלען פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך, ווי : וואַגשאַלן, מעסערס, גאָפּל, טעפּ.

מיר קומען אָן אין דער פאַבריק שוין נאָך האַלבן טאָג. דאָרט באַ־געגנט אונדז דער הויפּט־דירעקטאָר פוקודאַ יאָשידאַ און ווייזט אונדז די העלב־צעשטערטע צעכן, ריזיקע געביידעס אָן דעכער, אָבער מען הערט דאָס רוישן פון די מאַשינען — די פאַבריק אַרבעט.

די פאַבריק איז אַדמיניסטראַטיוו אונטערגעוואָרפן מיצובּיסים שיף־ווערפטן, וועלכע געפינען זיך דאָ ניט ווייט — איצט ווערן אף די ווערפטן אויסגעאַרבעט קליינע שיפן.

— בלויז קליינע ? — פרעגן מיר איבער פוקודאַן.

— יאָ, — ענטפערט דער דירעקטאָר, — איך גלויב אַז בלויז קליי־נע, ווייל יאַפּאַן נויטיקט זיך איצט ניט אין קיין גרויסע שיפן. יעדנפאַלס קען איך ניט אורטיילן, ווייל דאָרט פאַרוואַלטן אויך די אַמעריקאַנער.

מיר באַקענען זיך מיט דער פאַבריק. דער דירעקטאָר ווייזט אונדז אַ צעך, וואָס איז צעשעדיקט געוואָרן דורך דער אַטאָמישער באָמבע. דאָרט האָבן אָפּגעברענט פיר הונדערט וואַרשטאַטן, דאָך איז געלונגען צו ראַטעווען און לאָזן אין גאַנג צוויי הונדערט גאָר וויכטיקע מאַשינען. אין איצטיקן מאָמענט געפינען זיך אין פולן גאַנג טויזנט פיר הונדערט וואַרשטאַטן.

באַם אויפרייס פון דער אַטאָמישער באָמבע איז פוקודאַ געווען אין דער פאַבריק. ער איז געזעסן באַ זיך אין ביוראָ און האָט געשריבן. נאָכן שרעקלעכן טרוקענעם טראַסק, וועלכער איז גיכער געווען ענלעך אַף אַ דונער, איידער אַף אַ באָמבע־אויפרייס, איז פוקודאַ אַרויסגעלאָפן פון זיין קליין שטיבעלע און דערזען ווי די צעכן און די שטויסן ברעטער ברענען. אַף די סקלאַדן פון דער פאַבריק זיינען דאַן געווען אַ סאַך טאָרפּעדן, זיי זיינען פאַרבליבן גאַנץ און ניט צעשעדיקט. פון פאַרשיידענע צעכן זיינען געלאָפן מענטשן מיט קליידער פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ רויך. זיי פלעגן פרווון אַראָפּרייסן פון זיך די קליידער, און יענע וואָס האָבן דאָס ניט געקענט באַוויזן, פלעגן אומפאַלן אַף דער ערד און פרווון מיט זאַמד פאַרלעשן דעם פלאַם, וועלכער האָט זיי אַרומגעכאַפּט. דערנאָך פלעגן זיי זיך אויפהויבן און זיינען געלאָפן צום וואַסער־באַסיין, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן. פוקודאַ אַליין איז געוואָרן לייכט פאַרוווּנדעט מיט אַ שטיק צעבראָכענעם גלאָז. ער האָט פאַרבונדן זיין ווונד און אָנגעהויבן שנעל באַזוכן אַלע אָפּטיילונגען פון דער פאַבריק. ביז צום אָוונט איז שוין געווען אויסגעלאָשן די סרייפע אין פאַבריק און נאָכדעם האָט מען אין מעשעך פון דער גאַנצער נאַכט צונויפגענומען די טויטע קערפּערס. פוקודאַ האָט זיך דאַן איבערצייגט, אַז די גרעסטע טייל פון טויט־פאַלן זיינען פאַרורזאַכט געוואָרן דורך די באַקומענע בראַנד־ווונדן. און די בראַנד־ווונדן האָט באַקומען דער, וועלכער האָט זיך געפונען בעיסן אויפרייס אַף אָן אָפענעם, ניט געשיצטן פּלאַץ. יענע מענטשן, וועלכע זיינען געווען אין די צעכן האָבן גאָרניט געליטן. פוקודאַ האָט אונדז באַוויזן בלויז איין צעך, וועלכער האָט געליטן פון דער אויפרייס־כוואַליע. די צעך־געביידע האָט זיך איינגעבויגן, פונקט ווי אַ שיף בייגט זיך איין בעשאַס אַ שטאַרקן יאַם־שטורעם. און אַזוי שטייט די געביידע אויך איצט. לויט דעם דירעקטאָרס דערקלערונגען, לאָזן די אַמעריקאַנער די געביידע אין אַזאַ צושטאַנד, קעדיי זי צו באַווייזן פאַר אַלע טוריסטן, וועלכע קומען אַן קיין נאַגאַסאַקי און איבערצייגן זיי, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע קראַפט עס פאַרמאָגט אין זיך די אַטאָמישע באָמבע.

ביז צום סאָף יאָר מוז די פאַבריק, איינע פון די גרעסטע מיצוביסי־אונטערנעמונגען, ווערן פולשטענדיק רעסטאַווירט. מיר פרעגן באַם די־רעקטאָר: — פון וואַנען וועט די פאַבריק באַקומען די רוי־שטאָפן און וואָס פאַר אַ באַשטעלונגען וועט זי אויסאַרבעטן?

— דאָס ווייס איך ניט, — ענטפערט פוקודאַ, — מיר האָפן אָבער צו באַקומען דעם נויטיקן מעטאַל פון אַמעריקע. יעדנפאַלס אַזוי זאָגן אונדז צו די אַמעריקאַנער און דאַן וועט מען מוזן אַלע אונדזערע אויס־אַרבעטונגען אָפּגעבן די אַמעריקאַנער.

— וואָס זשע וועט איר דאָ פאַרט אויסאַרבעטן? — פרעגן מיר אים.

— דאָס ווייס איך אויך ניט, — ענטפערט ער און בעיס מײַסע קוקט ער זיך אום אַף די אַמעריקאַנער אָפיצירן.

עס בלייבט אונדז איבער צו באַמערקן, אַז צום ערשטן מאָל אין אונדזער לעבן טרעפן מיר אָן אַ באַלעבאָס, וואָס לייגט אריין ריזיקע קאַפּיטאַלן אַף ווידעראויפבויען אַ פאַבריק און ער ווייס ניט, פון וואַנען ער וועט באַקומען די נויטיקע רוי־שטאָפן און וואָס פאַר אַן אַרטיקלען ער וועט דאָ אויסאַרבעטן. פוקודאַ אַליין שמייכלט אויך און ענטפערט אונדז:

— איר וועט זיך אין יאַפּאַן אָנשטויסן אַף אַ סאַך זאַכן, וועלכע וועלן אייך איבעראַשן.

פוקודאַ יאָשידאַ איז אַן אינזשעניער, ער האָט געענדיקט דעם אימ־פּעראַטאָרשן אוניווערזיטעט, און פאַרשטייט זיך, אַז ער אַליין ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט מעגלעך אויפבויען אַ פאַבריק, אָפילע די קלענ־סטע, ניט האָבנדיק קיין אַנונג וועגן איר צוקונפט און אירע ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון. איצט אָבער מוז ער דאָס אַלץ פאַרשווייגן. ווי עס זאָל דאָרט ניט זיין, נאָר עס איז קלאָר אַז די צוקונפט פון דער פאַבריק איז פאַרהילט אין אַ געהיימעניש, וועלכע ער, פוקודאַ, האָט ניט קיין רעכט צו אַנטפּלעקן. ער גיט אונדז אַן אייצע מיר זאָלן באַזוכן די ווערפטן, אונטער וועמענס אַדמיניסטראַציע ער איז אונטערגעוואָרפן.

— מעגלעך אַז דאָרט, — זאָגט ער — וועט איר זיך דערוויסן באַם באַלעבאָס פון די ווערפטן, טאַמאַי קיאָסקע, וועגן דעם אַלעמען, וואָס אייך אינטערעסירט.

— יאָ, — ענטפערן מיר, און געזעגענען זיך מיט פוקודאַ־סאַן.

ער בלייבט נאָך אַ לענגערע צייט שטיין באַ דער אריינגאַנגס־טיר מיט זיין הוט אין דער האַנט, און האַלט זיך אין איין נויגן אַזוי נידעריק צו דער ערד, אַז ס'איז אָפילע איבערגעטריבן פאַר אַ יאַפּאַנער. און אַזוי, ביז אונדזערע אויטאָמאָבילן פאַרלאָזן דעם פאַבריקס־הויף.

איצט פירט מען אונדז צוריק „אהיים”, צו יענעם בערגל, ווו עס געפינט זיך אונדזער ווינאַרט, דער אָפּגעזונדערטער פון דער וועלט. מיר בעטן בא די אַמעריקאַנער זיי זאָלן אונדז ווייזן די שיף־ווערפטן. דער גובערנאַטאָר און דער פאַבריק־דירעקטאָר האָבן דאָך אונדז איינגעלאַדן אהין. די אָפיצירן זיינען אונדז מעכאַבער מיט קאַלטן ביר, און וואָס עס איך שייעך די ווערפטן, מוזן זיי זיך אָנפרעגן, אויב מיר מעגן אהין פאָרן.

אזו זיצן מיר באַם קאַלטן ביר און מיר וואַרטן א שאָ, צוויי. מיר ווערן נערוועז. מיר גייען אַרויס אין הויף און פרעגן בא די אַמעריקאַנער אָפיצירן, ווען וועט מען אונדז שוין דערלויבן צו באַזוכן די ווערפטן?

— מיר וואַרטן אַף א דערלויבעניש פון מינוט צו מינוט, — ענטפערט אונדז דער לייטענאַנט סקובי.

עס דויערט אָבער נאָך א האַלבע שאָ און מיר באַשליסן, אַז לענגער וואַרטן האָט שוין ניט קיין זין. שטייען מיר אויף און גייען אַוועק. מיר גייען פאַרביי דעם איבעראַשטן אַמעריקאַנער וואַך־זעלנער; לאָזן זיך אַראָפּ פון בערגל און גייען אין שטאָט אַריין.

אייגנטלעך איז דאָס אונדזער ערשטער שפּאַציר איבער דער שטאָט, ווייל ביז איצט פלעגן מיר פליען איבער די גאַסן אין די אַמעריקאַנער דזשיפּס. די אַמעריקאַנער זיינען גאַנץ אָפן אומצופרידן מיט אונדזער שפּאַציר. זיי קענען אָבער אונדז ניט פאַרווערן צו שפּאַצירן איבער די גאַסן פון נאַגאַסאַקי. דריי אַמעריקאַנער אָפיצירן גייען אונדז נאָך און פאַרלאָזן אונדז ניט אפילע אַף א רעגע. מיר בלייבן שטיין בא א קיאָסק, ווו מען פאַרקויפט סוווענירן: עפּעס אַזעלכע קעסטעלעך, הילצערנע אויסאַרבעטונגען, שפּילצייגן. מיר פּרווון פאַרפירן א שמועס מיט א גאַסן־הענדלער, מיט א פּאַרט־אַרבעטער, וועמען מיר באַגעגענען אין א קליינעם שענק, וואָס געפינט זיך דאָ אַף דער גאַס. דער אַרבעטער באַקענט אונדז מיט א מאַטראָס און מיר זעצן זיך אַלע צו א טישל. די אַמעריקאַנער אָפיצירן שרייען צו אונדז: „אַף לימיטס”!

איצט אָבער לייגן מיר אַף דעם שרייען קיין שום אַכט ניט, און פאַרבעטן זיי צו אונדזער טישל. זיי קענען זיך אָבער ניט באַשליסן צו־צוזעצן זיך בא אונדזער טישל און בלייבן שטיין, ווי וועכטער אַרום טיש.

נאַקאַוואַ, אַן עלטערער מאַטראָס, האָט זיך ניט לאַנג אָנגעדונגען אַף א שיף, וועלכע גרייט זיך צו א רייזע קיין שאַנכיי. ביז איצט האָט ער אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר געדינט אַף א קריגס־שיף, אַף א קרייצער.

— ווו געפינען זיך אַלע אייערע באַווירים פון דעם קרייצער? — פרעגן מיר אים.

— זיי אַלע, פּונקט ווי איך, זיינען אריבער אַף האַנדלס־שיפן.
— מען נעמט אייך אַן גערן?
— אוואַדע, — ענטפערט נאַקאַווא. — די מאַטראָסן פון דעם יאַפּאַנישן קריגס־פלאַט זיינען זייער גענײטע יאַם־לייט.
— קומט הייסט עס אויס, אַז דער האַנדלס־פלאַט איז היינט צו טאָג אַ פּלאַץ וווּ יאַפּאַן באַהאַלט אויס די בעסטע מאַנשאַפט פון איר קריגס־פלאַט? — פרעגן מיר.
— איך גלויב, אַז מיר וועלן שוין מער ניט פירן קיין מילכאָמעס, — ענטפערט נאַקאַווא.
— גלויבט איר, אַז עס איז אָפּהענגיק נאָר פון אייך?
נאַקאַווא שמייכלט. ער האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכער באָכער.
— אוואַדע, פאַרשטייט איך, אַז עס איז אָפּהענגיק ניט נאָר פון מיר; נאָר עפּעס וואָס איז אויך פון מיר אָפּהענגיק.
מיר שטייען אויף פון טיש. די יאַפּאַנער נייגן זיך אַ לאַנגע צייט, און ווען איך דריי זיך אויס צו זיי און פאַרנויג זיך פאַר זיי אָפּן יאַפּאַנער שטייגער דריי מאָל, מיט די הענט אַף די קני, באַגלייטן זיי אונדז ביזן ראָג פון דעם געסל און דאָרט געזעגענען זיי זיך מיט אונדז, ווינטשנדיק אַ גליקלעכן וועג.

אַזוי בלאָנדזשען מיר אַרום איבער דער שטאָט ביז פאַרנאַכט. דאַן הייבן אָן די אַמעריקאַנער אונדז אונטערצואיילן, ווייל עס דערנענטערט זיך די הייליקסטע שאָ פאַר זיי — די „דינער“־שאָ, ד״ה מיטיק־עסן. דערצו הערט ניט אויף דער לייטענאַנט ברעדלי אונדז צו דערמאָנען, אַז „שוין צייט כאַפּן אַ טרונק קאַלטן ביר“, ער האָט זייער ליב ביר. מיר קערן זיך אום צו אונדזער שטיבל און בעטן, מען זאָל אונדז דערלויבן צו באַזוכן אין אָוונט די פאַרט־רעסטאָראַנען, אַריינגיין אין אַ טעאַטער אָדער אין אַ קינאָ. נאָר אַף דעם באַקומען מיר איינעם און דעם זעלבן ענטפער:
„אַף לימיטס“.

— איר ווילט זען אַ קינאָ־בילד? — פרעגט אונדז דער לייטענאַנט סקובי. — אָ, מיר וועלן דאָס גלייך איינאָרדענען!
מען ברענגט אַ קליינעם שמאָל־פילמיקן קינאָ־אַפּאַראַט מיט זעקס בילדער צו אים, און מען ווייזט זיי אונדז אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן אָוונט. ווי עס איז דער שטייגער, זיינען דאָס די געוויינלעכע אַמעריקאַנער קינאָ־בילדער, אין וועלכע עס ווערן מאַמעש פאַרהייליקט אי די פאַרברעכער אי די געהיים־אַגענטן, וועלכע יאָגן זיך נאָך זיי.
מיך האָט שוין לאַנג געוווּנדערט דער פאַקט, וואָס די אַמעריקאַנער קינאָ־אינדוסטריע שענקט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט די פאַרברעכער, די מענטשן וועלכע פאַרלעצן דאָס געזעץ, מענטשן וועלכע הארגענען אַנ־

דערע מענטשן, פּאַשעטע גענגסטערס. ווען עס ווערט אייך געוויזן אַפילע אַ היסטאָריש בילד, מוז דער הויפּט־העלד זיין אומבאַדינגט אַ פּיראַט, וועלכער פאַרכאַפּט אַף אַ טאָג עפּעס אַ פּאָרט־שטעטל און פאַרשלעפּט מיט זיך דאָס שענסטע מיידל פון דעם שטעטל, אָדער אַף עפּעס אַ גאָר קונציקן אויפן באַרויבט ער די שטאָט־באַנק. און דאָס אַלץ אינאיינעם הייסט „דעם פּיראַטס געליבטע".

אויב ווידער עס ווערט אייך געוויזן אַ מאָדערנע קינאָ־בילד, איז דאָן דער הויפּט־העלד — אַ רייצנדיקער אַריסטאָקראַטישער גענגסטער (אין אַזעלכע ראָלן זעט מען אָפטער ווי אַלע דעם שוישפּילער טשאַרל באָיע) — דער העלד קומט אַריין אין אַ סאַלאָן, וווּ עס ווערט געשפּילט אין רו־לעטע, און פּלוצלינג צווינגט ער דעם גאַנצן אוילעם צו בלייבן שטיין ווי פאַרגליווערט ביז ער, דער העלד, פאַרשווינדט ניט פון דעם סאַלאָן, מיט־נעמענדיק מיט זיך אַ באַרג מיט דאָלאַרן, וועלכע זיינען געלעגן אַפן טיש. עס ווערן אונדז געוויזן אויך פלינקע, שטאַרקע, שיינע יונגעליים, געניטע ספּאָרטליים, וועלכע קענען גוט באָקסירן, פליען מיט אַ בליץ־שנעלקייט אין זייערע אויטאָמאָבילן, רייטן איבער בערג און טאָלן אַף פערד, האַלטן זיך זייער פיין און קאָרעקט מיט גאָר שיינע מאַנירן.

נאָר צום סאָף לאָזט זיך גאָר אויס, אַז אָט די אַלע אַזוי סימפּאַטי־שע יונגעליים זיינען אָדער גענגסטערס, אָדער געוויינלעכע פאַרברעכער, אָדער פּראָסט־פּאַשעטע גאַנאָווים, וועמען עס זוכט אַרום די פּאָליציי און וועמען עס אַרעסטירט סאָפקאָלסאָף, אַ געניטער געהיים־אַגענט.

מיר שיינט, אַז איך וועל ניט מאַכן קיין טאָעס, אויב איך וועל זאָגן, אַז די גרעסטע טייל פון די אַמעריקאַנער קינאָ־בילדער זיינען געווידמעט נאָר אַזאַ מין טעמע. און די טעמע ווערט באַהאַנדלט אין טויזנטער וואַ־ריאַנטן און אין אַלערליי געזעלשאַפטלעכע סוויווען. אָפטמאָל באַקומט זיך אַן איינדרוק אַז די אַמעריקאַנער פילם־אינדוסטריע פאַרפאָלגט נאָר איין ציל, צו באַאיינפלוסן די יוגנט, אַז דערגרייכן צום שפּיץ פון רום אָדער צו אַ גוטער קאַריערע, קען מען נאָר ווערנדיק אַ גליקלעכער גענגס־טער, וועלכן זי האָט אַזוי גרינטלעך און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער באַהאַוונטקייט אויסגעשטודירט און ווייזט עס מיט אַזאַ שעפערישער פילפאַרביקייט אַף אַלע וועלט־עקראַנען. איך בין גרייט אויסצוהערן די באַהויפּטונגען פון אַ סאַך קינאָ־רעזשיסאָרן, וועלכע וועלן אָנווייזן אַף אַזעלכע בילדער, ווי „דער גרויסער וואַלס", „וועגן מייז און מענטשן", „מיַיסעלעך פון מאַנהעטען", דערמאָנענען וועגן יענע בילדער, וועלכע עס זיינען באַשאַפן געוואָרן פון דזשאָן פאָרד, אָדער הענרי קינג. יאָ, עמעס, איך וועל זיך ניט שפּאַרן, אַז דאָס זיינען עמעסע קונסט־ווערק, אָבער אַזעלכע בילדער לאָזט האָליוווּד אַרויס ניט מער ווי אַ צענדליק אין יאָר, און פינף הונדערט זיינען ענלעך צו יענע בילדער וועלכע מיר האָבן גע־

זען אין יענעם קליינעם שטיבעלע אין נאגאסאקי. זיי ווערן אויך געוויזן אין אלע קינא־טעאטערס פון יאפאן, כינע, פיליפינען־אינדזלען און אין אמעריקע גופע — אומעטום, וואו הין האליוואוד האט נאר געהאט א מעג־לעכקייט ארייננצודרינגען.

מיר זיצן אף א סאפקע אין א פינצטערן צימער, הינטער אונדזערע פלייצעס רוישט א קליינער קינא־אפאראטל און פאר אונדזערע אויגן שווינדלען גענגסטער, עס הערט זיך א שיסעריי און עס שפילן זיך אפ הארצרייסנדיקע דראמעס, פון וועלכע דער מענטש ווערט ניט דערהויבן, ער ווערט ניט ארנטלעכער און איידעלער, נאר עס הייבט אים אן צו ציען צו א רעוואלווער.

אפטמאל ווילט זיך פרעגן בא די אלע אמעריקאנער שוישפילער, קינסטלער און רעזשיסארן: „אף וואס פארטאכלעוועט איר אייער טא־לאנט?”.

עס ווערט שוין שפעט, מיר גייען שלאפן. אין שכייניקן צימער, הינטער א דין ווענטעלע ארדענען זיך איין די אמעריקאנער אפיצירן. זיי רעכענען ווייזט אוים, אז עס איז אוממעגלעך, אדער אז זיי האבן ניט קיין רעכט אונדז איבערצולאזן אליין אפילע באנאכט, און גאנץ פרי, ווי נאר מיר שטייען אויף, באווייזן זיי זיך שוין אין אונדזער צימער.

— 9 —

אינדערפרי דערמאנען מיר ווידער וועגן אונדזער פארלאנג צו בא־זוכן די שיף־ווערפטן. דער לייטענאנט מאק־קעלראי מעלדעט אונדז: „דאס איז ניט מעגלעך, ווייל עס איז איצט א מיליטערישע פאבריק”.

— איר זאגט א מיליטערישע פאבריק? — פרעגן מיר איבער — איז דען נאך דא אין יאפאן מיליטערישע פאבריקן?

— ניין, — ענטפערט מאק־קעלראי — דאס איז אן אמעריקאנער מיליטערישע פאבריק. און וואס שייעך די מיצוביסי־שיפס־ווערפטן אין נאגאסאקי, קענען זיי אייך ניט געוויזן ווערן.

— מיילע, — ענטפערן מיר — ס'איז ניטא קיין אנדער ברייירע; נאר מיר מוזן אייך זאגן, אז ס'איז א סענסאציע די ידיעה, אז די אמע־ריקאנער פארמאגן אין יאפאן מיליטערישע פאבריקן. דאס איז נאר אין נאגאסאקי, אדער אויך אין אלע יאפאנישע שטעט?

מאק קעלראי בלייבט שטיל א וויילע, פארטראכט זיך און ענטפערט:

— איך ווייס ניט, איך גיב אייך איבער נאר דאס וואס מיר איז געלונגען זיך צו דערוויסן. עס קען מעגלעך זיין, אז איך האב אייך דער־ציילט שוין מער ווי מען דארף.

— הייסט עס אז מיצוביסיס שיפס־ווערפטן אין נאגאסאקי געהערן

צו די אַמעריקאַנער און זיי בויען קריגס־שיפן, — מאַך איך אַן אויספיר.
— וואָס זשע מעגן מיר יאָ זען? עפּשער וועט פאַר אונדז מעגלעך זיין זיך דורכצופאָרן אין אַ יאַפּאַניש דערפל?

דער לייטענאַנט מאַק־קעלראַי גייט אַוועק און אין אַ האַלבער שאָ אַרום קומט ער צוריק מיט אַן ענטפער:

— ניין, — זאָגט ער — איר טאָרט ניט פאָרן אין דאָרף, איר טאָרט ניט פאַרלאָזן די שטאָט נאַגאַסאַקי.

— און פאַרוואָס דערלויבט מען אונדז ניט צו פאָרן אין אַ דאָרף? דאָרט זיינען אויך דאָ עפּעס מיליטערישע אָביעקטן? — פרעגן מיר.

— איך ווייס ניט, — ענטפערט מאַק־קעלראַי — וועגן דעם האָט מען מיר גאָרניט געזאָגט, אָבער איך דענק, אַז דאָ האַנדלט זיך אין דעם וועג דורך וועלכן איר וואָלט באַדאַרפט פאָרן. ניט ווייט פון דעם וועג בויט זיך דאָס ברעג פון יאַם אַ גרויסע אַוויאַציע־באַזע. וויל מען מיסטאמע ניט, אַז איר זאָלט זי זען.

— וואָס־זשע בלייבט אונדז צו טאָן? — פרעגן מיר — עפּשער זאָלן מיר אינגאַנצן אַוועקפאָרן פון נאַגאַסאַקי?

דאָ אָבער מישט זיך אַריין דער לייטענאַנט סקובי. ער דערמאָנט אונדז, אַז מיר מוזן פאַרברענגען אין נאַגאַסאַקי דריי טעג, ניט מער, אָבער אויך ניט ווייניקער. דעריבער טאָרן מיר ניט אַרויספאָרן פון דאַנען פריִער פון דעם באַשטימטן טערמין.

— וועלן מיר דאַן אָפּפאָרן אין אַ יאַפּאַנישן באַן. איר קענט דאָס אונדז ניט פאַרווערן.

— איך בין געצוווּנגען אייך דאָס צו פאַרווערן און איר וועט דאָס ניט טאָן, — ענטפערט אונדז סקובי.

— וואָס־זשע וועלן מיר דאָ טאָן? עפּשער ווידער קוקן קינאָ־בילדער? דאָס וואָלטן מיר דאָך געקענט טאָן אין טאָקיאָ אויך, און אָפּילע אין מאָסקווע.

דער לייטענאַנט מאַק־קעלראַי שלאָגט פאָר באַקוקן די שטאָט.

— וועט איר אונדז עפּשער ווייזן דעם פּאָרט, אָדער די יאַפּאַנישע שיפן, וועלכע געפינען זיך דאָרט?

— ניין, אויך דעם פּאָרט קאָן איך אייך ניט ווייזן, ווייל איצט איז דאָס שוין אַ מיליטערישער פּאָרט, וועלכער געהערט צו דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ס'איז איצט די באַזע פון דעם אַמעריקאַנער קריגס־פלאָט. און אַף די יאַפּאַנישע שיפן טאָר מען אייך אויך ניט אַרויפלאָזן, ווייל אויף זיי איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון כאָלערע.

אַזוי אַרום בלייבט אונדז איבער נאָר דאָס איינציקע: ווידער אַריינצוזעצן זיך אין די דזשיפּס און פאָרן באַקוקן נאַגאַסאַקי. לאַנג פאָרן מיר אַרום מיט אַ ווילדער שנעלקייט איבער די שמאָלע גאַסן, איבערשרעקנ־

דיק די קינדער, גאסן־הענדלער, פוסגייער און ריקשעס. צום סאָף בעטן מיר מען זאָל צופאָרן צו דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „נאַגאַסאַקי־סימבון".

מיר שטייגן אַרויף אַפן דריטן שטאָק. דאָרט ווערן מיר אויפגענומען פון דעם הויפּט־רעדאַקטאָר — וואַטאַנוקי. פון אים דערוויסן מיר זיך אַז ביז דעם לעצטן יאָר פלעגן דערשיינען אין נאַגאַסאַקי פיר צייטונגען, איצט אָבער האָבן זיי זיך אַלע פאַראייניקט און געשאַפן בלויז איינע — „נאַגאַסאַקי־סימבון". וואַטאַנוקי גלויבט אָבער, אַז גאָר אינגיכן וועלן ווידער אָנהויבן זייער זעלבסטשטענדיקן לעבן צוויי צייטונגען: „סאַסעבאַ־גונקאַ", וואָס איר טייטש איז „דער מיליטערישער פּאָרט — סאַסעבאַ" און „סימבאַרא סאַמבון".

די ערשטע פון די צוויי צייטונגען געהערט צום הער נאַגאַנאַ, וועלכער איז איינער פון די רייכסטע סאָכרים און באַלעבאָס פון אַ שיפּס־געזעלשאַפט. די צווייטע געהערט דעם הער סימידזו — דעם קעניג פון די עקספּאָרט־סאָכרים. די צוויי נייע צייטונגען וועלן הויפּטזעכלעך באַדינען די שיפּס־געזעלשאַפטן, ווייל זיי וועלן דערשיינען בלויז פאַר די יאַם־לייט.

— עס ווייזט אויס, — באַמערקן מיר — אַז דאָס ווידערדערשיינען פון די צוויי צייטונגען איז ענג פאַרבונדן מיטן ווידעראויפלעבן פון דעם מיליטערישן פּאָרט און אויך פון די שיפּס־געזעלשאַפטן אין נאַגאַסאַקי?

— וואַרשיינלעך, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, — ענטפערט וואַטאַנוקי.

מיר פּרוּוון געוואָרן ווערן בא דעם הויפּט־רעדאַקטאָר וועגן דעם אַלעמען, וואָס עס האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן צו דערגיין בעיס אונדזער אַרומרייזן איבער דער שטאָט.

וואַטאַנוקי דערציילט אונדז, אַז אין דער שטאָט עקזיסטירט אַ זייער גרויסער פאַרבאַנד פון יאַם־לייט. ער האָט זיך איצט פאַרגרעסערט אין פינף מאָל אַזויפיל, ווייל אַלע מאַטראָזן און אָפיצירן פון דעם קריגס־פלאָט זיינען איצט אַריבער צום האַנדלס־פלאָט.

דאָ קומט אונדז אַפן זיקאָרן אונדזער שמועס מיטן מאַטראָז אין שענק: ער האָט אונדז דאַן געזאָגט דעם זיינעם עמעס. עס איז קלאָר, אַז מען האָט אַריבערגעפירט אַלע יאַם־לייט פון דעם קריגס־פלאָט אין האַנדלס־פלאָט, קעדיי אַזוי אַרום צו האָבן זיי גרייט פאַר דער צוקונפט.

מיר שטעלן דעם הויפּט־רעדאַקטאָר אַ פראַגע: וואָס איז זיין מיינונג וועגן יאַפּאַנס צוקונפט? וואַטאַנוקי שאָקלט מיטן קאָפּ און איז זיך מויִדע, אַז די צוקונפט איז דערווייל שטאַרק פאַרנעפּלט און ער קען גאָרניט פאָרויסזען. ער זעט אַפילע ניט די וועגן אַף וועלכע יאַפּאַן וועט גיין צו דער צוקונפט.

— און וואָס פאַרלאַנגט דאָס פאָלק? — פרעגן מיר.

— דאָס פאָלק וויל פרייהייט און שאָלעם, — ענטפערט וואַטאַנוקי און קוקט זיך אום דערביי אַף די אַמעריקאַנער אָפיצירן.
— און וואָס גיט מען דעם פאָלק?
דאָ איז זיך וואַטאַנוקי ווידער מוידע, אַז עס איז אים זייער שווער צו ענטפערן אַף דער פראַגע.
— עפשער זאָל איך אייך דערציילן עפּעס וועגן דער צייטונג, וועגן איר רעדאַקציע, עפשער זאָל איך אייך ווייזן אונדזער דרוקעריי? — שלאָגט ער אונדז פאָר.
נאָך דעם שפּאַציר איבער די אַלע דריי שטאָקן, וועלכע די צייטונג פאַרנעמט, פרעגן מיר אויס באַ וואַטאַנוקין וועגן די פּאַרלאַמענט־דעפּו־טאַטן, אויסגעוויילטע פון נאַגאַסאַקי. ער ענטפערט אונדז, אַז פינף פון די זעקס דעפּוטאַטן געהערן צו דער ליבעראַלער פּאַרטיי און דער זעקס־טער איז פון דער פּראָגרעסיוועך, דער לעצטער איז איינער פון די גרעס־טע באַנקירן אין נאַגאַסאַקי. די אַלע פינף ליבעראַלן זיינען באַקאַנטע געוועזענע הויכע באַאַמטע אין נאַגאַסאַקי נאָך באַם אימפּעראַטאָר און בעשאַס דער מילכאָמע האָבן זיי פאַרנומען זייער וויכטיקע פּאָסטנס.
— יאָ, — זאָגט וואַטאַנוקי צום סאָף, — עס האָט זיך גאָרניט גע־ענדערט.
— נו, און ווי דענקט איר, וועלן די זעקס דעפּוטאַטן קעמפן אין פּאַרלאַמענט פאַר יענע שטרעבונגען פון פאָלק, וועגן וועלכע איר האָט דאָ נאָר וואָס גערעדט, ד״ה פאַר פרייהייט און שאָלעם?
וואַטאַנוקי שמייכלט.
— דאָס גלויב איך ניט; און דאָך, מען קען ניט זיין זיכער. עפּ־שער יאָ.
מיר אָבער פאַרשטייען איינער דעם צווייטן גאַנץ גוט, האָגאָס וואַ־טאַנוקי געהערט ניט צו דער פּראָגרעסיוועך טייל פון די יאַפּאַנישע זשור־נאַליסטן.
— איז דערשינען די צייטונג אין יענעם טאָג ווען עס איז אַראָפּ־געוואָרפן געוואָרן די אַטאָמישע באָמבע? — פרעגן מיר אים.
— ניין, — ענטפערט ער. — די צייטונג איז דערשינען אַפן צווייטן טאָג.
— ווייזט אונדז, וואָס עס איז אין איר געווען אָפּגעדרוקט.
וואַטאַנוקי שלעפּט אַרויס אַ קאָמפּלעט צייטונגען און צעעפנט פאַר אונדז אַ צייטונגס־נומער, וועלכער איז דערשינען גלייך אַף מאָרגן נאָך דעם ווי עס האָט אויפגעריסן די אַטאָמישע באָמבע. און מיר געפינען אין איר בלויז אַזאַ מין נאָטיץ וועגן דער באָמבע:
„דער הויפּט־שטאָב פון דאָרעם. דעם 8־טן עלף אַזייגער אינדערפרי,

האָט דער סוינע אַראָפּגעשליידערט אַ נייע באָמבע. מיר דענקען אַז די צאָל קאָרבאָנעס איז נישט קיין גרויסע".

קיין איין שורע מער איז ניט געווען אָפּגעדרוקט וועגן דער אַטאָמי־שער באָמבע אין אַ ציימונג, וועלכע איז אַרויס אין נאַגאַסאַקי, אין יע־נער שטאָט, וועגן וועלכער מען זאָגט, אַז זי האָט געצוואונגען צו דעם, אַז דאָס יאַפּאַנישע פֿאָלק זאָל זיך ערנסט פֿאַרטראַכטן און קאַפּיטולירן נאָך איידער עס איז אַריין אין שלאַכט דאָס סאָוועטישע מיליטער פֿון די דריי וויקטאָריזרעכדיקע פֿראָנטן.

מיר געזעגענען זיך מיט וואַטאַנוקי־סאַן. אַלס מאַטאַנע שענקט ער אונדז אַ גאַנצן קאָמפּלעט פֿון זיינע ציימונגען, צווישן וועלכע עס געפֿינט זיך אויך יענער נומער, וועלכער איז דערשינען אָף מאָרגן נאָך דעם אויפֿ־רייס פֿון דער אַטאָמישער באָמבע. ווידער זעצן מיר זיך אַריין אין די דזשיפּן און דער לייטענאַנט ברעדלי דערמאָנט אונדז, אַז „שוין צייט צו כאַפּן אַ טרונק קאַלטן ביר".

דאָס מאָל זיינען מיר אויך מאַסקים. זאָל זיין ביר. ניטאָ קיין אַנדער ברייטע. מיר פֿאָרן צוריק אַהיים. דער מיטיק פֿאַרציט זיך. און מיר אַליין איילן זיך אויך ניט, וויל מיר ווייסן אַז סיי ווי סיי וועט מען שוין אונדז אין נאַגאַסאַקי ניט לאָזן גיין אין קיין שום פּלאַץ און מיר פּרובירן אַפֿילו ניט זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם אומדערוואַרטעטן הויז־אַרעסט, וועלכער הייסט אַף דער אָפֿיציעלער שפּראַך — גאַסטפֿריינטלעכקייט. דאָך באַם אויפֿהויבן זיך פֿון טיש שטעלן מיר אַ פֿראַגע:

— אַלזאָ, וואָס וועלן מיר איצט טאָן?

און דער לייטענאַנט סקובי, וועלכער פֿאַרמאָגט אין זיך אַביסל הו־מאָר ענטפֿערט:

— לאָמיר אַביסל אַ טראַכט טאָן!

זעצן מיר זיך אויס אין אַ רונדן צימער, וועלכער איז אויסגעשטאַט גאָר ניט אָפּן יאַפּאַנישן שטייגער און מיר טראַכטן. מיר זיצן און שווייגן, רויכערן אַמעריקאַנער סיגאַרעטן און רוסישע פּאַפּיראָסן, וואַרפֿן זיך אי־בער צווישן זיך מיט עטלעכע פּוסטע זינלאָזע פֿראַזן און דאָס אַלץ איז אַזוי שווער און אומעטיק.

צום סאָף הייבן מיר זיך אויף און גייען ווידער אין שטאָט אַריין. די אַמעריקאַנער גייען אונדז נאָך און לאַדן אונדז איין אַריינצוגיין אין אַ קאַבאַרעט, ווו עס וועלן דערלאָזט נאָר אַמעריקאַנער.

פֿונדערווייטנס זעען מיר אַ קליין הייזעלע באַפּוצט מיט יאַפּאַנישע לאַמטערנדלעך. פֿון די צעעפֿנטע פֿענצטער דערטראָגן זיך צו אונדז קלאַנ־גען פֿון דזשאַז־מוזיק. מיר גייען אַרויף אָפּן צווייטן שטאָק. באַם אַריינ־גאַנג שטייט אַ זעלנער פֿון „עמפּי", באַ די ווענט פֿון אַ גרויסן זאַל שטייען בענק און אַף זיי זיצן מיידלעך געקליידעט אייראָפּעיש און אויך

אין קימאַנאַס. מען באַקענט אונדז מיט דער באַלעבאַסטע פון דעם קאַ־באַרעט, דאָס איז אַ יאַפּאַנישע אַקטריסע פון אָסאַקאַ. זי איז געקומען אַהער, קעדיי אויסצוטראַכטן עפּעס אַ פּאַרווײַלונג פאַר די אַמעריקאַנער זעלנער: זיי לאַנגווײַליקן זיך דאָך נעבעך אַזוי געפערלעך. די אַלע מייד־לעך, וועלכע זיצן אויף די בענק — דאָס זײַנען די פּערמאַנענטע טענצערנס אין דעם קאַבאַרעט, זייער אויפגאַבע איז צו טאַנצן מיט די זעלנער און אָפיצירן, וועלכע קומען אַהער צוגיין.

— אָבער נאָר טאַנצן — שטרייכט אונטער די באַלעבאַסטע.

פאַר יעדן טאַנץ באַקומט דאָס מיידל פון דעם אַמעריקאַנער אַ קו־פּאָן, וועלכע יענער מוז קויפן באַם אַרײַנגיין. אַ מיידל, וועלכע זאַמלט אָן אין פאַרלויף פון אַ נאַכט דרייסיק קופּאָנעס, רעכנט זיך פאַר אַ גו־טער טענצערין, ווייל דערמיט איבערצייגט זי אַז זי געפעלט די געסט און ווערט אָפּטער פון אַן אַנדערער אײַנגעלאַדן צום טאַנץ. פאַראַן מייד־לעך וועלכע זיצן אָפּ אַ גאַנצע נאַכט אויף זייערע בענקלעך און וואַרטן אַז עמעצער זאָל צוקומען און זיי אײַנלאַדן אויף אַ טאַנץ.

מיר פרעגן אויס אייניקע פון די מיידלעך וועגן זייער באַשעפטי־קונג איידער זיי זײַנען געקומען אין דעם קאַבאַרעט. איינע פון זיי דער־ציילט, אַז זי האָט שטודירט אין דעם אוניווערזיטעט אין אָסאַקאַ און שוין געווען אויפן דריטן קורס פון ליטעראַרישן פאַקולטעט. אַ צווייטע האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אַ מיטלשול און קען אָבער ניט געפינען אַ פּאַסי־קע אַרבעט פאַר אירע קענטעניש — ניטאָ קיין אַרבעט, קיין שום אַרבעט. אַ דריטע האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק, אָבער איצט האָט מען דאָרט באַזייטיקט אַלע פרויען און זייערע פּלעצער באַשעפטיקט מיט מענער, איז אויך זי איז געצוווּנגען געווען אַוועקצוגיין.

— נו, און דאָ, איז אײַך פריילעך? — פרעגן מיר זיי.

זיי ענטפערן שטיל:

— ניטאָ קיין אַנדער ברייררע, מען מוז זיך פריילעך מאַכן. אַזוי איז דאָס לעבן.

די מיידלעך האָבן שוין אויסגעלערנט אַ צענדליק ענגלישע ווערטער אויף צו קענען כאָטש עפּעס אָפּענטפערן זייערע אַמעריקאַנער קאַוואַלירן אויף די קאָמפּלימענטן און וויצן בעיים דעם טאַנצן. איבערן זאָל לויפט אום די גאַנצע צייט אַ „באָי״, נאָך קימאַט אַ קינד, אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ טאַץ אויף וועלכן עס שטייען גלעזעלעך מיט קאַלטן ביר. די אַמע־ריקאַנער זײַנען מעכאַבעד מיט ביר די מיידלעך מיט וועלכע זיי טאַנצן און דאָס ווערט דאָ באַטראַכט ווי דער העכסטער אויסדרוק פון העפלעכ־קייט און אין אַזעלכע פאַלן דאַנקען די טענצערנס זייערע קאַוואַלירן און נייגן זיך פאַר זיי אַ לאַנגע צייט. אַזוי דויערט דאָס טאַנצן דאָ ביז עלף

אזייגער. און דאן גיט דער זעלנער פון עמפּי אַ קוועטש אַ גלעקל, דאָס ליכט ווערט אויסגעלאָשן און אַלע מוזן פאַרלאָזן דעם קאַבאַרעט.

מיר זיצן אין זאַל און באַטראַכטן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. מען טאַנצט אומעטיקע און ווייניק עסטעטישע פאָקסטראָטן. מיר קענען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס פאַטערן די אַמעריקאַנער אָפיצירן אַזוי פיל צייט אין די באַרן און אין די קאַבאַרעטן. און מיר פרעגן וועגן דעם בא די אָפיצירן, וועלכע זיינען מיט אונדז געקומען צופאָרן.

— אין אַמעריקע פאַרברענגען מיר אויך אָפן זעלבן שטייגער. — ענטפערט מען אונדז. — די אַלע לוקסוס־רעסטאָראַנען און די רייכע פּרעכטיקע פאַרוויילונגס־פּלעצער ווערן געוויזן נאָר פאַר טוריסטן. אַ דורכ־שניטלעכער אַמעריקאַנער איז ניט אימשטאַנד אַריינצוטרעטן אַהין. אונ־דזער פרייע צייט פאַרברענגען מיר מערסטנטייל אין די קינאָ־טעאַטערס אָדער אין קאַבאַרעטן, ענלעך צו דעם דאָ. דער איינציקער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרטן טאַנצן אַמעריקאַנער מיידלעך ניט קיין יאַפּאַנישע, און דאָרטן איז פיל אַנגענעמער. — אַזאַ אויספיר מאַכט דער לייטענאַנט.

אַהיים גייען מיר צופוס. אין שטאָט איז שוין נאַכט, אָבער די גאַסן זיינען העל באַלויכטן, ווייל די יאַפּאַנער האַנדלען ביז גאָר שפּעט באַ־נאַכט. אין די קליינע קלייטלעך קענט איר קויפן אַ קימאָנאָ, אָדער עפּעס אַ קלייניקייט, אַן אָנדענק, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דער אַטאָמישער באָמבע. איר קענט אָפּעסן אַ שיסעלע זופּ, אָדער אויסטרינקען אַ גלאָז וויין. און אין די קליינע שמאָלינקע געסלעך, וווּהין עס קען ניט אַריינ־קריכן אפילו אַן אַמעריקאַנער „דזשיפּ", אָף די הוילע טראָטוארן אונ־טער די פענצטער, צעלייגן זיך אָף נאַכטלעגער די היימלאָזע. זיי שלאָפן אָף די שטיינער וואָס זיינען אָנגעגליט געוואָרן פון דער באַטאָגיקער זון און לייגן אונטער צוקאָפּנס זייערע זעק מיטן גאַנצן האָב און גוטס. מיר באַגעגענען אָפן וועג אָרעמעלייט. דערזעענדיק אייך, ציען זיי אויס שוין פונדערווייטנס זייערע דאַרע הענט און באַקומענדיק אַ האַלבן יען, שטעלן זיי זיך אָף די קני, לאָזן אַראָפּ זייער קאָפּ ביז צו דער ערד און אַזוי בלייבן זיי שטיין ביז וואַנען איר פאַרשווינדט ניט פון דעם געסל.

אָפן וועג פאַלן מיר אַריין אין אַ טעמפּל. אַ מאָנאַך דערקלערט אונדז אַז דאָס איז אַ בודיסטישער טעמפּל און אַהער קומען די יאַפּאַנער פאַרן שלאָפן גיין, קעדיי צו דערמאָנען גאָט וועגן זיך. מיר זעען ווי דריי פרויען גייען צו מיט שנעלע טריט צו אַ טאַץ זיי קויפן פאַר אַ יען אַ צענדליק ליכט, אויסגעאַרבעטע פון יאַם־גראָז, צינדן זיי אָן, שטעלן זיך אָף די קני און זאָגן עפּעס אַ קורצע טפילע. אָפּגעזאָגט, הייבן זיי זיך אויף און לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג מיט די זעלבע שנעלע טריט. אייניקע פאַר־האַלטן זיך אין דעם דערבייאיקן גאָרטן, ווו יעדעם ביימעלע און יעדער

קוסט רעכענען זיך פאר הייליקע. זיי ברענגען מיט זיך קליינע שטיקעלעך פאפיר, אף וועלכע זיי שרייבן אָן מיט יעראָגליפן זייערע פארלאנגען, ביטעס און טרוימען, געווענדעט צו גאָט. די פאפירלעך מיט די ביטעס, בינדט מען צו צו די צווייגן פון דיביימער באנוצנדיק דערצו דינע פעדימ־לעך, וועלכע ווערן געוואשן אין הייליקן וואסער באם אריינגאנג אין טעמפל.

א מינוט אָדער צוויי בלייבן זיי שטיין אף די קני פארן בוים און גייען אוועק פול מיט האָפענונגען, אַז זייערע ביטעס און טרוימען אָנגע־שריבן צו גאָט מיט יעראָגליפן אף די פאפירלעך וועלן בעיים זייער שלאָפן דערגיין צום קיסיי־האקאָוועד. און דאן וועט זיך ענדערן זייער לעבן און זיי וועלן קענען ארויסקריכן פון יענער דאכקעס און נויט אין וועלכע זיי געפינען זיך.

איך האָב געפרעגט באם מאָנאך:

— וועגן וואָס בעטן אָט די אַלע מענטשן בא גאָט?

— זיי בעטן וועגן זייער א סאך! — ענטפערט ער מיר.

— אָבער דאָך, וועגן וואָס?

— זיי בעטן זייער א סאך און פאָדערן שוין צופיל און דעריבער, פארשטייט זיך, ניט אַלץ ווערט מעקויעם, ניט יעדן פארלאנג קען גאָט באפרידיקן.

— פונדעסטוועגן — וואָס פארלאנגען זיי? וועגן וואָס טרוימען זיי? עפשער בעטן זיי גאָר אוים פאר זיך גרויסע פאלאצן, וועלכע זיי פארמאָגן ניט? אָדער זיי פארלאנגען גאָר פאר זיך גרויסע אויצרעס?

דער מאָנאך פארטראכט זיך און ענטפערט:

— איך טאָר ניט ארייננקוקן אין די הייליקע בריוו, וועלכע ווערן געשריבן צו גאָט.

אָבער דער וועכטער פון גאָרטן קען גאנץ גוט די אַלע סוידעס. ער שמייכלט צו אונדז און זאָגט:

— זיי בעטן פאר זיך אָנשטאָט איינעם — צוויי שטיקלעך פיש אין וואָך און אויך א ביסעלע רייז כאָטש איין מאָל אין כוידעש, מעג דער רייז אפילע זיין ניט פון זייער א גוטער קוואליטעט, אָבער רייז, ניט אויסגעמישט מיט ערד און גראָז.

— שוין לאנג ווי זיי בעטן בא גאָט וועגן אָט די אַלע ווילטיקן?

— יאָ, — ענטפערט דער וועכטער — שוין לאנג, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע.

מיר פארלאָזן דעם טעמפל מיט דער מיינונג אַז די יאפאנער בוקן זיך צו זייער א גרויזאַמען גאָט. אין פארלויף פון די אַלע יאָרן איז ער טויב צו די טפילעס פון א פאלק, וועלכער שטאמט פון דער געטן פון דער זון — אמאטעראסו אמיקאמי.

צוזאמען מיט אונדזערע אמעריקאנער קומען מיר צוריק אין קליינעם שטיבעלע, ווו מיר וועלן מוזן פארברענגען אונדזער לעצטע נאכט אין נאגאסאקי. און ווידער פאלן מיר אריין אין אמעריקע, כאטש מיר זיינען נאר וואס געקומען פון דעם קאבצאנישן, האלב־הונגעריקן פעאדאלן יאפאן.

מען לייגט אונדז פאר צו זען א קינא־בילד, וועלכעס הייסט „די געדרייטע טרעפ". מיילע, ניטא קיין אנדער ברייררע — וווהין צו גיין איז ניטא, זאל זיין „די געדרייטע טרעפ". מען קלערט אונדז אויף, אז דאס בילד וועלכעס מיר וועלן באלד זען איז דער לעצטער קינא־שלאגער אין אמעריקע. ער האט זייער א גרויסן דערפאלג, איבערהויפט אין דער ארמיי. מענטשן מיט שוואכע נערוון קענען דאס בילד ניט אויסזיצן און זיי פארלאזן דעם זאל אינמיטן דער פארשטעלונג, אבער די אמעריקאנער זיינען זיכער אז מיר פארמאגן שטארקע נערוון. יא, מיר וועלן אויסזיצן ביז צום סאף.

און אט וואס מיר זעען:

מיר ווערן איבערגעטראגן אין א גרויסער, ראשיקער אמעריקאנער שטאט. אין באקוועמען לוקסוס־הויז, וווינט א יונג שיין מיידל. זי איז אין א פארלעגנהייט, ווייל זי קען ניט באשליסן מיט וועמען באסענע צו האבן: דריי כאסאנים ווארטן אף איר אויסוואל. זי גייט ארויף צו זיך אין שלאף־צימער, עפנט א שאנק און פלוצלינג באווייזן זיך צוויי הענט אין שווארצע הענטשקעס, וועלכע דערשטיקן דאס מיידל. א טויטע — פאלט זי אף דער ערד. דער מערדער איז געווען באהאלטן אין שאנק. מיר זעען אים ניט. דעם צושויער ווערט דערלויבט צו זען נאר זיינע אויגן. זיי דערנענטערן זיך אלץ מער און מער צו אונדז ביז זיי פארנעמען דעם גאנצן עקראן. די אויפגעברויזטע שטאט דערוויסט זיך מיט גרויל וועגן דעם נייעם מארד. שוין אין מעשעך פון דריי מאנאטן דערשטיקט עמעצער יונגע מיידלעך און קיינער קען זיי ניט ראטעווען. קיינער ווייסט ניט אין וועמענס הויז וועט די קומענדיקע נאכט ארייַנדרייגען דער מערדער. די מענטשלעכע נעשאמעס זיינען פול מיט פאכאד. ניטא קיין קויעך, וועלכער זאל זיי אפראטעווען פון די געהיימע הענט. די סימאנים פון די מערדערישע פינגער ווערן געדרוקט אין אלע צייטונגען, די פאליציי שטודירט זיי. איין איינציקער קלוגער געדאנק פאלט איין די געהיים־אגענטן — דער מערדער איז רייך, ווייל ער בארויבט ניט זיינע קארבאנעס. שפעטער פאלט זיי איין נאך א געדאנק — דאס איז א נעקאמע־נעמער. עפשער איז דאס א שלימאזל? עפשער האט אים פארלאזט זיין ווייב? עפשער איז דאס די ווירקונג פון אן אפגענארטער ליבע? נאר אלץ איז אומזיסט, מען קען קיינעם ניט געפינען און אלץ אפטער און אפטער זעען מיר אפן עקראן אין האלב־טונקעלע בודוארן,

אין פּרעכטיקע סאַלאָנען, אין רייכע שלאָפֿצימערס אַ פּאָר שטעכיקע אויגן און הענט אין שוואַרצע גומי־הענטשקעס. דער דאָקטאָר, וועלכער קומט צופֿאָרן פֿעסטצושטעלן דעם טויט, רעדט שטענדיק אַרויס אַלץ די זעלבע פֿראַזע: „אַלץ דאָס זעלבע!”. דער דאָקטאָר פֿאַרלאָזט אַ הויז, ווו מען האָט נאָר וואָס דערוואָרגן אַ יונג מיידל, און באַגעגנט אויף דער גאַס זיינעם אַ פּאַציענט. דאָס איז אויך אַ יונג מיידל, אַ שוועסטער פֿון אַ באַרימטן פּראָפֿעסאָר־פּסיכיאַטער. דאָס מיידל האָט אין דער יוגנט פֿון שרעק פֿאַרלאָרן איר לאָשן — דעריבער גייען זיי ביידע און שווייגן. זיי ביידע זיינען אַלטע גוטע פֿריינט. דער דאָקטאָר טראַכט. טראַכטנדיק זאָגט ער אַרויס זיין מיינונג, אַז דער מערדער דערוואַרגט בלויז קאַפּריזנע און היסטערישע מיידלעך; אויסגעלאַסענע מיידלעך, וועלכע פֿאַרליבן זיך צו אָפֿט, אָדער וועלכע האָבן אינגאַנצן קיין האַרץ ניט. דאָס שטומע מיידל גייט אַהיים, ווו עס וואַרטן אויף איר, איר ברודער, דער פּראָפֿעסאָר מיט זיין פֿרוי, און אַן אַלטע קראַנקע מוטער. די מוטער ליגט קראַנק אין אַ צימער אויבערשטן שטאָק, אַהין פֿירן געדרייטע טרעפּ. די אַלטע ליגט אין בעט און הערט זיך צו די גאַנצע צייט צו די טריט אויף די טרעפּ, זי פֿאַרזיכערט אַז פֿון דאָרטן דראָט איר דער טויט. זי בעט זיך מען זאָל צו איר ניט אַריינלאָזן איר זון, דעם פּראָפֿעסאָר, און ווען יענער שטויסט אַוועק דאָס שטומע מיידל און רייסט זיך אַריין אויף קויעך צו זיין מוטער אין צימער, כאַפּט די אַלטע צו אים אַרויס פֿון אונטער דעם קישן אַ רעוואָלווער. דער פּראָפֿעסאָר גייט אַראָפּ צוריק און הייבט אָן פֿאַרצוואָרפֿן זיין פֿרוי, אַז זי האָט אים שוין מער ניט ליב. ער שיקט די פֿרוי אַראָפּ אין קעלער, אַז זי זאָל אַרויפֿברענגען אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער. צום קעלער פֿירן אויך געדרייטע טרעפּ. באַלד קערט זיך די פֿרוי אום מיט אַ פֿלאַש שאַמפּאַן, אָבער אויפֿן שוועל ווערט זי פֿון עמעצן אַוועקגעשלעפּט פֿון דער שיין, און אַ פּאָר הענט אין שוואַרצע הענטשקעס דערוואָרגן זי. אין דער זעלבער צייט גייט אַראָפּ אויך דאָס שטומע מיידל און שטויסט זיך אָן אויף די געדרייטע טרעפּ אויף איר ברודער דעם פּראָפֿעסאָר, וועלכער וואַרט זי אָפּ... און מיט שרעק דערזעט זי אַז איר ברודער טראָגט אויף זיינע הענט שוואַרצע הענטשקעס. פֿאַלט איר איין אַ געדאַנק אַז דאָס איז ער טאַקע דער מערדער, וועלכן אַלע זוכן אַרום. נאָר דער פּראָפֿעסאָר אַליין פּרוווט אַפֿילע ניט זיך צו פֿאַרטיידיקן: ער איז זיך מודה, אַז דאָס טוט ער אַלץ צוליב אַ וויסנשאַפֿטלעכן צוועק. דער פּראָפֿעסאָר האָט אויסגעאַרבעט אַ טעאָריע וועגן דער ריינקייט און פֿולווערטיקייט פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק”. ער אַליין האָט אָנגעפֿאַנגען אַ קאַמף פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון זיינע „אידעאַלן”. איצט טרעט שוין אַרויס דער פּראָפֿעסאָר ווי אַ מוסער־זאָגער און ער פֿאָדערט, אַז מיר, די צושויער, זאָלן אים מיטהעלפֿן. ער איבערצייגט אונדז, אַז

פרויען נים קיין „פּוֹלוּוערטיקע״, ד״ה היסטערישע, קראַנקע, קאַפּריזנע, שטומע, צעלאָזענע און נימ קיין אַנטשלאָסענע פרויען — האָבן נים קיין רעכט צו לעבן. זיי מוזן שטאַרבן, ווייל זייערע קינדער וועלן אויך זיין ווי זיי. ער, דער פּראָפעסאָר, איז נים קיין מערדער, ער איז אַ קעמפער פאַר דער ריינקייט פון דער מענטשהייט. דער פּראָפעסאָר וויל אויך דער־שטיקן זיין שוועסטער, ווייל זי איז אַ שטומע. זיין פרוי האָט ער דער־מאָרדעט, ווייל זי האָט אים זייער שנעל אויפגעהערט ליב צו האָבן. די הענט אין שווארצע הענטשקעס ציען זיך צו דעם האַלדז פון דער שטו־מער מיידל, נאָר אין דעם מאָמענט קריכט אַראָפּ איבער די געדרייטע טרעפּ די אַלטע קראַנקע מוטער און מיט אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער דער־הארגעט זי איר אייגענעם זון.

אין צימער ווערט ליכטיק, מיר אָבער בלייבן זיצן ווי פאַרגליווערט. עס ווילט זיך אַלץ נים גלויבן, אַז אונדז רינגלען אַרום אַמעריקאַנער. קען דען מעגלעך זיין, אַז דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע אין יאָר 1946 און די צושויער האָבן נים געמאַכט אַזאַ מין אויפשטאַנד, אַז האָליוווּד זאָל באַטש אביסל קומען צו זיך? אין דעם קליינעם יאַפּאַנישן צימערל אין נאַגאַסאַקי האָט אַ שוועב געטאָן דער ווייסטער, בלוטיקער שאָטן פון היטלערן. מיר זיינען ווידער דערשיטערט געוואָרן פון דעם מייסים־געריך פון אַשוויענטשים און פון דעם שטיקנדיקן געשטאַנק פון די ברענענדיקע מענטשלעכע ביינער אין די אויוונס פון מײַדאַנעק. מיר האָט זיך אַפילע אויסגעדוכט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ פאַרבינדונג צווישן דעם בילד „די געדרייטע טרעפּ״ מיט דעם וואָס ווערט געטאָן דורך די אַמעריקאַנער אין יאַפּאַן. די ערד האָט נאָך נים באַוויזן אויסצו־טריקענען זיך פון בלוט און טרערן, עס איז נאָך נים אַנטשוויגן געוואָרן דאָס געוויין און יאָמער פון אַלמאָנעס, יעסוימים און מוטערס, און דער ברוינער טשאַד באַווייזט זיך שוין ווידער דאָרט, ווו ער וואָלט אַלפּי־סייכל באַדאַרפט באַגראָבן ווערן אויף אייביק. די אַמעריקאַנער אָבער זיינען גאָרנים צעטומלט. פאַרקערט, זיי פירן צווישן זיך וויקוכים וועגן דעם, צי איז דער פּראָפעסאָר גערעכט, אָדער נים? זיי אימפּאָנירט זיין פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט. זיי זעען נים אין דעם פילם קיין שפּור פון פאַשיזם. זיי שמייכלען און שטרייכן אונטער דעם פאַקט, אַז זיי באַזיצן שטאַרקע נערוון. מיר גייען אַרויס אין גאָרטן און באַטראַכטן שטום דעם אויסגע־שטערנטן הימל איבערן קיוסיו־אינדזל. עס כאַפּט אָן אַ ביישעק אַוועק־צוגיין אַהיים צופוס, איבער גאַנץ יאַפּאַן, קיין מאָסקווע, נאָר דאָרט וואָלטן מיר זיך באַרויקט. ערגעץ ווייט־ווייט פונדאַנען געפינט זיך מאָס־קווע. און דער געדאַנק בלויז, אַז סאָפקאַלסאָף וועלן מיר זיך דאָך אומ־קערן אַהין, פילט אָן מיט מוט און פרייד אונדזערע הערצער. דאָרט אין מאָסקווע קענען אונדזערע פריינט גיין און פאָרן וווּהין זייער האַרץ

גלוסט. זיי ווייסן גאָרניט, אַז אַף דער וועלט עקזיסטירן אָפיצירן פון אַמע־ריקאַנער דזשיטו. זיי דאַרפן ניט פאַטערן זייער צייט אַף אַזעלכע ביל־דער, ווי „די געדרייטע טרעפ". וואָס טוען זיי איצט דאָרטן? עפּשער קלייבן זיי זיך צו גיין אין אַ טעאַטער? אָדער זיי שיפן זיך איבערן מאָסקווע־טייך? אָדער זיי אַרבעטן? עס גלוסט זיך אַזוי אומגעהייער שטאַרק צו זיין מיט זיי אינאיינעם. און אונדזערע געדאַנקען טראָגן זיך אַרבער אַהין, צו אונדזערע פריינט, צו אונדזער היימלאַנד.

— באַי סאַן! אַ קאַלטן ביר! — דערטראָגט זיך די באַס־שטימע פון דעם לייטענאַנט ברעדלי.

מיר דערווייטערן זיך אין די טיפעניש פון דעם גאָרטן. אַ הייסע נאַכט שווימט איבער יאַפּאַן.

— 10 —

אַף מאָרגן בעטן מיר דעם לייטענאַנט סקובי, איבערצוגעבן אין מאַק־אַרטורס שטאַב אונדזער דאַנק פאַר אַזאַ גאַסטפריינטלעכקייט און אויך מעלדן אַז מיר זיינען דאָך געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די אַמערי־קאַנער געזעלשאַפט, אַז מיר האָבן בעדייע זיך אריבערצוציען אין אַ יאַ־פּאַנישן האָטעל און פון היינט אָן אַף ווייטער וועלן מיר אַרומרייזן נאָר אין די יאַפּאַנישע באַנען. מען האָט אונדז פאַרוואַנדלט אין הויך־געשעצ־טע טוריסטן, מיר אָבער זיינען זשורנאַליסטן און דער טוריסטישער לעבנס־שטייגער איז פאַר אונדז אינגאַנצן פרעמד.

— מיר זיינען געקומען צופאָרן קיין יאַפּאַן ניט צו זוכן פאַרוויי־לונגען, נאָר קעדיי זיך צו באַקענען מיטן אַרט לעבן פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק און צו באַנעמען זיינע געדאַנקען. אונדז ווערט באַוויזן אַמעריקע, און יאַפּאַן באַהאַלטן מען אויס.

מיר האָבן געבעטן דעם לייטענאַנט סקובי, אַז ער זאָל אויך איבער־געבן, אַז די אַלע שטערונגען וואָס עס מאַכט אונדז די דזשיטו זיינען אין אַ פולשטענדיקער סטירע מיט די באַגריפן וועגן דער פרייהייט פון געדרוקטן וואָרט און דעמאָקראַטיע, מיט וועלכע די אַמעריקאַנער שטאָל־צירן אַזוי.

די רייזע — האָבן מיר אונטערגעשטראָכן — האָט אונדז נאָר גע־וויזן מעריקע אין איר אָפענער און דערצו אויך גאַנץ ניט־אָנגענעמער שיין. אויב — פאַרשטייט זיך — מען מעג אַלסביישפּיל פון אַמעריקע גופע, אָנעמען די אַמעריקאַנער וועלכע געפינען זיך אין יאַפּאַן.

די אָפיצירן האָבן אונדז אויסגעהערט מיט שטוינונג און דאָך האָבן זיי געפּרוּווט צו פאַרוואַנדלען דאָס אין אַ שפּאַס. מיר אָבער זיינען אויפ־געשטאַנען און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג...

— מיר פאָרן אוועק קיין אָסאָקאָ, און איר קענט דאָ פאַרבלייבן — האָבן מיר זיי געמאָלדן.

ווי עס שיינט האָט אונדזער „דעמאַרש" געווירקט, און אַפילו די, וועלכע האָבן איינגעפירט פאַר אונדז דעם פּאָלציי־רעזשים האָבן זיך אָנגעהויבן צו פילן אומבאַקוועם.

אויפן אַנדערן טאָג, באַ אונדזער אָנקומען אין אָסאָקאָ האָט אונדז געמאָלדן אַ מאַיאָר פון דזשיטו, אַז עס וועלן אויסגעפירט ווערן אַלע אונדזערע פאַרלאַנגען און אַז עס וועט אונדז געוויזן ווערן אַלץ, וואָס מיר וועלן נאָר וועלן זען. די אַמעריקאַנער אָפיצירן וועלן זיך שוין מער ניט אַריינמישן אין אונדזער לעבן. איין זאַך פאַרלאַנגט נאָר דזשיטו: דאָס שטענדיקע באַגלייטן אונדז „אַלס זיכערקייט־מיטל" — לויטן מאַיאָרס אויסדרוק.

— וועמענס זיכערקייט באַאומרויִקט אייגנטלעך אייך אַזוי שטאַרק? — פרעג איך.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אייערע, — ענטפערט דער מאַיאָר — איר געפינט זיך דאָך אין יאַפּאַן, וועלכע איז גאָר ניט לאַנג געווען אין מילכאָמע מיט רוסלאַנד. איז דען דאָס ניט אַזוי?

מיר זיינען אָנגעקומען צו דער באַן סטאַנציע און גלייך האָבן זיך אויך באַוויזן די אַמעריקאַנער אָפיצירן. צום באַן וואָס פאָרט פון נאַגאַסאַקי אין אָסאָקאָ, איז שוין געווען צוגעטשעפּעט אַ וואַגאָן מיט אַן עקזאָטישן נאָמען „אַסקאַלוזאַ". דאָך איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קליינער זיג איבערן דזשיטו. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבן מיר אַרויסגעשלעפּט פון אונדזערע וואַליזעס אַ פאַרבאַהאַלטענע פּעשל רוסישע „וואָדקאַ". דער צוג איז מיט אַ שנעלקייט געלאָפן איבערן שלאָפנדיקן יאַפּאַן. דער „באָי" האָט קעסיידער געשלעפּט ביר מיט אייז. מיר זיינען געזעסן אין אונדזערע קופּעען אין אַ שרעקלעכער דורשטיקייט. אין יענע הייסע סעפּטעמבער־טעג און נעכט האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערפילט אַז דער דורשט שעפּט אויס דעם מענטשן, מער ווי דער הונגער. מען טאָר אָבער ניט טרינקען — האָבן מיר זיך באַנוגנט בלויז מיט שטיקלעך אייז. מיר האָבן פאַרלוירן דעם בייזשעק צו עסן. אַפילו דער ווענטילאַטאָר, וועלכן מיר האָבן געלאָזט אין גאַנג, האָט אויך ניט געהאָלפן.

מיר האָבן לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן אין יענער נאַכט. אין קאָרידאָר האָט קעסיידער געטעטאַרטשעט די לאַנגע פיגור פון דעם האַלבנאַקעטן לייטענאַנט ברעדלי. ער האָט יעדע ווייל אַריינגעקוקט צו אונדז, קעדיי זיך איבערצייגן, אַז מיר שלאָפן שוין, און גלייך ווידער געבליבן שטיין באַם פענצטער. ווייזט אויס, אַז ער האָט געהאַלטן וואַך, קען זיין אַז עס האָט זיך אונדז בלויז אויסגעוויזן אַזוי.

אינדערפרי זיינען מיר אָנגעקומען אין אָסאָקאָ.

אַ ריזיקע שטאָט, אין פאַרנעם די צווייטע פון יאַפּאַן. זי האָט אונדז גלייך איבערראַשט מיט איר רויש און פאַרשיידנאַרטיקייט. אין טאָקיאָ האָט מיר געזאָגט אַן אַמעריקאַנער גענעראַל:

— איר וועט אָסאַקאַ ניט זען. דאָס איז אַ טויטער ריז!

היינט האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז דער ריז לעבט אויף.

פון אינדערפרי אָן האָבן מיר באַטראַכט די שטאָט. ווי מאָדנע עס זאָל זיך ניט אויסווייזן, אָבער דעם אַמט פון אַ וועגווייזער האָט בײַ אונדז פאַרנומען אַ זעלנער פון „עמפּי" — אַמעריקאַנער מיליטערישע פּאָליציי. מען האָט אונדז דערקלערט, אַז דער זעלנער קען אויסגעצייכנט די שטאָט און דעריבער האָט מען אים אָנפאַרטרויט דעם שווערן און בע־קאָוועדיקן פּאָסטן — אונדז צו באַגלייטן אין אונדזערע רייזעס איבער דער שטאָט. איצט זיינען מיר שוין געפאָרן אויף זעקס „דזשיפּס", האָגאַם אַליין האָבן מיר זיך באַזעצט אין איינעם. דער ערשטער — דער אויטאָ־מאָביל פון „עמפּי"—, נאָך אים דער דזשיפּ פון דעם מאַיאָר, וואָס האָט אונדז באַגעגנט אויף דער באַן־סטאַנציע אין אָסאַקאַ, נאָך אים אונדזער „קאַר" און פון הינטן נאָך דריי אויטאָמאָבילן מיט די אַמעריקאַנער אָפי־צירן.

קוים האָבן מיר זיך ערגעץ ווו אָפּגעשטעלט — פלעגט זיך גלייך פאַרזאַמלען אַ גאַנצער אוילעם. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע סוויטע איז געוואָרן צוגעטראַכט, קעדיי אונדז צו שטערן פאַרפירן וועלכן עס איז אינטימען געשפרעך מיט די יאַפּאַנער אָדער מיט גלאַט מענטשן, וועלכע וועלן זיך אונדז טרעפן אויפן וועג.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט דער עמפּי־זעלנער גוט אויסגע־שטודירט אַלע „פּרוכטן פון דער טעטיקייט פון דער אַמעריקאַנער אַוויאַ־ציע" אין אָסאַקאַ. ער האָט אונדז געוויזן ריזיקע געביידעס, אויפגעריסע־נע דורך שווערע באָמבעס, ער פלעגט בלייבן שטיין בײַ פאַבריקן וועלכע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן בעיים דער מילכאָמע און דערנאָך ערשט האָט ער אונדז דורכגעפירט איבערן צענטער פון דער שטאָט, ווו עס איז קימאַט ניט געווען קיין צעשעדיקטע הייזער.

אָסאַקאַ איז אַ קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער צענטער פון יאַ־פּאַן. קימאַט אַלע וויכטיקע יאַפּאַנישע צייטונגען האָבן דאָ זייערע צווייטע רעדאַקציעס און זיי דרוקן זיך גלייכצייטיק אין טאָקיאָ און אין אָסאַקאַ. דאָ אין דער שטאָט האָבן מיר דערפילט צום ערשטן מאָל, אַז — די מאָנאָפּאָליסטישע יאַפּאַן, דערשיטערט פון די קאַטאַסטראָפאַלע מאַ־פּאָלע טעג — הייבט איצט שוין ווידער אָן אויפצולעבן, דערפילנדיק עמעצנס אַ שטיצע. די אוניווערסאַל־געשעפטן האַנדלען שוין ווידער, אין די פאַבריקן גייט צו דער אַזוי גערופענער צוגרייטונגס־פּעריאָד ווידער אַרויסצוטרעטן אויפן וועלט־מאַרק; בײַ די מאַסיווע, מאָדערנע געביידעס

פון די יאַפּאַנישע בענק שטייען אויסגעשטעלט רייען לוקסוס־אויטאָמאָבילן; עס ווערן איינגעאָרדנט די האָטעלן. אין די אויפנאַמס־צימערן פון מיצואי, מיצוביסי און סומיטאמא, דאָרט ווו עס פלעגט אַנטשיידן ווערן דער גורל פון יאַפּאַן, וואַרט מען אויף געסט פון אַמעריקע. איבער דער שטאָט הייבט זיך צום הימל דער רויך פון די פאַבריק־קוימענס. מיט איין וואָרט, עס מערקט זיך ווי דאָס געשעפטלעכע און עקאָנאָמישע לעבן אין אָסאַקאַ רייסט זיך אַרויס פון דער „טויטער זאָנע".

— 11 —

איצט וואָלט איך געוואָלט באַקענען אייך, לייענער, מיט דעם גיגאַנטישן „דזייבאַצו־קעניגרייך". אין דער שטאָט אָסאַקאַ זיינען מיר דערגאַנגען זיינע סודעס. די מענטשן, וועלכע מען רופט אָן איצט „דזייבאַצו", באַזיצן אַלע רייכטימער, דעם אינדוסטריעלן קויעך און אויך די פּאָליטישע מאַכט אין יאַפּאַן. דאָס וואָרט „דזייבאַצו" באַדייט בוכשטעבלעך — די פינאַנציעלע קליקע. נאָך אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון יאַפּאַן פיר פעאָדאַלע מישפּאָכעס — מיצוביסי, מיצואי, סומיטאַנאַ און יאַסודאַ. אויסנוצנדיק די הילף פון דער רעגירונג און די אַלזייטיקע שטיצע פון דעם אימפּעראַטאָר, האָבן זיי זייער שנעל זיך פאַרוואַנדלט אין אימפּעריאַליסטישע מאָנאָפּאָלן. איינער פון די בעסטע קענער פון דער דזייבאַצו־געשיכטע, איטשיראַ טייכאַראַ, באַצייכנט דזייבאַצו אַלס מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אין פעאָדאַלע באַדינגונגען. די ביליקע שקלאַפן־אַרבעט האָט מיטגעהאָלפן אַז דזייבאַצו זאָל רייך ווערן. די אַגרעסיווע מיליטאַמע אין כינע און אין מאַנדזשוריע, וועלכע יאַפּאַן האָט געפירט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן דייטלעך דערוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט די הויפּט־וועגן, וועלכע די הערשער פון מיצואי, מיצוביסי, סומיטאָמאַ און יאַסודאַ האָבן אויסגעוויילט פאַר זיך קעדיי צו פאַרפעסטיקן זייער מאַכט.

די „דזייבאַצו־פּאַלאַצן" האָבן זיך געבויט מיט שווייס און בלוט פון פעלקער און פאַר די לעצטע הונדערט יאָר האָט זיך צו די פּאַלאַצן אַריבערגעצויגן דער צענטער פון דעם גאַנצן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פון יאַפּאַן.

— וואָס־זשע אייגנטלעך טוען איצט דזייבאַצו? — האָב איך געפרעגט בײַ נאַגאַמאַ אודזאַ, איינעם אַ וויכטיקן עקאָנאָמיסט, וועלכער שטייט נאָנט צום הויז מיצוביסי.

מיר זיינען געזעסן אין אַ גרויסן גאַסט־צימער אויסגעשטאַט אין יאַפּאַנישן סטיל אָדער בעסער געזאָגט, גאָרניט אויסגעשטאַט, ווייל אין צי־

מער איז ניט געווען קיין מעבל און קיינע אַנדערע זאַכן. בלויז אין אַ ווינקל, אַף אַ קליינעם טישעלע פון שוואַרצן האָלץ זיינען געלעגן אונדזערע היט, און אַף די שניי־ווייסע טעפּיכער זיינען אַנגעוואָרפן געווען פּלאַכע קישנס מיט אויסטערלישער האַפּט. די קישנס האָבן אונדז געדינט פאַר בענקלעך. דער באַלעבאָס האָט אַ זופּ געטאָן אַ שלוק וואַרעמען ווייַן פון אַ קליינעם בעכערל און געענטפערט:

— דריי מענטשן האָבן געשטרעבט צו פּאַרייניקן יאַפּאַן: אָדאַ נאָ־בונאַגאַ, טאָיאָטאָמי כידעיאָסי און טאָקוגאַוואַ איזיאַסו. נאָר דערגרייכט האָט עס טאָקוגאַוואַ איזיאַסו. עמעצער האָט זייער טרעפלעך פאַרגלייכט דעם כאַראַקטער פון די דריי מענטשן אין אַ ליד „הייקו". אַלס טעמע פאַרן ליד האָט געדינט די באַציִונג פון יעדן איינעם פון זיי צו אַ קוקאַווקע, וועלכע האָט בעשום אופן ניט געקענט אָנפאַנגען צו זינגען.

אָדאַ נאָבוגאַנאַ האָט געזאָגט: „אויב די קוקאַווקע זינגט ניט — דערהאַרגעט זי". טאָיאָטאָמי כידעיאָסי האָט געזאָגט: „אויב די קוקאַווקע זינגט ניט — צווינגט זי, אַז זי זאָל יאָ זינגען". און טאָגוקאַוואַ איזיאַסו האָט געזאָגט: „אויב די קוקאַווקע זינגט ניט — לאָמיר צוּוואַרטן ביז זי וועט אָנהויבן צו זינגען". דזייבאַצו גייען איצט אַף טאָגוקאַוואַס וועג — זיי וואַרטן.

אַפן אַנדערן טאָג האָט מען מיר געבראַכט דעם מישפּאָכע־רעגלאַ־מענט פון דעם הויז מיצואי. דער רעגלאַמענט איז אָנגענומען און גע־זעצלעך באַשטעטיקט געוואָרן אין יאָר 1900 און איז אין קראַפט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. איך גיב אים דאָ איבער קימאַט בוכשטעבלעך, ווייל ער העלפט מיט צו באַגרייפן די ראָל פון דזייבאַצו אין דעם איצטיקן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן פון יאַפּאַן.

„דער קרייז פון דעם מיצואי־שטאַם ווערט באַצייכנט אין די גרע־נעצן פון די פּאָלגנדיקע עלף מישפּאָכעס: מיצואי כאַטירויעמאַן; מיצואי מאַטאַנאַסקע; מיצואי געעמאַן; מיצואי טאַקאַיאַסו; מיצואי כאַטיראַדזי־ראַ; מיצואי מיצואי סאַבוראַסקע; מיצואי מאַטאַטאַראַ; מיצואי מאַרי־נאַסקע; מיצואי טאַקענאַסוקע; מיצואי איאַנאַסקע; מיצואי טאַקועמאַן. די מיטגלידער פון דעם שטאַם מוזן אויספּאָלגן די לערע פון די שטאַם־אָנפירער. זיי מוזן זיין אין פריינטלעכע באַציִונגען צווישן זיך, דערגענצן זייער וויסן און שטרעבן צו פאַרפעסטיקן זייערע מישפּאָכעס. דאָס פּער־זענלעכע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבן פון די מיטגלידער פון דעם שטאַם ווערט באַהאַנדלט און באַשטעטיקט אַף פּאַר־זאַמלונגען פון די קרויווים. די מיטגלידער פון דעם שטאַם מוזן זיך באַ־שעפטיקן אין די אונטערנעמונגען און אין די געשעפטן לויט ספּעציעלע רעגלאַמענטן; זיי מוזן לויט אַ ריי באַטראַכטן די לאַגע פון יעדן איינ־ציקן פון זיי, און ברענגען דאָס צו די פאַרזאַמלונגען פון די קרויווים.

אין פאל ווען עמעצער פון זיי באגייט אדער איז גרייט צו באגיין עפעס א ריזיקאלישן טאט, מוז צונויפגערופן ווערן ווי אמשנעלסטן א פארזאמ־לונג פון קרויווים. די פארזאמלונג פון קרויווים אדער ווי מען רופט עס „דאדזאקוקאי", ווערט צוזאמענגעשטעלט פון די קעפ פון די אויבנדער־מאנטע עלף מישפאכעס מיצואי. אלס פארזיצער פון דער פארזאמלונג איז דער הויפט פון דער צענטראלער מישפאכע פון דעם שטאם. די פאר־זאמלונגען ווערן צוזאמענגערופן איין מאל אין מאנאט. די פארזאמלונגען באהאנדלען און באשליסן פאלגנדיקע איניאנים: ירושע, כאסענע, אז'ער געטן אין דער מיצואי־מישפאכע, רעוואכים, דיווידענדן, פארשיידענע רע־זערוו־פאנדן יערלעכער ביודזשעט פאר אויסגאבן פאר באזונדערע אונ־טערנעמונגען: געשעפטן אדער פאבריקן, דער אויבער־קאנטראל איבער די רעזערוו־פאנדן, א גענויער און אלזייטיקער שטודיום פון די ביודזשעטן פאר יעדער מישפאכע פון דעם מיצואי־שטאם און דאס פארוואלטן מיט די אלגעמיינע אייגנטומס. די אלע פארזאמלונגען פון קרויווים ווערן דורכ־געפירט אין געהיים. דער סעקרעטאריאט פון דער פארזאמלונג איז אויך אין דער זעלבער צייט די אויספיר־מאכט און פירט דורך אין לעבן אלץ, וואס דער שטאם אנערקענט פאר נויטיק.

„אין אלע פאלן פון א כאסענע פון עמעצן פון די מיטגלידער פון מיצואי־שטאם, מוז אומבאדינגט געבעטן ווערן א דערלויבעניש פון דער פארזאמלונג פון קרויווים; אין דער זעלבער ארדענונג ווערן באטראכט און באשטעטיקט די פראגעס וועגן אפעטראפעס, ירושעס און אויך וועגן פערזענלעכן אייגנטום. די פאנדן ווערן פארטיילט אף פאלגנדיקע קאטעגאריעס: אלגעמיינער פאנד, עמערגענץ־פאנד, רעזערוו־פאנד, פאנד פאר אויסגאבן און פאנד פאר קומענדיקע דוירעס. אין פאל פון פארלעצן מיצאד די קרויווים דעם רעגלאמענט, ווערן ארויפגעלייגט פארשיידענע שטראפן. אין פאל ווען צוליב פארשיידענע סיבעס ווערט געענדערט די רעגירונג־סיסטעם אין יאפאן, קען אויך געענדערט ווערן דער רעגלאמענט, דאך מוזן דערביי פארבלייבן אומבארירט די הויפט־פרינציפן פון דעם שטאם פון דעם גרויסן הויז מיצואי".

דער רעגלאמענט האט זיך ביז היינט ניט געענדערט. ווייזט אויס, אז דאס מיצואי־הויז האלט אז אויך אין דער רעגירונג־סיסטעם פון יא־פאן זיינען ניט פארגעקומען קיין ענדערונגען. פונקט אזא רעגלאמענט פארמאגט דאס הויז מיצוביסי, סומיטאמא און איבערהויפט אלע אנדערע טרוסטן, וועלכע מען רופט אין יאפאן „דזייבאצו".

די יאפאנישע דזייבאצו וואלט מען געקאנט אין אייניקע פאלן פאר־גלייכן מיטן הויז ראטשילד, נאר דאס ראטשילד־הויז האט שוין פון לאנג פארלוירן זיין איינפלוס אף דעם עקאנאמישן לעבן פון דער וועלט, אין דער זעלבער צייט אבער האלטן מיצואי און מיצוביסי די מאכט בא זיך

אין די הענט און קאָנטראָלירן די בענק, די מינען, די פאַבריקן, די וועלדער, די ערד און איבערהויפּט אַלע עקאָנאָמישע קוואַלן פון יאַפּאַן. אַזוי אַרום באַקומט זיך, אַז מיצואי, מיצוביסי, סומיטאָמאַ און יאַסודאַ זיינען ניט קיין פּשוטע טרוסטן אָדער אינדוסטריעלע מאָנאָפּאָלן, נאָר גיגאַנטישע קעניגרייכן פון קוילן און מעטאַל, מאַשינען און כעמישע פּראָדוקטן, פאַב־ריקן און בענק. ניט אומזיסט ווערט דאָס לאַנד פון דער „אויפגייענדיקער זון" אַלץ אָפטער באַצייכנט מיטן נאָמען „דזייבאַצו קעניגרייך".

אייגנטלעך פאַרנעמען דזייבאַצו ביזן היינטיקן טאָג זייערע פריער־דיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס. די אַלע, וועלכע שטודירן יאַפּאַן, אָבער ניט לויט די צעשטערטע גאַסן פון טאָקיאָ און אָסאַקאַ, ניט לויט די אויס־סערלעכע סימאָנים אַף וועלכע עס טייטלען מיטן גרעסטן אייפער די אַמעריקאַנער וועגווייזער פאַר אַלע טוריסטן, וועלכע באַזוכן יאַפּאַן, נאָר לויט די פיל טיפערע און ערנסטערע פאַקטאָרן, וועלן זיך איבערצייגן, אַז אין „דזייבאַצו־קעניגרייך" האָט זיך גאָרניט געענדערט. יאַפּאַן פאַלט ביזן היינטיקן טאָג אַרונטער אונטער זייער מעמשאָלע, די מאָדערנע אינ־דוסטריעלע מאַשין, וועלכע האָט אין משך פון די לעצטע 50 יאָר גע־דינט אַלס סיבע און אויך אַלס מיטל פאַרן אָנגריף, געפינט זיך נאָך אַלץ אין די הענט פון יענע, וועלכע האָבן צוגעגרייט און דורכגעפירט דעם אָנגריף, ד"ה אין די הענט פון דזייבאַצו. איצט קוקן זיי מיט האָפענונג אין דער צוקונפט, ווייל דעם שווערסטן און קריטישסטן פּעריאָד האָבן זיי שוין איבערגעלעבט, און זיי זיינען שוין ווידער אַרויף אַפן וועג פון דעם ווידעראויפלעבן.

היראָהיטאָ, דער יאַפּאַנישער אימפּעראַטאָר האָט אָנגערופן די צווייטע וועלט־מילכאָמע מיטן נאָמען „די יאַפּאַנישע הייליקע מילכאָמע", האָט־גאָם אַלע האָבן גוט געוווּסט, אַז זי איז געווען צוגעגרייט און געפירט פון דזייבאַצו (טאַדזיאָ און אַראַקי זיינען געווען נישט מער ווי זייערע אידעאָלאָגישע ברידער). די מילכאָמע אָבער האָט קוידעמקאָל רייך גע־מאַכט די הערשער מיצואי, מיצוביסי, סומיטאָמאַ, יאַסודאַ און נאָך אַ 20 אַנדערע מישפּאָכעס, די אַזוי גערופענע „נייע דזייבאַצו". אין פינף פאַר־מילכאָמע־יאָרן האָט זיך דער דזייבאַצו קאַפּיטאַל פאַרטאָפּלט, אָבער אין די פינף מילכאָמע־יאָרן האָט זיך דער קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט צענפאַכיק. דריי הונדערט און זעכציק נייע פאַבריקן האָבן געשפּייזט די לוינבאַרע פאַר דזייבאַצו „מענטשן־יאַטקע": זיי האָבן געשליידערט אַף די שלאַכט־פעלדער קאַנאָנען, האַרמאַטן, קוילן, באָמבעס, אַוויאָנען. און די קאָמער־ציעלע פירמע „סיאַוואַ צוסיאָ קאַבוסיקי קאַיסיאַ" פינאַנצירט פון מיצואי, מיצובים און אָקוראַ, האָט געהאַלטן אין אירע הענט דעם גאַנצן אויסלענ־דישן האַנדל פון יאַפּאַן ביז צו די לעצטע מילכאָמע־טעג.

אין פאַרלויף פון איר גאַנצער געשיכטע האָבן דזייבאַצו באַקומען

אַ פֿולשטענדיקע הילף און שטיצע פֿון דעם אימפּעראַטאָר. און זיי זיינען אויך ניט פֿאַרבליבן זיינע באַלע־כויוועס. דאָס אימפּעראַטאָר־הויז האָט זיך אויך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקע דזייבאַצו. דער אימפּעראַטאָר האָט אַריינגעטראָגן זיינע קאַפּיטאַלן אין דעם „ספּעטי־באַנק" אין יאָקאַהאַמאַ, אין דעם יאַפּאַנישן האַנדלס־אינדוסטריעלן באַנק, אין דעם כאָקקאַידאָ־קאָלאָניאַלן באַנק, אין מיצובּיסי־באַנק, אין די פֿאָרמאָסער צוקער־ און פּאָסט־שיפֿס־געזעלשאַפֿט. אַף אַזאַ מין אופֿן איז דער אימפּעראַטאָר הירָאָהיטאָ איצט דער גרעסטער באַזיצער פֿון די יאַפּאַנישע ווערט־פּאַפּירן. איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָבן צו דעם אימפּעראַטאָר געהערט אַ סאַך מיליאָנען טאַיאָ (טאַיאָ איז 0.992 העקטאַר) ערד, וועלכע זיינען אַמאָל קאָנפֿיסקירט געוואָרן באַם פֿאָלק און זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם אימפּעראַטאָר־הויף. סאָף 19־טן יאָרהונדערט, נאָך די מאַנדזשוריער געשעענישן, אויסנוצנדיק די לעבהאַפֿטע און גינסטיקע קאָניונקטור, האָט הירָאָהיטאָ פֿאַרקויפֿט צוויי דריטל פֿון זיין ערד אייגנטום און פֿאַר דעם געלט געקויפֿט נאָך ווערט־פּאַפּירן.

איצט זיינען שוין פֿאַרשווּנדן די גרענעצן, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט דעם אימפּעראַטאָר הירָאָהיטאָ פֿון די „קעניגן" מיצוּאי און מיצובּיסי.

אין יענע טעג ווען די אַמעריקאַנער האָבן ניט געקאַרגט קיין שיינע ווערטער אַף פֿרעכטיקע דערקלערונגען, האָט זיך פֿאַר אַלעמען אין יאַפּאַן אויסגעוויזן, אַז פֿאַר דזייבאַצו קומען אָן זייערע לעצטע טעג. פֿון שיקאַגאָ איז אַרויסגעפֿאָדערט געוואָרן דער פּראָפֿעסאָר קאָרווין עדוואַרדס; ער איז געקומען צופֿאָרן קיין טאָקיאָ צוליב אַ וויכטיקן צוועק — אויסגעפֿינען אַ מיטל ווי אַזוי צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ די פֿיר טרוסטן און די צוואַנציק „נייע דזייבאַצו", וואָס וואָלט אין דער זעלבער צייט אויך געווען אַ קלאַפּ פֿאַר דעם פֿעאָדאַלן און מיליטאַריסטישן רעזשים פֿון יאַפּאַן. עדוואַרדס פּראָיעקט האָט אָבער אַרויסגערופֿן אַן אויפֿרעגונג אין מאַק־אַרטורס שטאַב. דוגלאַס מאַק־אַרטור האָט דערקלערט, אַז „מען טאָר ניט ברעכן די יאַפּאַנישע האַנדלס־טראַדיציעס". דאָס וועט, קלויערשט „האַמעווען דאָס אויפֿלעבן פֿון דער יאַפּאַנישער עקאָנאָמיע, וועט פֿאַרלענגערן דעם פּעריאָד פֿון דער סאָציאַלער אָנשטרענגונג", און וועט אַריינברענגען אַ צעמישעניש אין סיגערו יאָסידאַס מיניסטאָרן־קאַבינעט". גלייך נאָך דעם איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון טפֿיסע דער הויפּט פֿון דעם טרוסט „ריקען", דער אַזוי גערופֿענער נייער דזייבאַצו — אָקאָצי מאַסאַטאָסי, און דער „שטוביקער ארעסט" פֿון די הערשער מיצוּאי — פֿודזיווארא גענדזירא און איקעדא סייכין איז אָפּגערופֿן געוואָרן.

די שרעק און דער נערוון־שאָק, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט די עכטע קעניגן פֿון יאַפּאַן איז גיך אַריבער, און זיי האָבן געהאַט באַגרינדעטע

האָפענונגען צו גלויבן אַז עס קומען אָן פאַר זיי „בעסערע צייטן”. נאָר קעדיי צו באַרויִקן, אָדער בעסער געזאָגט — קעדיי אָפּצונאַרן דאָס יאַפּאַנישע פאָלק, האָבן די אַמעריקאַנער אָנפאַרטרויט יאָסידאַס קאַבינעט די אויפגאַבע צו בילדן אַ קאָמיסיע אַף צו ליקווידירן דזייבאַצו. יאָסידאַ האָט באַשטימט אַלס פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע סאַסאַיאַמאַ טאַדאַאָ — דעם דירעקטאָר פון דעם יאַפּאַנישן אינדוסטריעלן באַנק, דאָס הייסט פון יענער באַנק, וועלכע דריקט אויס די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1902, קעדיי זי זאָל פינאַנצירן דזייבאַצו. איצט קומט אויס, אַז דער דירעקטאָר פון דעם באַנק סאַסאַיאַמאַ מוז ליקווידירן דזייבאַצו; און די איבעריקע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע: קורומאַטאַני — דער פּרעזידענט פון דעם יאַפּאַנישן קרעדיט־באַנק, וועלכער איז פאַרבונדן מיטן מיצוביסי־הויז; מאָרי — דער דירעקטאָר פון די באַדייטנדיקסטע צעמענט־ און ציגל־פאַבריקן, זיי ביידע מוזן קלוימערשט אויך דערהאַרגענען דזייבאַצו; קאָרא קאָסימאַ און אײַוואַדזיראָ נאָדאַ, וועלכע זיינען זייער גאַנצן לעבן געווען פאַרבונדן מיטן מיצואי־הויז — זיינען אויך וווּנדערבאַרע ראַטגעבער פאַר די יעניקע, וועלכע ניט נאָר זיי ווילן ניט, נאָר אפילו האָבן אויך ניט בעדייע צו פאַרשאַפן דעם מינדסטן שאָדן דעם אומבאַרירבאַרן „דזייבאַצו־קעניגרייך”.

דאָס האָט, ווייזט אויס, זייער גוט פאַרשטאַנען נאַגאַסימאַ יואידזאַ, איינער פון די מיצואי־קעניגן, וועלכער האָט באַ אַ געלעגנהייט געזאָגט: „מען פאַרזיכערט מיך, אַז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק און אַלע אַנדערע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט האַלטן, אַז מיצואי איז אַ גרויסער, שלעכטער גיגאַנט. איך אַליין וויים, אַז מיצואי איז גאָרניט אַף אַזוי פיל שלעכט, אָבער קיינער וועט דאָס קיינמאָל ניט גלויבן. איך רעכן, אַז בעסער פון אַלץ וואָלט געווען, ווען דאָס מיצואי־הויז זאָל פאַרשווינדן”.

דאָס אַלץ נעמט אויך, וואַרשיינלעך אין אַכט, גענעראַל מאַק־אַרטורס שטאַב, וועלכער קאַרגט ניט קיין צוזאָגעכצן וועגן „באַזייטיקן דזייבאַצו”, אָבער אין זיי איז שוין ניטאָ קיין שפור פון צאָרן און ניט פון קיין האָפענונג. די אַמעריקאַנער זוכן איצט עפּעס אַ באַקוועמע פאָרעם פאַר „דזייבאַצוס זעלבסט־ליקווידאַציע”, וועלכע זאָל שאַפן אין די מוי־כעס פון די יאַפּאַנישע פּאַשעטע מענטשן עפּעס אַ מין אילוזיע פון דעם „סאָף” פון מיצוביסים און מיצואיס הערשאַפטן. אין דער זעלבער צייט ווערן אָבער אונטערגענומען שריט צו דעם, אַז עס זאָלן פאַרבלייבן די יאַפּאַנישע „האַנדלס־טראַדיציעס” און דערפאַר טאַקע ווערט אָנפאַרטרויט דזייבאַצוס גורל אין די הענט פון מענטשן וועלכע זיינען מיט דזייבאַצו ענג פאַרבונדן.

פאַראַן עפּעס געמיינזאַמעס אין דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן גורל פון יאַפּאַן און דייטשלאַנד. ווי עס איז גוט באַקאַנט האָבן די גע־

וויטערן און די שטורעמס פֿון יאָר 1848 ניט פֿאַרניכטעט אין דייטשלאַנד דעם פֿעאָדאַליזם; אויך מײדזיס רעוואָלוציע אין יאָר 1867 האָט איבערגעלאָזט אין יאַפּאַן דעם פֿעאָדאַלן רעזשים. אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דייטשלאַנד אַריינגעטראָטן מיט אירע יונקערשע און יאַפּאַן מיט אירע סאַמוראַישע טראַדיציעס. אין די ביידע מעלוכעס זיינען אַנטשטאַנען גרויסע טרוסטן, וועלכע האָבן געוועלטיקט איבער דעם גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן: אין דייטשלאַנד קרופּ און „פֿאַרבען־אינדוסטריע" און אין יאַפּאַן מיצואי און מיצוביסי. אין 19־טן יאָרהונדערט האָט דאָס מיצואי־הויז געשטיצט פֿינאַנציעל דעם מײדזי־רעוואָלט, איבערקויפֿנדיק שוואָטים מיט זייערע פֿירער; זיי האָבן פֿאַרניכטעט די רעשטלעך פֿון סיאָגונאַטאַ־מאַכט (סיאָגון איז געווען אַ גרויסער מיליטערישער אָנפֿירער) און האָבן אַרויפֿגעזעצט אויפֿן טראָן דעם פּופּצניאָריקן מאַצוכיט, וועלכן מען האָט נאָכן טויט אַ נאָמען געגעבן מײדזי. דאָס אינוועסטירן קאַפּיטאַלן אין דעם אימפּעראַטאָרהויז האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין קעגנזייטיק נוצלעך. אַלס אויסדרוק פֿון דאַנקבאַרקייט צו דעם מיצואי־הויז, האָט דער טראָן צעטיילט מיט אַ ברייטער האַנט גרויסע האַכנאָסעס צו די אַלע פֿינאַנץ־מאַגנאַטן. דאָס מיצואי־הויז האָט באַקומען אויסשליסלעכע רעכט אויף מינען־אינדוסטריע, פֿאַרשיידענע קאָנצעסיעס, וועלדער און פֿאַבריקן. אַלע עקאָנאָמישע רעסורסן פֿון יאַפּאַן האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאָנאָפּאָל־אייגנטום פֿון מיצואי, מיצוביסי, סומיטאָמאַ און יאַסודאַ. אין פֿאַרלויף פֿון 75 יאָר נאָך איר רעסטאַווירן, דאָס הייסט אין דער צייט פֿון דער הערשאַפֿט פֿון מײדזי, טייסיאָ און סיאָוואַ, איז דער אימפּעראַטאָר־הויף געוואָרן די רייכסטע דינאַסטיע אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָט פֿאַרמאָגט מיצואי־מיצוביסי־אַקציעס. און איצט, ווען דער שטאַב פֿון גענעראַל מאַק־אַרטור טוט אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, כּדי אָנצוהאַלטן דעם טעננאָיזם, פֿאַרשטאַרקט ער דערמיט אויך די גאַנצע דזייבאַצו־סיסטעם, וועלכע ער וואָלט קלוימערשט באַדאַרפֿט פֿאַרניכטן.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו דער ענלעכקייט צווישן דייטשלאַנד און יאַפּאַן. אין יאָר 1870 האָט דאָס הויז פֿון קרופּ צוגעשטעלט ווילהעלם I אַ ריזיקן באַוואָפֿענונגס־מאַטעריאַל פֿאַר זיין מילכאָמע קעגן פֿראַנקרייך. אין יאָר 1914 האָט די זעלבע טויווע געטאָן קרופּ פֿאַר ווילהעלם II. נאָך דייטשלאַנדס מאַפּאָלע אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זיינען סיי קרופּ, סיי „פֿאַרבען־אינדוסטריע" פֿאַרבליבן בא זייער אַמאָליקער פּאָטענץ און עס איז ניט פֿאַרפֿירט געוואָרן קעגן זיי אַפֿילע קיין פּאַראָדיע פֿון אַ מישפּעט. עס איז געטאָן געוואָרן דאָס אוממעגלעכסטע, כּדי ניט צו פֿאַרפֿלעקן די ביאָגראַפֿיע פֿון די מענטשן. פּונקט ווי יאַפּאַן אין יאָר 1947, אַזוי האָט דייטשלאַנד אין 1918 זיך געפֿונען אין

א שווערן עקאנאמישן קריזיס, און דאן האט אמעריקע געהאָלפן קרופן, און איבערהויפּט די דייטשישע „דזייבאַצו" — זיי זאָלן פאַרפעסטיקן זייערע טרוסטן, בענק און די איבעריקע עקאנאמישע אַנשטאַלטן. אלס דאנק צו אמעריקע פאר דער הילף וואס זי האט געגעבן, האט קרופּ און „פארבען־אינדוסטריע" אויסגעפּונען היטלערן, קעדיי ער זאל דורכפירן דאס וואס ווילהעלם האט ניט באוויזן צו פאַרענדיקן, ד"ה דעם קאמף פאר איבערראנדערשן די וועלט. און גאר אינגיכן האט דאס שוואכע, פון דער מילכאמע־אויסגעשעפּטע דייטשלאנד, זיך פארוואַנדלט אין א באַוואפנטער גרויסמאכט. היטלער האט פון זיין זייט אויסגענוצט אלע טאעסן פון די פארגאנגענע יארן, און צום אלעם ערשטן די פעלערן פון ענגלאנד און אמעריקע און ער האט א שליידער געטאן די וועלט אין דעם פייער פון דער צווייטער וועלט־מילכאמע.

איצט ליגן פאר אונדזערע אויגן די טראגישע בלעטער פון דער געשיכטע, פארגאסן מיט בלוט פון די געפאלענע קעמפער און מיט טרערן פון אלמאנעס און יעסוימים. ווי עס ווייזט אויס אינטערעסירט שוין מער ניט די אמעריקאנער די פארגאנגענהייט און זיי ווערן ניט ניכטערער פון די טרויעריקע לעקציעס. אין יאר 1947 גייען די אמעריקאנער אין יאפּאן אפן זעלבן וועג, ווי זיי זיינען געגאנגען אין דייטשלאנד נאך 1918. מען הערט שוין ניט מער פון מאק־ארטורס שטאב קיין צארנדיקע פאדערונגען אז דזייבאצו זאל ליקווידירט ווערן. אנשטאט דעם באווייזט זיך א מעלדונג, אז מאק־ארטורס שטאב האט דערלויבט דעם מיצוביסי־טרוסט צו באקומען א האלוואע פון דער מיצוביסי־באנק, אף א סכום פון פיר מיליארד פיר הונדערט ניין און דרייסיק מיליאן יען, וועלכע וועלן פארטאן ווערן אף ווידעראויפבויען די פאבריקן אין נאגאיא. הענרי פארד ווייזט ארויס א באזונדערן אינטערעס צו די אויטאמאביל־פאבריקן אין יאקאהאמא. דער אמעריקאנער טרוסט „דזשענעראל עלעקטריק" האט זיך מיטאמאל דערמאנט, אז די גאנצע עלעקטרישע אינדוסטריע אין יאפּאן נויטיקט זיך אין אן ערנסטער הילף — און שלאגט שוין פאר גרויסע האלוואעס און געלערנטע ראטגעבער. אויך האליוווד הייבט שוין אן אונטערצושטיצן די קינאמאטאגראפישע אונטערנעמונג „טאכא" און בויט אין יאפּאן 500 קינא־טעאטערס, מיט די אויסשליסלעכע רעכט צו ווייזן אמעריקאנער קינא־בילדער.

עס באקומט זיך, אז מיט איין האנט שרייבט מאק־ארטור אונטער עפּעס פּאפּירן וועגן דזייבאצוס ליקווידאציע און מיט דער אנדערער גיט ער רעאלע הילף די זעלבע דזייבאצו, אז זיי זאלן וואס מער אויסשפּרייטן די גרענעצן פון זייער איינפלוס און זיי זאלן פארפעסטיקן זייער עקאנאמישע פאטענץ.

יא, עס שיינט, אז עס קומען אן פאר זיי בעסערע צייטן און זיי רע־

כּענען אַז זיי וועלן זיך דאָך דערוואַרטן „די קוקאַווקע זאָל אָנהייבן צו זינגען". און ווער קען וויסן, גאַנץ מעגלעך אַז דאַן וועלן זיך די דזייבאַצו קעניגן ווידער דערמאָנען וועגן דעם שטאַרקן וווּקס פון געבורטן אויף די יאַפּאַנישע אינדזלען, וועגן דעם לעבנס־רוים, וועגן קאָלאָניעס, און זיי וועלן ווידער פירן צום טויט מיליאָנען פּאָשעטע מענטשן.



דערווייל אָבער פאַרלירן ניט די „דזייבאַצו ־ קעניגרייכן" אומזיסט זייער צייט. ניין! זיי כאַלעמען וועגן אַן אָנגריף, אָדער וועגן אַ גרויסער מיזרעך־אַזיע. זיי זיינען אַפּילע גרייט צו פאַרגעסן די שווערע שלאַכטן אויף דעם וועלט־מאַרק מיט די אַמעריקאַנער עקספּאָרט־פירמעס. איצט האָבן זיי אונטערגעכאַפּט דעם געדאַנק וועגן „האַנדלס־טראַדיציעס", און קיין שום באַמבעס, אָדער מילכאָמעס זיינען ניט אימשטאַנד אַ וואַקל צו טאָן די טראַדיציעס.

דער „שווערער פּעריאָד", — דער פּעריאָד ווען די אַמעריקאַנער האָבן געדראָט דזייבאַצו — איז שוין פאַרשוווּנדן.

איצט זיינען אַנטשטאַנען נייע טעאָריעס וועגן „דער רייכער אַמע־ריקאַנער נעשאָמע", וועגן „דער סוידעספּולער יאַפּאַנישער פּסיכאָלאָגיע" און וועגן „דעם נייעם אָמעריקאַנער יאָרהונדערט". אויף אַלע באַנקעטן האָבן די מיצוביסי און מיצואי־מאַגנאַטן פאַרזיכערט זייערע פריינט, אַז פון דער פריינטשאַפט מיט די אַמעריקאַנער וועט שטאַרק באַרייכערט ווערן די פּעאָדאַלע נעשאָמע פון יאַפּאַן. אַ רייכער „האַנדלס־קלוב" פון עפּעס אַ געוויסן אַקיר אַנדאָ — אַ מין סאָרט מענטש פון יענע, וועלכע דזייבאַצו רוקן אַרויס קעדיי זיי זאָלן קענען אין דעם נויטיקן מאָמענט אָפּשטויסן זיי פון זיך און אַפּילע איינשפּאַרן אין טפּיסע — איז געוואָרן אין טאָקיאָ און אין אָסאַקאָ דער צענטער פון דער אַמעריקאַניש־יאַפּאַנישער פריינטשאַפט.

עס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אָוונטן מיט אַזוי גערופענע גיישעס, ווו מען האָט דורכגעפירט טיי־צערעמאָניעס. מען פלעגט אַראָפּברענגען אין די קלובן דעם טעאַטער קאַבוקי, מען פלעגט דעמאָנסטרירן „סומאָ" און „דזשיו־דזשיצו" פייטן, פעכטן. די אַלע דערגרייכונגען פון דער יאַ־פּאַנישער קולטור פלעגט מען באַפּעסטיקן מיט טויזנטער אַלטערטימלעכע שווערדן, וועלכע האָבן קלוימערשט געהערט צו פאַרשיידענע פּרינצן; פּעכערס און קימאָנאָס, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר היסטאָרישע זעלטנ־הייטן, גאַנצע קילאָמעטערס פון זיידענע שטאָפן — און דאָס אַלץ פלעגט מען אונטערן נאָמען „סוּווענירן" אַוועקפירן קיין אַמעריקע אַלס מאַטאָ־נעס פון דער סוידעספּולער „יאַפּאַנישער נעשאָמע".

די אַמעריקאַנער פלעגן זייער גערן אַרויספאָרן אין די דאָרפישע זו־

מער־ווינונגען צו שפּילן דאָרט אין גאָלף אָדער גיין אַף יאגד, אָדער גאָר קעדיי בייצווזיין די „צערעמאָניע פון באָדן זיך פון די נאקעטע טעכטער פון דעם באַזיגטן פאָלק" אין אַטאַמי און איטאָ.

אַף אַזא מין אויפן האָט געבליט דער „קולט" פון יאפּאַניש־אַמעריקאַנער פריינטשאַפט.

אין די אוניווערזיטעט־קלובן זיינען געזעסן די אַמעריקאַנער צוזאַמען מיט יענע יאפּאַנער וועלכע האָבן שטודירט אין אַמעריקע די ענגלישע שפּראַך און זיי פלעגן דערמאָנען די אַלטע גוטע צייטן פון פּרינסטאָן, קאָלומביע, מיטשיגאַן און האַרוואַרד. מען האָט מיר אַפילע געוויזן אויפרופן אין די צייטונגען מיט ווענדונגען צו יאפּאַנישע פרויען, זיי זאָלן קומען אין דאַנסינגס און קאַבאַרעטן צו פאַרווײַלן די אַמעריקאַנער, וועלכע לאַנגווײַליקן זיך. און קעדיי מער צו איבערצייגן, האָט מען דאָס אַלץ אַ נאָמען געגעבן „דער פראָנט פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע".

אַפן מיזבייעך פון איינהאַלטן די „יאפּאַניש־אַמעריקאַנער פריינטשאַפט" האָבן דזייבאַצו געוואָרפן קליינע קערנדלעך פון זייערע מילכאָמע־האכנאָסעם און האָבן ניט געהאַט פאַרוואָס עס צו באַדויערן. אַפילע אין דעם אָפיציעלן באַריכט פון סומיטאָמאָ־באַנק געפינט זיך אַ רובריק: פאַר־ווײַלונגען. אָבער הינטער די טרוקענע, שווייגנדיקע באַנק־ציפערן איז געווען אויסבאַהאַלטן די האָפענונג, אַז די פאַרווײַלונגען וועלן מיט דער צייט ברענגען גרויסע רעוואָכים פאַר די טרוסט־מאַגנאַטן.

עס איז גאָר ניט געווען קיין כידעש, וואָס אַף די באַנקעטן האָבן די אַמעריקאַנער באַטיטלט די יאפּאַנער אַלס „אונדזערע גוטע פריינט". אין גרויסע סאַלאָנען, אונטערן קלאַנג פון קרישטאָלענע בעכערס, אָנגעפּילטע מיט פאַרמילכאָמעדיקע וויינען, פלעגט פאָרקומען אַ ליבלעכער טויש פון העפלעכקייטן און ניט איינמאָל פלעגט זיך אַנטפּלעקן די „קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש". זייער אָפט, צווישן טעלער מיט דעם טראַדיציאָנעלן יאפּאַנישן שפּייז „סקיאַקי" און דעסערט־מײַכאָלים, פלעגט אַרויסגערעדט ווערן דאָס פאַשעטע און אין דער זעלבער צייט זיגרייכע וואָרט — „ביזנעס".

פאַר דער מילכאָמע זיינען די אַמעריקאַנער אָפיצירן געווען געשעפטסלייט, דעריבער קענען זיי פאַרשטיין די ביזנעס־שפּראַך, דאָס הייסט די געשעפט־שפּראַך. עס געפינען זיך אין יאפּאַן אויך אַזעלכע אַמעריקאַנער אָפיצירן, וועלכע זיינען פאַר דער מילכאָמע געווען פאַרשטייער פון אַמעריקאַנישע טרוסטן אַף די אינדזלען פון דעם שטילן אָקעאַן. די דאָזיקע מענטשן פאַרמאָגן אין יאפּאַן פריינט און אויסזיכטן — זיי פאַרשטייען אַז אין אַמעריקע וועלן זיי איצט ניט לעקן קיין זיסן האָניק. די אַמעריקאַנער אָפיצירן האָבן גרויס בײַשעק צו פאַרפלאַנצן געשעפטס־וואָרצלען אין דעם לאַנד פון אַזעלכע „גינסטיקע מעגלעכקייטן", און

אַזעלכע אַמעריקאַנער ווערטן מיט אומגעדולד אַף יענעם גינסטיקן און לאַנג־דערוואַרטעטן טאָג, ווען דזייבאַצו וועט איבערגיין פון די פאַרווייי־לונגען צו געשעפטלעכע און פּילצוזאָגנדיקע וואָכן־טעג.

דער דראָענדיקער שאָטן פון טויט בלאָנדזשעט שוין מער ניט איבער די הילכיקע גאָלדענע דזייבאַצו־פּאַלאַצן — פאַר זיי האָט ער זיך פאַר־ביי־געטראָגן בלויז ווי אַ ווייטער שטורעם און האָט דאָ אַרויסגערופן ניט מער ווי אַ לייכטן ווייען פון אַ ווינטעלע.

:: :: ::

איך האָב געוואָלט באַזוכן די מעטאַלורגישע פאַבריק „מיצוביסי״ אין אָסאַקאַ, אָבער די אַמעריקאַנער האָבן מיך ניט אַריינגעלאָזט אַהין. דאָרט געניסן שוין די מעטאַל־קעניגן פון די פרוכטן פון דער יאַפּאַניש־אַמעריקאַנער פריינטשאַפט. איך האָב געבעטן מען זאָל מיר דערלויבן זען די קאַוואַסאַקי־ווערפטן אין קאָבע, אויך דאָ האָבן די אַמעריקאַנער אויסגעפונען אַ טערעץ מיך ניט דורכצולאָזן: מעגלעך אַז די ווערפטן וועלן געהערן צו אַמעריקע.

אונדז האָט מען געבעטן זיך צו באַנוגענען מיט כורוועס, ווי איינער רעדט, נאַט, זעט ווי מעכטיק עס איז די אַמעריקאַנער אוויאַציע, ווי זי רעכנט זיך אָפּ מיט די פּאַפּירענע כאַטקעס פון דער יאַפּאַנישער אָרעמקייט.

מיט גרויס מי איז אונדז געלונגען צו באַזוכן די טעקסטיל־פאַבריק „קאַנעבאַ״. זעקס אַמעריקאַנער אָפיצירן זיינען אונדז נאָכגעגאַנגען, ווי שאָטנס.

מען האָט אונדז פאָרגעשטעלט דעם הויפּט פון דער „קאַנעבאַ״־גע־זעלשאַפט. זי פאַראייניקט די באַוול־פאַבריקן פון אָסאַקאַ, קאָבע און טאָ־קיאָ. דאָס איז איינע פון די עלטסטע און גרעסטע האַנדלס־געזעלשאַפטן אין יאַפּאַן. ביז צו דער מילכאָמע האָבן די ביליקע „קאַנעבאַ״־שטאָפן זייער העפטיק קאָנקורירט אַפן וועלט־מאַרק מיט ענגלישע און אַמערי־קאַנער טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען. מיר שיינט, אַז דאָס איז געווען איי־נע פון די מעכטיקסטע טעקסטיל־געזעלשאַפטן, וועלכע האָט פאַרשאַפט ניט ווייניק אַגמעס־נעפעש די אַלע וועלט־סאָכרים פון טעקסטיל־אויס־אַרבעטונגען.

דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק „קאַנעבאַ״ — קוראַטי סיראַיאָ, נעמט אונדז אויף אין אַ גרויסן לוקסוס־קאַבינעט. זיין סעקרעטאַר דער־לאַנגט אים אַ צאָן־שטעכערל, זיך פאַרנייגנדיק ביז צו דער ערד, דער באַלעבאָס האָט נאָרוואָס פאַרענדיקט זיין מיטיק. דער קליינער דיקער מענטשעלע מיט פראַנצויזישע וואָנצעלעך איז פריילעך און מונטער; יע־דער זאַץ רעדט ער אַרויס מיט אַ פוילן שמייכל. אין אַלגעמיין מאַכט ער אַן איינדרוק פון אַ מענטשן, בא וועמען די געשעפטן גייען גוט. לע־

הייפעך ווי דאָס האָבן געטאָן די באַלעבאַטים פון די מיצובּיסי־פאַבריקן אין נאַגאַסאַקי, פאַרבאַהאַלט ער גאָר פאַר אונדז ניט זיין גלענצנדיקע צוקונפט. מיט גרויס שטאָלץ אַפילע, ווייזט ער אונדז זיין פאַבריק, וועלכע ער האָט איינגעאָרדנט לויט די לעצטע טעכנישע מיטלען. לויט קוראַטיס ווערטער, וויל ער גאָר מיט קיינעם ניט פירן קיין קאָנקורענץ. די מענטשהייט נייטיקט זיך אין שטאָפן און ער גייט איר אַנטקעגן. דערפאַר האָט ער טאַקע געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די אַמעריקאַנער טעקסטיל־אונטערנעמונגען. אָ, דאָרט אין אַמעריקע געפינען זיך זיינע אַלטע פריינט. דאָס זיינען אַלץ זייער אָנשטענדיקע געשעפטס־מענטשן. זיי שטעלן צו פאַר אים דעם באַנוול און ער האָט זיי געגעבן אַ שווּע, אַז זיינע שטאָפן וועט ער אויסאַרבעטן בלויז פון זייער באַנוול. קוראַטי האָט אַפילע געגעבן זיי די אויסשליסלעכע רעכט צו צושטעלן באַנוול פאַר די „קאַנעגאַבאַ‟־פאַבריקן. דערפאַר אָבער, מוז ער זיין גאַנצע פּראָדוקציע אָפּשיקן נאָר קיין אַמעריקע. אַלץ, ביז צום לעצטן מעטער מוז ווערן אָפּגעשיקט. פאַרשטייט זיך אַף בּיליקע פרייזן נאָר פאַר אַמעריקע. קוראַטי אָנערקענט, אַז פאַר אים איז דאָס געווען דער איינציקער אויסוועג; אויב ניט וואָלט אים אויסגעקומען צו שליסן זיינע פאַבריקן און דערקלערן פאַר געשטאָרבן זיין פירמע, וועלכע עקזיסטירט שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט. זיין פאַבריק האָט דאָך געשעמט און איז באַוווּסט נאָך ביז היינט אין אַלע לענדער פון דעם ווייטן מיזרעך. וואָס עמעס איז, אַז ביז דער מילכאָמע האָבן בּאַ אים געאַרבעט הונדערט טויזנט אַרבעטער און היינט — פינף און זיבעציק טויזנט, אָבער די פאַבריקן פאַרגרעסערן זיך פון טאָג צו טאָג, אָדער ריכטיקער געזאָגט זיי לעבן אויף. די „קאַנעבאַ‟־פירמע האָט שוין באַקומען פון אַמעריקע זיבעציק טויזנט פּעק מיט באַנוול (יעדער פּאַק האָט 400 פונט). אים באַאומרויִקן בלויז די פרייזן, אָבער דאָך האָפט ער, אַז ער וועט ניט דערלייגן. צום שלוס באַמערקט קוראַטי:

„איך בין אַ געשעפטס־מענטש, און פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז די אַמעריקאַנער זיינען געקומען קיין יאַפּאַן — און ניט פאַרקערט‟...

אין די צעכן פון דער „קאַנעבאַ‟־פאַבריק אין אָסאַקאַ, איבערצייגן מיר זיך, אַז קוראַטיס געשעפטן גייען טאַקע בעעמעס זייער גוט. ער מעג טאַקע זיין גוט געשטימט. אומעטום, סיי בּאַ די ריזיקע פעסער, ווו עס ווערט געשווענקט די לייוונט, סיי בּאַ די צילינדערס, ווו עס ווערט געוויקלט דער פאָדעם, בּאַ די וועבשטולן, אין די סאָרטיר־אָפּטיילונגען — זעט מען נאָר פרויען און קינדער. אַף די „קאַנעבאַ‟־פאַבריקן פאַרדינט נאָך אַלץ די פרוי, לויטן געזעץ, אַ העלפט פון דעם געהאַלט וואָס עס פאַרדינט אַ מאַן. אַ וועבער אַ מאַנסבּיל פאַרדינט אין דער פאַבריק 480 יען אַ כוידעש, און אַ פרוי — נאָר 240 יען, האַגאַם זי טוט די זעלבע אַרבעט, האָרעוועט פונקט אַזוי פיל וויפל דער מאַן, און אָפטמאָל אַפילע

מער און ארבעט א סאך בעסער פון א מאן. די קינדער באקומען בלויז א פערטל פון א פרויען־געהאלט, ד"ה 60 יען. אקאדא, דער פאבריק־די־רעקטאר, וועלכער איז מיט אונדז מיטגעגאנגען האט פארזיכערט, אז די אלע קינדער זיינען ניט אינגער פון 18 יאר, נאר מיר האבן גאנץ לייכט פעסטגעשטעלט, אז דער עלטסטער פון די אלע טויזנטער קינדער, וועלכע מיר האבן געזען בא די שווערסטע ארבעטן איז ניט עלטער פון 15 יאר. מיר פלעגן זיך באגעגענען אויך מיט צען און צוועלף־יעריקע קינדער.

ווי אזוי קומען זיי אהער? פארוואס מוזן נאך אלץ קינדער באריי־כערן דזייבאצו־מאגנאטן? פאר די לעצטע צענדליקער יארן איז די וועלט ניט איינמאל אויפגעשוידערט געווארן פון די פעאדאלע, מיטלאלטערלעכע ארבעטס־באדינגונגען אין די יאפאנישע פאבריקן. איצט אבער פארדע־בענען די אמעריקאנער דאס אלץ אפן כעשבן פון „די סוידעס פון דער יאפאנישער פסיכאלאגיע". זיי קענען, קלוימערשט, גאר אנדערש ניט לעבן. בא די יאפאנער זייגען די קינדער, קלוימערשט, צוגעווינט צו האר־רעווען. אינדערעמעסן אבער גייען 8־יעריקע קינדער הארעווען אין די פאבריקן גארניט אוים ליבע צום הער קוראטי, און ניט פון געוווינהייט. די קינדער ווערן פראסט און פאשעט פארקויפט צום באלעבאס אף צען יאר. קוראטי וויל דאס ניט אנרופן מיט אזא פראסטןווארט ווי — „אפ־געקויפט" — ער האט דאך געשלאסן אן אפמאך מיטן קינדס קרוויוים. זיי האבן דאך דעם אפמאך אונטערגעשריבן מיטן גוטן ווילן, קיינער האט דאך זיי דערצו ניט געצוווּנגען, קיינער ניט. אייגנטלעך איז יא געווען אזא קויעך — דער הונגער. אבער וועגן דעם זאגט קוראטי גארניט. אוים־נוצנדיק די קינדער־ארבעט, האט קאנעבא געקענט זייער לייכט נאך פאר דער מילכאמע פירן א קאנקורענץ מיט יעדער ענגלישער אדער אמערי־קאנער פאבריק און קען אויך איצט א דאנק דעם ליפערן אירע שטאפן אף גאר ביליקע פרייזן אין אמעריקע. מען מעג זיין זיכער, אז קוראטי וועט ניט באנקראטירן. ער וועט שוין פארבינדן אן עק צו אן עק. ער אליין איז זיך דאך מוידע, אז „מיט ביליקע ארבעטס־הענט, קען מען באזיגן די גאנצע וועלט".

— ווי לעבט זיך אייך? — פרעגן מיר בא די קינדערלעך.

זיי רינגלען אונדז ארום, און ענטפערן, איבערשלאגנדיק איינער דעם צווייטן:

— מיר קענען אייך גארניט נישט זאגן. קומט אבער צו צו אונדז אין אוונט אהין, — און זיי ווייזן אונדז אן אף א נידעריקן לאנגן הויז, ווו קוראטי האט איינגעארדנט פאר זיי א וווינונג.

דער לייטענאנט ברעדלי איז צעמישט, ער פרעגט אפילע באם די־רעקטאר:

— ווי אזוי לאָזט איר גאָר צו צו אזא מין זאַך ?
אָבער זיין כאַוועד, דער לייטענאַנט סקובי בארוזקט אים:

— איר זעט דען דאָס צום ערשטן מאָל ? אויב אזוי קענט איר גאָר ווייניק יאַפּאַן, לייטענאַנט, אזוי איז אומעטום!

איצט האָבן זיך שוין אויך די אַמעריקאַנער פאַראינטערעסירט. זיי וואָלטן אויך געוואָלט זען, ווי אזוי לעבן די אַלע קינדערלעך און אויך די מיידלעך וועלכע שווענקען אין די פעסער דעם לייוונט, שטייענדיק ביז צו די קני אין וואַסער.

מיר בעטן מען זאָל אונדז ווייזן זייער וווינונג. מען פירט אונדז אין די באַראַקן, וועלכע פאַרנעמען קימאַט די גאַנצע גאַס. באַם אַריינגאַנג שטייט אַן אויפזעער. די באַראַקן ווערן צעטיילט מיט דער הילף פון ווענטלעך, — די אזוי גערופענע סיאַדזי, וואָס צערוקן זיך אַף פירעקיקע צימערלעך, פינף מעטער די ברייט אַף זעקס די לענג. דער פּאָל איז באַדעקט מיט טעפּיכלעך — טאַטאַמי. מער איז אין דעם צימערל גאָר ניטאָ. נעמענדיק אַפילע אין אַכט, אַז די יאַפּאַנער זאָגן זיך איינגאַנצן אָפּ פון מעבל — בעטן, שאַפעס, בענקלעך, דאַך ווערט מען איבערראַשט פון דעם, אַז אין די קאָלעקטיווע צימערלעך פעלן אויס פאַר די אינגלעך און מיידלעך די עלעמענטאַרסטע און נויטווענדיקסטע זאַכן, אַפילע פון דעם יאַפּאַנישן שטאַנדפּונקט. זיי פאַרמאָגן ניט קיין קימאָנאָ, אָדער אַ וועלכן ניט איז יאָנטעוודיקן בעגעד. זיי האָבן דאָס נאָך ניט פאַרדינט — ווייל זיי אַרבעטן דאָך נאָר דריי יאָר. זיי קלייבן זיך ניט אַפילע צו קויפן פאַר זיך אַ קימאָנאָ, ווען זיי וואָלטן שוין יאָ פאַרמאָגט געלט. איצט טראָגט מען שוין מער ניט אין אָסאַקאַ קיין קימאָנאָס. דערצו הונגערט דאָך אין דאָרף די גאַנצע מישפּאָכע און וואַרט אַף הילף. אזוי דערקלערט אונדז איינער, אַ צוועלף־יאָריקער אינגעלע מיטן נאָמען טאַמאַסי.

אין יעדן צימער, זיי זיינען אַלע קימאַט פון דער זעלבער גרויס, וווינען פינף און צוואַנציק מיידלעך. ווי אַלע יאַפּאַנער, שלאָפן זיי אַף דער ערד. אָבער ניט אַף מאַטראַצן, נאָר פּאַשעט אַף די טעפּיכלעך, צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער. זיי האָבן קליינע קישעלעך און אַלטע וואַטענע קימאָנאָס אין וועלכע זיי שלאָפן. דאָס גיט זיי אַרויס די פאַבריק. די קינדער שלאָפן אַף אַ ברייטן דינעם טעפּיך, וועלכער ווערט פאַרשפּרייט אַף די טעפּיכלעך. זיי פאַרמאָגן ניט קיין וועש און ניט קיין קאָלדרעס. זיי רעכענען דאָס צו האָבן אין צען יאָר אַרום. דערווייל אָבער לעבן זיי מיט האָפענונגען.

פינף אַזייגער פאַרטאָג וועקט מען אויף די אַרבעטער. פאַרן אַוועקגיין אין פאַבריק צו דער אַרבעט זיינען זיי פאַרפליכטעט אויסצורייניקן און אָפּגעבן דעם אויפזעער זייערע קימאָנאָס — דער אויפזעער איז זייער אַלמעכטיקער הערשער. זיי מוזן אויך אויפרוימען זייער צימערל און

אויך גיין געמען זייער פּאַרציע: אַ שיסעלע שיטערע זופּ, געקאָכט פון יאַם־גראַז, וואָס מען גיט זיי אַרויס אַפן גאַנצן טאָג. רייז ווערט זיי אַרויסגעגעבן בלויז איין מאָל אין וואָך, דערצו ווייט ניט פון ערשטן און אפילע ניט פון צווייטן סאָרט, ווייל דער בעסטער רייז ווערט פאַר־טיילט פאַר די גוטבאַזיצער און די פּריסטער פון די טעמפּלען. דער אַרבעטס־טאָג הייבט זיך אָן זעקס אַזייגער אינדערפרי. אין אָוונט קלייבן זיך די אַרבעטער ווידער צונויף אין זייערע באַראַקן; דאָן בלייבן זיי ליגן אַף דער ערד פאַרמאַטערטע און שווייגן. אַמאָל דערלויבט זיי דער אויפזעער אַרויסצוגיין אויסער דעם פאַבריק־הויף. דאָס געשעט איין מאָל יעדע צווי וואָכן. דאָן גייען זיי אָדער אין אַ דערבייאיקן פּאַרק אָדער אַף די גאַסן ווו עס געפינען זיך די קינאָ־טעאַטערס. אין אָסאַקאַ איז דאָ אַזאַ מין גאַס. דאָרט ווערן געוויזן הויפּטזעכלעך אַמעריקאַנער ביל־דער, אָבער די מיידלעך באַנוגענען זיך בלויז מיטן קוקן אַף בילדלעך אין די שויפענצטער. אַריינגיין אין קינאָ דאָס איז ניט פאַר זיי; צוויי יען קאָסט אַ בילעט און דאָס איז פאַר זיי אוממעגלעך אויסצוגעבן. די מיידלעך באַלעמען וועגן עפּעס בעסערע טעג. זיי מוזן דאָך סאָפּקאָלסאָף אַמאָל קומען. מענטשן קענען דאָך ניט לעבן לאַנג אַף אַזאַ מין אופן.

— און ווי אַזוי שטעלט איר אייך פאַר די בעסערע טעג? — פרעג איך בא זיי.

אַף דער פראַגע איז זיי שווער צו ענטפערן טייקעף. זיי מוזן אַ טראַכט טאָן, ווי אַזוי עס וועלן אויסזען די בעסערע טעג. און דאָך איינינקן זיי זיך אַלע אַף איין געדאַנק, אַז דער גליקלעכסטער וועט פאַר זיי זיין יענער טאָג, ווען מען וועט זיי דערלויבן אין די פרייע שאָען נאָך דער אַרבעט צו גיין וואו זיי ווילן און וואוהין זיי וועלן נאָר וועלן, און אויך אויב זיי וואָלטן געקענט כאָטש פאַר אַ יאָר אַרבעט זיך אָפּ־שפּאָרן געלט אַף צו קענען קויפן אַ ביליק פּראָסט ציצן קליידל. און צום סאָף — דאָס העכסטע גליק — אַ קליין שטיקעלע פיש, זאָל דאָס זיין ניט יעדן טאָג — בלויז איין מאָל אין וואָך; יאָ, אויך זאָל מען קענען גיין אין קינאָ און טעאַטער.

— דאָס איז אומגעפער אַלץ!

מער פון דעם פאַרלאַנגען זיי ניט. איצט איז דאָס זייער איינציקער טרוים. אַף דעם איינינקן זיי זיך אַלע. עמעס, אַז זיי אַליין גלויבן קוים, אַז אַזאַ מין צייט קען אַמאָל קומען, אָבער קיינער קען בא זיי ניט צו־נעמען דאָס רעכט צו האָפן.

איך קוק זיך אום און באַמערק אין דעם טונקעלן פאַרנאַכט די אַנטשוויגן־געוואָרענע אַמעריקאַנער אָפיצירן, וועלכע זיינען מיט אונדז מיטגעפאָרן צו דער פאַבריק. זיי האָבן זיך אויך צוגעהערט צו די דער־ציילונגען פון די מיידלעך פון דער קאַנעבאַ־פאַבריק. זיי זיינען אַ ביסל

פֿאַרוואונדערט. באַ מיר באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז זיי אַליין באַקענען זיך ערשט איצט מיט יאַפּאַן, ווי זיי וווינען שוין קימאַט אַ גאַנץ יאָר.

— מיר וועלן שוין באַקומען דעם עמעסן פּסאַק דערפֿאַר וואָס מיר האָבן אייך דאָס אַלץ באַוויזן, — כאַפּט זיך מיטאַמאָל דער לייטענאַנט סקובי, — כאַטש אַזעלכע זאַכן קאָן מען ניט אויסבאַהאַלטן.

דאָס אַלץ רייסט זיך אַרויס ניט ווילנדיק באַם לייטענאַנט, און ער גייט אָפּ אין אַ זייט — ער איז אַפּילע אויפגערעגט. צום ערשטן מאָל זעען מיר עמעסע שקלאַפּן — איינגלעך און מיידלעך — מיר זעען דאָס אויטענטישע שקלאַפּערישע פּעאָדאַלע יאַפּאַן.

מיר פֿאַרלאָזן די „קאַנעבאַ"-פֿאַבריק און וווּנדערן זיך, ווי איז דאָס מעגלעך אַז אין יאַפּאַן, וועלכע פֿאַרמאָגט פֿאַבריקן איינגעאָרדנטע לויט די פֿאַרגעשריטנסטע טעכנישע איינריכטונגען, מיט מאַשינען, וועלכע זיינען באַשאַפֿן לויט דער וועלטלעכער טעכנישער ציוויליזאַציע, זאָל פֿאַרבלייבן די פּעאָדאַלע אַרבעט-סיסטעם און פּעאָדאַלע לעבנס-באַדינגונגען פון דעם XVI יאָרהונדערט. נאָר ניט דאָס אַליין וווּנדערט אונדז: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז די אַמעריקאַנער, וועלכע פּראָקלאַמירן זיך ווי די טרעגער פון דער נייער קולטור און פון דער הויכער ציוויליזאַציע, זאָלן דערלאָזן אין יאַפּאַן דעם לעבנס-שטייגער און די אַרבעטס-באַדינגונגען פון דעם XVI יאָרהונדערט.

די אַמעריקאַנער פֿאַרזיכערן, אַז איצט קומט פֿאַר דער פּראָצעס פון דעמאָקראַטיזירן און דאָס וועט אומברענגען דעם דזייבאַצו-סיסטעם און אויך זייערע פּעאָדאַלע שקלאַפּערישע לעבנס-באַדינגונגען. דערביי דערמאַנען זיי די נעמען פון סידעהאַרא און יאָשידאַ, וועלכע וועלן, קלוימערשט, דעמאָקראַטיזירן יאַפּאַן.

מיילע, מיר וועלן זיך אויך צו זיי צוקוקן.



אַף דער רווישיקער באַן-סטאַנציע אין דער שטאָט אָסאַקאַ, האָב איך זיך באַגעגנט מיטן באַראָן סידעהאַרא קידזירא. ער איז געקומען צופֿאָרן פון טאָקיאָ און איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ זיגער. די זשורנאַליסטן האָבן אים אַרומגערינגלט און ער, גייענדיק, האָט זיי צוגעוואָרפן אַ פּראַזע, אַז ער סידעהאַרא, שטיצט יאָשידאַ סיגערו. און אויך צוגעגעבן אַז עס וועט אים פרייען, אויב די צוויי נייע יאַפּאַנישע פּאַרטייען — די ליבעראַלע און די פּראָגרעסיווע — וועלן זיך צונויפגיסן. גלייך נאָך דעם האָט זיך סידעהאַרא אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די זשורנאַליסטן און פֿאַרגעזעצט זיין שמועס מיט די אַמעריקאַנער. מען האָט זיך צו אים באַצויגן, ווי צו אַ מענטשן, וועלכער פֿאַרקערפּערט מיט זיך גלייכצייטיק די פֿאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט פון יאַפּאַן. איך האָב דאָס אַלץ באַ-

טראכט פונדערוווייטנס, און דער לייטענאנט, וועלכער איז מיר נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט, האָט מיר געזאָגט:

— קומט שוין, דאָ קען אונדז גאָרניט אינטערעסירן!

— פאַרוואָס גיט מען סידעהאַראַן אַזוי פיל קאָוועד? — פרעג איך.

— ווער ווייסט זיי דאָרט, דאָס איז „הויך־פּאָליטיק".

דער לייטענאַנט האָט געהאַלטן פאַר בעסער ניט אַריינצומישן זיך אין דער „הויך־פּאָליטיק". נאָר מיר האָבן זיך דעם זעלבן אָוונט באַגעגנט מיט די דעמאָקראַטישע טוערס פון אָסאַקאַ. דאָס איז געשען אין אַ קליינעם יאַפּאַנישן רעסטאָראַן, ווו מען האַנדלט בלויז מיט „קאַרי" — אַזוי הייסט אָנגעשאָבענער אייז פאַרפאַרבט מיט אַ ראָזעווען זאַפט — ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר דאָרט געשמועסט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין יאַפּאַן. דער אַמעריקאַנער לייטענאַנט איז צוויי מאָל אַנטשלאָפן געוואָרן אין זיין האַרטן קיליפּוטן־פּאָטעל. ער פלעגט זיך אויפכאַפּן פון די הויכע אָדער צאָרנדיקע אויסגעשרייען פון די באַזוכער פון דעם באַר.

— איר האָט נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט? — פלעגט ער מיך פרעגן.

— מיינע הערן, שוין צייט צו גיין שלאָפן.

— גיין, מיר וועלן נאָך בלייבן זיצן אַ ביסל, — ענטפער איך. — זיי וואָלטן אייך אויך געקענט אויפקלערן אייניקע עלעמענטאַרע עמעס, דאַן וואָלט איר בעסער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַף דער „קאָנעבאַ"־פאַבריק לעבט נאָך אַלץ דער פעאָדאַליזם.

דער אַמעריקאַנער אָבער האָט געהאַלטן, אַז כאַפּן אַ דרעמל איז בעסער. האָבן מיר אים געלאָזט צו רו.

דריי יאַפּאַנישע דעמאָקראַטן־פּראָפעסאָרן האָבן מיט אַ פאַרביטערונג דערמאָנט יענע טעג, ווען אַף דער פּאָליטישער אַרענע האָבן זיך ווידער באַוויזן צוויי געשטאַלטן, וועלכע זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער פאַרגאַנגענהייט — סידעהאַראַ קידזיראַ און יאָשידאַ סיגערו.

אין יענעם נעפּלדיקן טאָג, ווען אַף דער קריגס־שיף „מיסורי" זיינען אַרויפגעשטיגן אָנגעטאָן אין פראַק און צילינדערס די מאָרעשכוירעדיקע שעלוכים פון יאַפּאַן, האָט זיך פאַר אַלעמען אויסגעוויזן אַז זיי שרייבן אונטער ניט נאָר דעם אַקט פון קאַפּיטולירן, נאָר אויך דעם טויט־אורטייל פאַר אַלע רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע קויכעס פון יאַפּאַן. די אַרמיי און דער פלאָט זיינען זיך צעפאַלן. די אָנגרייפערישע יאַפּאַנישע קריגס־מאַשין, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן דורך די פאַשיסטישע, נאַציאָנאַליסטישע און פינאַנציעלע קליקעס, איז איצט געלעגן צווישן די פאַרויכערטע כורוועס פון טאָקיאָ, אָסאַקאַ, הירושימאַ און נאַגאַסאַקי. מען האָט געגלויבט אַז די נאַציאָנאַלע שאַנדע וועט געבוירן אַ גאָר נייעם יאַפּאַן. דאָס פאָלק האָט געשטרעבט (נאָך איצט אויך) צו דעם אָבער דאָס

„נייע יאַפּאַן" איז פאַרבליבן אַף ווייטער אַן אוטאָפּישער טרוים. די אַמעריקאַנער טוען אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, קעדיי צו האַמעווען די דעמאָקראַטיזירונג פון יאַפּאַן. קוידעמקאָל האָבן זיי אָנגעהויבן צו שטיצן דעם באַראָן סידעהאַראַ מיט זיין מיניסטאָרן־קאַבינעט. מיט דעם האָבן זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז סידעהאַראַס טראַדיציאָנעלע פּאָליטיק איז זיי צום האַרצן.

סידעהאַראַן האָט מען שטענדיק גערופן — „דזייבאַצוס שאָטן". גלייך נאָך יאַפּאַנס קאַפּיטולאַציע, זיינען אַנטשטאַנען אין יאַפּאַן צוויי נייע פּאָליטישע פּאַרטייען: די ליבעראַלע און די פּראָגרעסיווע. עס זאָגט זיך בקויז „נייע". אַלע האָבן מיט טיפן ערנסט באַהאַנדלט די אַנטשטייאונג פון די פּאָליטישע קויכעס, האַגאַם דאָס גאַנצע פּאָלק, אַלע געזעלשאַפטלעכע טוער און אַפילע די אַמעריקאַנער האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די ליבעראַלע פּאַרטיי איז ניט עפּעס אַנדערש ווי דער העמשעך פון דער סעיוקיי־פּאַרטיי, און די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי איז די פאַרמאַסקירטע מינסעיטאַ־פּאַרטיי. אין פאַרלויף פון איר גאַנצער געשיכטע האָט די סעיוקיי־פּאַרטיי פאַרגעשטעלט מיט זיך די אינטערעסן פון דעם מיצואַי־טרוסט; און די מינסעיטאַ־פּאַרטיי האָט אין מעשעך פון איר פּאָליטישער עקזיסטענץ געקעמפּט פאַר די אינטערעסן פון מיצוביסי. די דערמאָנטע צוויי פּאַרטייען — סעיוקיי און מינסעיטאַ — זיינען אַנטשטאַנען אונטער דעם איינפלוס און מיט דער ברייטסטער שטיצע פון צוויי גרעסטע וועלט־טרוסטן. אין דער שפּיץ פון די צוויי פּאַרטייען זיינען געשטאַנען שטענדיק ווי פּאָרזיצערס, אָדער גענעראַלן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו מיצואַי און מיצוביסי, אָדער מענטשן, וועלכע שטאַמען פון מיצואַי און מיצוביסי. אייגנטלעך זיינען דאָס געווען צוויי „מישפּאָכע־פּאַרטייען" פון דזייבאַצו; פּונקט אַף דעם זעלבן אויפן, ווי די גאַנצע עקאָנאָמיק, די אַלע לעבנס־קוואַלן פון יאַפּאַן, זיינען געווען אַ מישפּאָכע־אייגנטום פון דזייבאַצו.

און גלייך נאָך זייער מאַפּאָלע האָבן זיך די פּאַרטייען מינסעיטאַ און סעיוקיי אַף גיך אַ נאָמען געגעבן, איינע — ליבעראַלע פּאַרטיי און פּראָגרעסיווע פּאַרטיי — די אַנדערע. אין יענער אומקלאָרער צייט איז נויטיק געווען אויסצוגעפינען „לידערס" פאַר די צוויי „קלוימערשט נייע פּאַרטייען". און דאַן איז סידעהאַראַ קידזיראָ געוואָרן דער לידער פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי און יאָשידאַ סיגערו — פון דער ליבעראַלער. דערמיט איז פאַרבליבן גאַנץ די פאַרבינדונג צווישן די צוויי רעאַקציאָנערע פּאַרטייען מיט מיצוביסי און מיצואַי, און דער צוזאַמענבונד פון אַלע רעאַקציאָנערע קויכעס איז באַהילפיק געווען באַם צוזאַמענשטעלן אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט, וועלכן מען האָט באַטיטלט אַלס „דעמאָקראַ־

טישער". אינדערעמעסן אָבער איז אויך דער קאַבינעט פאַרבליבן, פונקט ווי שטענדיק א „דזייבאַצו־קאַבינעט".

די אַמאָליקע פירערס פון סעיוקיי־פאַרטיי פירן ווייטער אָן מיט דער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער ליבעראַלער פאַרטיי. אַף דער צייטונגס־אַלייע אין טאָקיאָ, אין אַ הויכער, מאַרעשכווירעדיקער געביידע, ווו עס געפינט זיך דער שטאַב פון דער „ליבעראַלער פאַרטיי" קען מען באַגעגענען אסידאָן, האיאַטין און צעבאַראָן — די אַמאָליקע אַקטיווע טוערס פון סעיוקיי. דער פאַרזיצער פון דער ליבעראַלער פאַרטיי יאָשידאַ סיגערו, דער מאַן וועלכער דאַרף עס באַקומען די אַלע מיליטאַריסטישע און אַנגרייפערישע קויכעס פון יאַפּאַן, קרעמפּירט זיך ניט און לאַדט איין צו זיך אין זיין רעזידענץ דעם מאַרקיז האַסאַקאַווא, דעם הויפּט־דירעקטאָר פון מיצואי טרוסט, אינעדאַ סייכין און אויך איינעם פון די הויפּט־זייכן פון דעם קאַפּיטאַליסטן „פאַרבאַנד פאַר זיכער דעם טראָן" — גאָטאָ ריונאסקע. זיי פירן צווישן זיך לאַנגע וויקוכים וועגן דעם, ווי אַזוי זאָל מען ווי אַמבעסטן אויסגעבן די לעבנס־געשיכטע פון דעם פּרינץ קאָנאָע (דער פּרינץ קאָנאָע איז געווען דערקלערט אַלס קריגס־פאַרברעכער און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד ערעוו זיין אַרעסט), קעדיי צו באַזינגען פאַר די קומענדיקע דורות די „גרויסע טאַטן" פון יענעם פינצטערן לידער פון דעם אַגרעסיון יאַפּאַן.

סידעהאַראַ, וועלכער איז איצט דער פאַרזיצער פון דער פּראָגרעסיווער פאַרטיי, שפּאַרט זיך אָן אַף אַזעלכע טוערס פון דער מינטייטאָ־פאַרטיי, ווי: אינאַ — אייגנטימער פון אַן אויטאָמאָביל־טרוסט ; קאַיאַמאַ — אַ זייד־קעניג און סאַקוראַי — דער געוועזענער פּאָליטישער ראַטגעבער בא דער יאַפּאַנישער אַרמיי אין בירמאַ.

און זיי אַלע דאַרפן דאָס אַרויספירן יאַפּאַן אַפן וועג פון דעמאָקראַטיע.

פון אָנפאַנג האָבן די אַמעריקאַנער צוגעצויגן אַפן פּאָסטן פון פּרעמיער־מיניסטער סידעהאַראַ קידזירא. דער באַראָן, וועמענס פרוי ס'איז געווען די אינגערע שוועסטער פון דעם באַראָן איוואַסאַקי — דער אייגנטימער פון די אומצאָליקע מיצוביסי־אויצרעס, — איז געווען פּאַשעט אַ געווינס פאַר די יאַפּאַנישע רעאַקציאָנערן. דער פעסטער בונד צווישן סידעהאַראַ מיט דער פינאַנץ־קליקע, וועלכע האָט צוגעגרייט די מילכאָמע, איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך זיין זונס כאַסענע מיט דער טאָכטער פון נאַמוראַ מאַטאַגאַרו, דער אייגנטימער פון איינעם פון די גרעסטע בענק „נאַמוראַ", פאַרזיצער פון דער געזעלשאַפט „נאַמוראַ־גאַמעי", אַ מענטש, וועלכער איז רייך געוואָרן נאָכן יאַפּאַנישן אָנגריף אַף כינע און מאַנדזשוריע. ווי עס איז באַוווּסט, איז נאַמוראַס ציגיזם

דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז ער האָט זיך אַמאָל מוידע געווען, אַז מיט יעדן שאָס פון אַ יאַפּאַנישן האַרמאַט, ווערט דאָס נאַמורא־הויז שטאַרקער.

סידעהאַראַ איז אַמאָל געווען איינער פון די הויפּט־קעמפער פאַר דורכפירן די מיצוביסי־מיצואי־פּאָליטיק, וועלכע איז געווען אויסגערעכנט אַף פאַרכאַפּן כינע און מאַנדזשוריע. צוויי מאָל איז ער געווען יאַפּאַני־שער אויסערן־מיניסטער אין יענע קאַבינעטן וועלכע זיינען געשטאַנען בּאַ דער מאַכט פון יוני 1924, ביז נאָך דעצעמבער פון 1931. אין אַ גע־וויסער צייט איז סידעהאַראַ געווען דער אידעאָלאָגישער פירער פון דער „מעסיקער אַריינדרינגונגס פּאָליטיק", די פּאָליטיק רופט מען אָפּטמאָל „סידעהאַראַ־פּאָליטיק". אָבער יענע „מעסיקייט" איז נאָר געווען אַן אויס־געצייכנט שפּאַניש ווענטל, וועלכעס סידעהאַראַ האָט באַשאַפן קעדיי צו באַשיצן די אינטערעסן פון דער מעכטיקער דזייבאַצו־קליקע. צוויי מאָל איז סידעהאַראַ געווען אין שליכעס אין אַמעריקע און בּאַ זיין צוריקקער קיין יאַפּאַן האָט ער אַ געוויסע צייט געשטיצט די פּאָליטיק פון געבן האַנאָכעס די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליסטן.

דעריבער עפּשער, איז סידעהאַראַ, נאָך יאַפּאַנס מאַפּאָלע געוואָרן די פּאַסיקסטע פיגור, וועלכע וואָלט אימשטאַנד געווען צו פאַרבינדן מיט אַ בריק די פאַרגאַנגענהייט מיט דער קעגנוואַרט און די קעגנוואַרט מיט דער צוקונפט.

סידעהאַראַ האָט סימבאָליזירט און פאַרקערפּערט מיט זיך די אַלע קויכעס, קעגן וועלכע די אַמעריקאַנער האָבן קלוימערשט געקעמפט, אָבער אין דער ווירקלעכקייט אָפּגעהיט. „סידעהאַראַ איז דער ליבלינג פון די אַמעריקאַנער" — דאָס האָב איך ניט איינמאָל געהערט אין טאָקיאָ. דאָ האַנדלט זיך אָבער ניט וועגן דער פּערזענלעכער סימפּאַטיע פון די אַמע־ריקאַנער גענעראַלן. דער טאָך ליגט אין דער פּאָליטיק, וועלכע סידע־האַראַ האָט אָנגעהויבן דורכצופירן ווערנדיק פּרעמיער־מיניסטער. קוי־דעמקאָל האָט ער אָפּגעהיט פון אַ פאַרניכטונג די ריזיקע טרוסטן מיצואי און מיצוביסי, סומיטאָמאַ און יאָסודאַ. ער האָט ווידער צוריקגעקערט דעם אימפּעראַטאָר הירָאָהיטאָ זיין הייליקייטס־ראַנג. ער האָט אָנגעטאָן אַ צוים אַף די יאַפּאַנישע דעמאָקראַטישע קויכעס און האָט אַפילע גוט־געהייסן דעם פּאָליציייאישן קאַמף קעגן די שטרייקן, וועלכע באַדראָען, קלוימערשט, ניט נאָר דאָס נייע יאַפּאַן, נאָר אויך און הויפּטזעכלעך די אַמעריקאַנער־אינטערעסן. אַזאַ אַרט טעטיקייט פון סידעהאַראַ האָט נאָר אַרויסגערופן אַ בייזן און שטורמישן צאָרן בּאַם יאַפּאַנישן פאָלק.

אין יענע אומרויִקע מיי־טעג פון יאָר 1946 האָט זיך פּאַקטיש אַנטשיידן דער גוירל פון דער דעמאָקראַטיע. פון אינדערפרי ביז שפּעט באַנאַכט פלעגן פאָרקומען אין אַלע יאַפּאַנישע שטעט ריזיקע דעמאָנס־טראַציעס: דאָס פאָלק האָט געפאָדערט דעמאָקראַטישע פרייהייטן. דער

באראָן סידעהאַרא האָט מוירע געהאַט זיך צונויפגעטראָפן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן צאַרן פון פאָלק און ער האָט באַשלאָסן צייטווייליק זיך אויסצו־באַהאַלטן אין שאָטן און אָנשטאָט זיך, האָט ער אַרויסגעשטעלט אַן אַנ־דער פיגור, ניט ווייניקער רעאַקציאָנער, ווי ער אַליין. דאָס איז געווען יאָשידאַ סיגערו. אַפילו אַזאַ קאָנסערוואַטיווע צייטונג ווי „מײַניטי" איז געווען געצוווּנגען צו באַמערקן, אַז „דער יאָשידאַ־קאַבינעט וועט זיין אַ צווייטע, שלעכטע אויפלאַגע פון סידעהאַראַס קאַבינעט וועלכער גייט אַוועק אין דעמיסיע". צוזאַמען האָט יאָשידאַ מיט ניסים בייגעקומען די פאַרצווייפלונג, וועלכע ער און זיין פריינט סידעהאַרא האָבן איבער־גע־לעבט מיט אַ טאָג פריער, און געבילדעט אַ רעאַקציאָנערן קאַבינעט.

אַף אַזאַ מין אופן איז געקומען צו דער מאַכט אַ מענטש, וועלכער איז אַפילו ניט געווען קיין דעפּוטאַט און מיט אים צוזאַמען האָבן אויך אויפגעהויבן זייערע קעפּ די יאַפּאַנישע רעאַקציאָנערע קויכעס. געדוכט האָט זיך, אַז פאַקטיש האָבן זיי געדאַרפט האָבן פאַרענדיקט זייער פּאָ־ליטישן לעבן נאָך אין יענע טעג, ווען עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער קאַפּיטולאַציע־אַקט אַף דער שיף „מיסורי".

יאָשידאַ סיגערו וועלכן די אַמעריקאַנער האָבן אויך געשטיצט, איז אין פאַרלויף פון זיין גאַנצן לעבן געווען אַן איבערגעריס פאַרבונדן מיט דער יאַפּאַנישער אַגרעסיווער פּאָליטיק, און אַפן ערשטן פּלאַן מיט אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צילן פון דזייבאַצו. יאָשידאַ סיגערו האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אַף דער פּאָליטישער אַרענע אין יאָר 1928 אַלס וויצע־מיניסטער פאַר אויסלענדישע איניאָנים. זיין גייסטיקער לע־רער אין יענער צייט איז געווען דער באַרימטער באַראָן טאַנאַקאַ; זיינע בעסטע פריינט אין יענע יאָרן זיינען געווען — דער וויצע־פּאָרזיצער פון דעם פּאַרלאַמענט מאָרי איטאַרו און דער גענעראַל מאַצוי איוואַנע, וועל־כער געפינט זיך היינט אין טאָקיאָ אין דער סוגאַמער טפיסע. אין די דרייסיקער יאָרן איז ער געשיקט געוואָרן קיין איטאַליע אַלס אַמבאַסאַ־דאָר און דאָרט האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצופּויעלן דאָס אָנערקענען פון מאַנדזשו־גאָ. שפּעטער האָט מען אים געשיקט קיין לאָנדאָן און דאָרט האָט ער „איבערצייגט" די גערעכטיקייט פון דעם יאַפּאַנישן אָנגריף אַף מאַנדזשוריע און אין יאָר 1936 האָט ער צוזאַמען מיט פאָן ריבענטראָפּן צוגעגרייט דעם „אַנטיקאָמינטערן־פּאַקט".

יאָשידאַ איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער ליבע־ראַלער פּאַרטיי וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן אַף דער באַזע פון סעייוקיי, און וועלכע האָט פאַרטראָטן די אינטערעסן פון מיצואי; לויט די פאָר־אָרדענונגען פון די טראַדיציאָנעלע געזעצן פון דזייבאַצו — האָבן די לי־דערס פון זייערע פּאָליטישע פּאַרטייען געקאָנט זיין בלויז נאָר יענע מענטשן, וועלכע זיינען קרוווויש פאַרבונדן מיט דזייבאַצו. יאָשידאַ איז

דער איידעם פון דעם באַראָן מאקינא, וועלכער איז ענג פאַרבונדן מיט מיצוביסי; יאָשידאַס טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט מיט אַסאָ טאַגאַ־קיטשי — אַ קוילן־מאַגנאַט און פּאָרזיצער פון צעמענט־ און אייזנבאַן־געזעלשאַפטן, וועלכע ווערן געשטיצט און פינאַנצירט פון מיצואי־הויז. יאָשידאַס לאַנגיאָריקע פריינטשאַפט מיטן באַראָן סידעהארא האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט זיין פאַרבינדונג מיט דער פינאַנציעלער קליקע. און גלייך נאָכדעם ווי יאָשידא איז געקומען צו דער מאַכט האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אין טאָקיאָ „דזייבאַצום צווייטער שאָטן".

נאָך איידער יאָשידא איז געקומען צו דער מאַכט האָט ער אין אַן אינטערוויו מיט אַ קאָרעספּאָנדענט פון „דיילי טעלעגראַף" געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז יאפּאַן נויטיקט זיך ניט אין רעפאָרמען. און מיט צוויי באַדאָשים שפּעטער האָט ער דאָס געזאָגט נאָכאַמאָל און האָט זיך מיט גרויס באַגייסטערונג אָפּגערופן וועגן די אַמעריקאַנער גענעראַלן, ווי שאַרפזיניקע באַאָבאַכטער פון דעם יאפּאַנישן אויפן פון דענקען. „מיר פאַרלאַנגען דאָך נאָר צו באַקומען די מעגלעכקייט זיך צוריקצוקערן צו אונדזער פאַרמילכאָמעדיקן בלְיען", האָט געזאָגט יאָשידא און אַלס נייער פּרעמיער־מיניסטער עפנט ער אַ ברייטן וועג פאַר די אַמעריקאַנישע מאָ־נאָפּאָליסטן, וועלכע פאַרלירן ניט קיין צייט און באַפאַלן זייערע פרישע קאָרבאָנעס מיט דער רירעוודיקייט און אומגעזעטיקטקייט פון אַ פּיטאָן. נאַגאַסאַקי סאַנאָסקע, וועלכער איז לויט דער באַהויפּטונג פון יאָשידא, אַן אומפאַרבייטלעכער און נוצלעכסטער מענטש פאַר דער „געשעפטלע־כער מאָביליזירונג פון יאפּאַן" — האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן ציי־ניזם פּראָקלאַמירט די „נייע עפּאָכע פון קעגנזייטיקער הילף צווישן די יאפּאַנישע און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַלן". און אין טאָקיאָ האָבן זיך שוין באַוויזן פאָרשטייער פון די נאָרדאַמעריקאַנער טרוסטן: „דזשענעראַל מאָטאָרס", „דזשענעראַל עלעקטריק", פאָרד א"אנד. די לאַנגע ספּרוטן־פינגער פון די נאַפט־ און זייד־מאַגנאַטן דרינגען שוין אַריין אין אַלע שיכטן פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. מיר האָבן זיך איבערצייגט אין דעם אי אין טאָקיאָ, אי אין נאַגאַסאַקי, אין קאָבע און אין אָסאַקאַ.

דער 10־טער אַפּריל פון יאָר 1946 ד"ה דער טאָג פון די פאַרלאַ־מענט־וואַלן אין יאפּאַן, טראָגט דעם נאָמען פון „שוואַרצן טאָג פון דער דעמאָקראַטיע".

דאָס פאָלק איז נאָך אַלץ אונטערן יאָך פון די רעליגיעזע און פעאָ־דאַלע אַבערגלויבענישן; ער וואַכט ערשט אויף פון דער הונדערטער־יאָריקער פאָליציייאישער פאַרפאָלגונג — אין דאָס פאָלק ווערט געצוווּנ־גען אויסצווויילן אין פאַרלאַמענט צוויי הונדערט פירשטן און באַראָנען, הונדערט אַכט און אַכציק פאָרזיצערס פון אינדוסטריעלע געזעלשאַפטן און צוויי און פופציק גוטבאַזיצערס.

און אזא „פאָלקס״־פּאַרלאַמענט האָט מען אַ נאָמען געגעבן — דער דעמאָקראַטישער פּאַרלאַמענט.

אין דעם טאָג ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די קאָנסטיטוציע האָט דער אויסטראַליער קאָרעספּאָנדענט ריטשאַרד היוז פּאַרעפנטלעכט אַ סאַטירישן פעליעטאָן, וועלכער הייבט זיך אָן אַזוי:

„איך האָב געזען ווי אַ דעמאָקראַטישער אימפּעראַטאָר איז צוגע־פאָרן אויף דעמאָקראַטישע פערד צו ברייטע דעמאָקראַטישע טרעפּ, אויס־געפּלאַסטערטע פון דעמאָקראַטישן מירמלשטיין, וועלכע פירן צום דע־מאָקראַטישן סאַלאָן פון דעם סופּערדעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט און איז אַנטקעגן איז געלאָפן מיט קורצע דעמאָקראַטישע טריטעלעך, דער דעמאָ־קראַטישער פּרעמיער־מיניסטער יאָשידאַ״.

יאָשידאַ סיגערו האָט גאָר ניט געצווייפלט אין דעם אַז דער פּאַר־לאַמענט וועט באַשטעטיקן די „נייע קאָנסטיטוציע״, וועלכע דער פּרע־מיער־מיניסטער האָט באַטיטלט מיטן באַפליגלטן נאָמען: „די לעבעדיקע פאָלקס־כאַרטיע״. נאָר דאָס האָרעפּאַשנע יאַפּאַנישע פאָלק האָט געפּאַ־דערט און פאָדערט אויך איצט דאָס זייניקע: „נידער מיט יאָשידאַן!״, ברויט, פרייהייט און דעמאָקראַטיע!״, „מיר אַלע זיינען קעגן די דזיי־באַצו־אַגענטן — יאָשידאַ און סידעהאַראַ״. אַזעלכע אויפשריפטן האָב איך אַליין געזען אויף טראַנספּאַראַנטן, וועלכע עס האָבן געטראָגן די פּאַ־שעטע מענטשן פון יאַפּאַן אין טאָקיאָ, אין יאָקאַהאַמאַ, אָסאַקאַ, קאָבע און נאַגאַסאַקי.

אויף אַזאַ מין אופן האָט דאָס בילדן פון יאָשידאַס מיניסטאָרן־קאַ־בינעט באַוויזן אין זיין צייט, אַז די יאַפּאַנישע רעאַקציאָנערע קויכעס האַלטן זיך נאָך. סידעהאַראַס אַוועקגיין האָט ניט צעשטערט דעם רעאַק־ציאָנערן פראָנט. דער עמעס איז, אַז זיי האָבן נאָר געמוזט איבערגרו־פּירן זייערע קויכעס. סידעהאַראַ האָט בעסער געוואָלט פאַרבלייבן אַלס מיניסטער אָן אַ פּאָרטפעל און ער האָט אָפן ערשטן פּלאַן אַרויסגערוקט יאָשידאַן, אָבער פאַקטיש האָט יאָשידאַ דורכגעפירט אין לעבן די זעלבע פּאָליטיק וואָס סידעהאַראַ, אַ פּאָליטיק וואָס איז געווען געבויט אויף דער באַזע פון דער אומצעטיילבאַרער הערשאַפט אין דער יאַפּאַנישער געזעל־שאַפט פון דזייבאַצוס פינאַנציעלער קליקע, און אויף צו דערשטיקן אַלע דעמאָקראַטישע שטימונגען, וועלכע געפינען וואָס אַמאָל אַלץ אַ גרעסערן אָפּקלאַנג אין דעם יאַפּאַנישן פאָלק.

אַזוי האָט אויסגעזען יענער מענטש, וועלכער האָט באַדאַרפט, לויט דעם באַגריף פון די אַמעריקאַנער, דורכפירן אַ ברייטע דעמאָקראַטיזירונג פון דער יאַפּאַנישער געזעלשאַפט. דאָס לעבן אָבער באַשטעטיקט, אַז יאָ־שידאַ איז דער געטרייסטער אַגענט פון יענער יאַפּאַן, קעגן וועלכער עס האָבן געקעמפט אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט.

איצט טרעט ער אַרויס קעגן אַט די אַלע דעמאָקראַטישע רעפאָרמען, וועל־כע, ווי מען דערוואַרט, וואָלט ער געדאַרפט דורכפירן. ער רעכנט, אַז די אַמעריקאַנער וועלן פאַרבלייבן אין יאַפּאַן אַף זייער לאַנג און דאָס איז אויך זיין ווּנטש, ווייל ער פאַרשטייט אַז די אַמעריקאַנער וועלן צוהעלפן דער זיך וואַקלענדיקער קליקע, וועלכע שטייט הינטער די פּליי־צעס פון סידעהאַראַ־יאָשידאַ, זיך ווידער שטעלן אַף די פיס און פאַר־פעסטיקן אירע פּאָזיציעס.

מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן אַ סאַך יאַפּאַנישע שטעט און דערפער, איך האָב געזען טויזנטער הונגעריקע מענטשן, וועלכע האָבן יאָשידאַן אַ נאָמען געגעבן „דער לידער פון אַ הונגער־לעבן". יאָשידאָס מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט נאָר געמאַכט אַ פּרווו אָנצופאַנגען די אַגראַר־רעפאָרם, אָבער די ערד־באַזיצער, אַלץ די זעלבע דזייבאַצו, האָבן געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, אַז די אַגראַר־רעפאָרם זאָל זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ זיסן צוזאָג — די ערד אָבער פאַרבלייבט אַף ווייטער אין די הענט פון יענע, וועמען זי האָט געהערט אויך פריער.

און היינט, פּונקט ווי אין די פינצטערסטע טעג פון יאַפּאַנישן לעבן, האָבן זיך ווידער באַוויזן אַף די גאַסן און עפנטלעכע פּלעצער פּאָליציילייט מיט שטעקנס, און זיי צעיאָגן פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס. און אין אַ זייט זיצן זיך אין זייערע ווייסע „דזשיפּן" סאָלדאַטן פון דער אַמערי־קאַנער עמפּי, און אָבסערווירן די סצענע.

אָפטמאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי באַשיצן גאָר סי־דעהאַראַ־יאָשידאָס „דעמאָקראַטישע" פּאָליציי פון דעם צאָרן פונעם פאָלק.

דאָס אַלץ האָבן אויך באַשטעטיקט די דריי יאַפּאַנישע פּראָפעסאָרן מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט אין אַ קליינעם יאַפּאַנישן באַר אין אָסאַקאַ. זיי האָבן זיך קעסיידער אומגעקוקט — זיי האָט זיך נאָר גע־דוכט אַז אויך זיי ווערן נאָכגעשפּירט.

— ווייסט איר, — האָבן זיי זיך מוידע געווען — עמעצער האָט פּאַריאָגט אין יאַפּאַן די דעמאָקראַטיע אונטער דער ערד, פּונקט ווי דער ווינטער פאַרטרייבט דעם טייך אונטערן אייז. קומט אָבער דער פרילינג און ער רייסט אויף די אַלע אייז־קייטן. אויך אין יאַפּאַן וועט אַמאָל זיין פרילינג.

אין האָטעל זיינען מיר געקומען שפּעט באַנאַכט. די אַמעריקאַנער האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אין פּאָדערהויז, זיי האָבן זיך שוין באַאומרויִקט. מיר זיינען דאָך דעם גאַנצן אָוונט ניט געווען אין באַר? עפּשער געפעלט אונדז ניט די קאָקאַ־קאָלאַ מיט וויסקי? מיר בעטן מען זאָל אונדז געבן די מעגלעכקייט זיך אויסרוען. ווען מיר גייען אריין אין דער ווינדע, כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דער יאַפּאַנישער אינגל און קוקט זיך אום

מיט אַ שולדיקן אויסזען. ער פירט אונדז אַרויף אפן פינפטן שטאָק. נאָך אַ יונגערער אינגל, באַי־סאָן, שליסט אויף אונדזער צימער, צינדט אָן די ליכט און פאַרציט איבערן בעט די נעץ קעגן מאָסקיטן. שפּעטער עפנט ער דעם פענצטער, בלייבט אַ ווײַלע שטיין, דערמאָנט זיך וועגן עפּעס און אין פאַרלעגנהייט פאַרנייגט ער זיך פאַר אונדז מיט די הענט אף די קני און רעדט אַרויס:

— זדראַסטוּיטע".

אַ לאַנגע צייט קענען מיר ניט פאַרשטיין דעם באַדייט דערפון, ביז דער איבערזעצער פאַרטייטשט אונדז, אַז דאָס איז דאָס אייינציקע רוסי־שע וואָרט, וועלכן דאָס אינגל האָט אויסגעלערנט. פּלוצלינג רייסט זיך אַריין צו אונדז אין צימער אַ טויט־שיקערער אַמעריקאַנער מיט אַ פלאַש וויסקי אין האַנט און אין אַ צעבראַכטן אוניפאָרם. ער פּרוּווט אונדז עפּעס צו דערקלערן אף האַלב־ענגליש און האַלב־פראַנצויזיש, אָבער אין זיין צושטאַנד באַהערשט ער ניט קיין איינע פון דיביידע שפּראַכן.

מיר שטופּן אים אַרויס פון אונדזער צימער. דער באַי־סאָן האָט זיך צוריקגעקערט און אונדז געווּנטשן אַ גוטע נאַכט. באַם אוועקגיין האָט ער איבערגעדרייט אף דער טיר דאָס הענטל מיטן אויפשריפט:

„מען שלאָפט".

דאָס וואָלט באַדאַרפט באַדייטן, אַז פאַרביי אונדזער צימער מוז מען גיין שטיל אף די שפּיץ־פינגער. פונדעסטוועגן האָט זיך געהערט באַ אונדזער טיר גאָר אַ היפשע צייט נאָך דאָס קלאַפּן פון אונטערגעקאָוועטע שיך, אַ הילכיקער ענגלישער שמועס, געלעכטערס, געשרייען און לעבע־דיקע לידלעך. מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז אונדז באַגלייט דער ביז צום הימל געלויבטער אַמעריקאַנער „סערוויס" און דעריבער האָט אונדז דאָס אַלץ ניט געוווּנדערט.



בעשאַס דעם פרישטיק האָט געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט דאָס וואָס אַלע יאַפּאַנישע קעלנערנס האָבן זיך אויסגעפּוצט אין יאַנטעוודיקע און בונטע קימאָנאָס.

דער באַלעבאָס פון דעם רעסטאָראַן וויל שאַפן פאַר די אַמעריקאַ־נער אַן עקזאָטישע געמיטלעכקייט. צוערשט האָט ער איינגעלאַדן אין זאַל אַ קאָמיקער — אַ זשאָנגלער, וועלכער האָט דורך זיינע האַוואַיעס און באַוועגונגען באַם צוגרייטן קאַווע אַרויסגערופן הילכיקן געלעכטער באַ די אַמעריקאַנער. דער קונצנמאַכער האָט געדרייט דעם קרוג אַרום זיין פינ־גער, דאָ פלעגט ער אים אַרויפשליידערן הויך איבער זיין קאָפּ אאַז"וו. אָבער די קונצן זיינען זייער גיך נימעס געוואָרן זיינע צושויער. האָט מען גענומען און אויסגעפּוצט די מיידלעך אין שווערע, דיקע קאָלירפולע

קימאָנאָס, בעיים מיר גייען אויס פון היץ אין אונדזערע דינע ווייִדענע אָנצוגן.

— וואָס איז היינט בײַ אייך פאַר אַ יאָנטעוו ? — פרעג איך בײַ אַ מיידל וועלכע באַדינט אונדז בײַם טיש.

— היינט איז קיין שום יאָנטעוו, — ענטפערט זי און פאַרנייגט זיך.

— צוליב וואָס־זשע האָט איר זיך אויסגעפּוצט אין די קימאָנאָס ?

— ווייל אַזוי פּאַדערט עס אונדזער באַלעבאָס ? — ענטפערט זי און פאַרנייגט זיך ווידער. — און איר זענט פון רוסלאַנד ? האָט איר געזען גאָרקין ?

— וואָס האָט איר געלייענט פון גאָרקיס ווערק ? — פרעגן מיר.

דאָס מיידל קוקט זיך אום און ענטפערט :

— „די מוטער".

און קימאַט שעפּטשענדיק זאָגט זי :

— די ביכער ברענגט מען מיר פון אדזאקי קוני. איר קענט ניט אדזאקי קוני ? איר האָט זי ניט געזען ? אָ, דאָס איז אַ וווּנדערלעכע פרוי. זי לייענט פאַר אונדז לעקציעס איבער עסטעטיק לויט העגעל. איר מוזט זיך מיט איר באַקענען.

— ווּ האָט איר זיך געלערנט ? — פרעג איך.

דאָס מיידל פאַרנייגט זיך און ענטפערט :

— איך האָב שטודירט אין דעם פרויען־קאָלעדזש אין אָסאַקאַ, אָבער פון לעצטן קלאַס בין איך אַוועק.

דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז ווידער דערמאָנט וועגן דער פרוי מיטן נאָמען אדזאקי קוני. מיר האָבן געבעטן בײַ אונדזער איבערזעצער ער זאָל זי אויסגעפינען. ווען די אַמעריקאַנער האָבן זיך דערוווּסט וועגן אונדזער באַקאַשע, האָבן זיי געמאָלדן אַז אדזאקא קוני איז אַרויסגעפאָרן פון אָסאַקאַ אויף דריי טעג. אונדז איז אָבער געלונגען זיך צו באַגעגענען מיט אירע געהילפן אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „מייניטי". אדזאקא קוני איז אַ יונגע יאַפּאַנערן, וועלכע האָט געגרינדעט די „ליגע פון פרויען־האַרעפּאַשניצעס". די ליגע פאַרבינדט שוין צוועלף טויזנט פרויען אין אָסאַקאַ. דריי מיידלעך מאַרוסאַווא, טאַנימאַ און קוראַסאַקאַ קלערן אונדז אויף וועגן דעם לעבן און טעטיקייט פון דער נייער דעמאָקראַטישער ליגע.

— מיר באַמיען זיך אַרויסצורייסן די יאַפּאַנישע פרוי פון דער פעאָדאַלער פאַרשקלאַפונג — דערקלערט אונדז טאַנימאַ, אַ בייַנעוודיק מיידל אין ברילן. אונדז דוכט זיך אויס, אַז די ברילן טראָגט זי נאָר כּדי אויסצוזען עלטער און ערנסטער.

— איר באַמיט זיך נאָר ? — פרעגן מיר.

— יאָ — ענטפּערט זי, — און דאָס איז זייער שווער, ווייל אינ־דערעמעסן האָט זיך דאָך אַפילו ניט אָנגעהויבן די דעמאָקראַטיזירונג פון יאַפּאַן. מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג. נאָר ווער ווייסט אויב מיר וועלן זיך דערוואַרטן.

— זיינען פאַראַן שוין וועלכע עס איז ענדערונגען אין דעם לעבן פון די יאַפּאַנישע פרויען?

— קימאַט ווי ניין. אַלץ בלייבט ווי געווען. האָט איר אַן אָנונג וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס אַ יאַפּאַנישע מישפּאָכע? נאָך ביז היינטיקן טאָג נעמט ניט אַ מיידל קיין שום אָנטייל אין אויסוואַל פון איר כאָסן דער שידעך ווערט געשלאָסן אָן איר ווילן. דער פאָטער מיט דער מוטער קלייבן אויס פאַר זייער טאָכטער דעם מאַן און דאָס איז אַן אייביקער און פעסטער געזעץ. דער פעאָדאַלער לעבנס־שטייגער האָט זיך קלוימערשט אַ וואַקל געטאָן מיטן אַריינדרינגען אין יאַפּאַן פון די דעמאָקראַטישע אידעען. אָבער אויך איצט — איר קענט זיך אין דעם לייכט איבערצייגן — האָט זיך גאָרניט געענדערט.

עס איז שוין אַזוי איינגעפירט, אַז די פרוי איז דאָס רעכטלאָזסטע באַשעפעניש אין אַ יאַפּאַנישער מישפּאָכע. ווען אַ פרוי שליסט עפּעס אָן אָפּמאַך מעג דער מאַן אים באָטל מאַכן און דאָס געזעץ איז אויף זיין זייט. ווען אַ פרוי פאַרמאָגט אירע פערזענלעכע גיטער איז, נאָך דער כאַסענע, פאַרלירט זי אַלע רעכטן איבער זיי, אַלץ גייט אַריבער צו איר מאַ. מוטערס האָבן ניט קיינע רעכט איבער זייערע קינדער. זיי באַקומען דאָס רעכט נאָר דאַן, ווען דער פאָטער שטאַרבט, אָדער ווערט מעשוגע. אָבער אויך אין אַזעלכע פאַלן קען די מוטער ניט פאַרוואַלטן לויט איר ווילן מיט איר קינד, ווייל קוידעמקאָל מוז צונויפגערופן ווערן אַ ראַט פון די „נאָענטסטע קרויווים” און זייער ווילן מוז זיין פאַר דער מוטער אַ געזעץ. אַלע רעכט אויף דער יערושע האָבן נאָר די זין. אַן אומגעזעצ־לעכער זון האָט מער רעכט אויף אַ יערושע ווי אַ געזעצלעכע טאָכטער. די סיסטעם פון אַ שרעקלעכער פאַרשקלאַפונג פון דער יאַפּאַנישער פרוי, וועלכע איז אַנטשטאַנען מיט טויזנט יאָר צוריק, לויערט נאָך ביז היינט צו טאָג איבערן גורל פון דער פרוי. און דאָס אַלץ קומט פאָר אין שטעט און דערפער ווו עס דערשיינען צייטונגען, ווו עס וווינען צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער, ווו עס זיינען פאַראַן הויכשולן און ווו מען שרייבט אַזויפיל און מען רעדט אַזויפיל וועגן דער ציוויליזאַציע, וועגן קולטור און דעמאָקראַטיע.

— דערלויבט נאָר, — צעשמייכלט זיך דער לייטענאַנט ברעדלי — אין וועלכן יאָרהונדערט לעבן מיר?

די מיידלעך ווערן אַנטשוויגן. עפשער האָבן זיי גאָר ניט באַדאַרפט דערציילן וועגן דעם אַלעם אין דער אָנוועזנהייט פון די אַמעריקאַנער

אָפּיצירן? מעגלעך, אָבער, אַז אויך זיי וועלן פאַרשטיין אַז דאָס איז געווען באַ זיי אַן אָפּנהאַרציקער אויסברוך.

יאָ, דאָס לעבן פון דער יאַפּאַנישער פרוי אין דער מישפּאָכע געפינט זיך נאָך אַלץ אין פעאָדאַלן קלעם. עס וועט זיין נויטיק צו וואַרטן נאָך הונדערט יאָר ביז אַ יאַפּאַנערן וועט זיין גלייכבארעכטיקט מיטן מאַן.

— פאַרוואָס עפּעס אַזוי לאַנג? — פרעגן מיר.

— אַזוי איז שוין דער גורל פון דער יאַפּאַנישער פרוי — ענטפערט טאַנימאַ.

איצט ווערט געטאָן אַלץ קעדיי צו האַמעווען די דעמאָקראַטיזירונג פון דער פרויען־באַוועגונג אין יאַפּאַן. אַוודע איז פאַראַן אַ נייע קאָנסטיטוציע, אַ קאָדעקס, און איבערהויפּט דאָס ציווילע רעכט זעט פאָר די פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי, אָבער אינדערעמעסן איז ניטאָ קיין שום ענדערונג. ווייזט אויס, אַז מען וועט מוזן וואַרטן ביז די יאַפּאַנישע פרוי וועט זיך רעבעלירן. און איך דענק, אַז מען וועט מוזן זייער לאַנג וואַרטן.

עס איז אונדז אויפגעשוומען אין זיקאָרן די פאַבריק „קאַנעבאָ", וווּ עס עקזיסטירט נאָך איצט, פּונקט ווי מיט הונדערט, אָדער צוויי הונדערט יאָר צוריק די סיסטעם פון צוואַנג־אַרבעט. קוים פאַלט נאָר אַ מיידל אַריין אין דער פאַבריק, ווערט זי ביסלעכווייז פאַרשקלאַפט צום באַלעבאָס, ווייל אירע כויוועס שטייגן שטענדיק איבער אירע פאַרדינסטן. זי קען שוין ניט אַוועקגיין פון דאַנען, ווייל זי האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו באַצאָלן איר באַלעבאָס פאַרן געלעגער אָפן שטרוי, פאַרן רייז, פאַר דעם שטיקל פאַרפוילטן פיש און פאַרן קימאָנאָ.

טאַנימאַ טיסעקאַ פאַרטראַכט זיך און ווערט אַנטשוויגן. זי איז זיך מוידע, אַז עס וואָלט זיך איר געגלוסט דערציילן אונדז וועגן זייער אַ סאַך, אָבער זי קען ניט.

— פאַר וועמען האָט איר מוירע?

זי שווייגט און וואַרפט אַ בליק אין דער זייט, וווּ עס זיצן די אַמעריקאַנער אָפיצירן. וואָס שייעך מיר, האָב איך זיך שוין צוגעווינט זיי אינגאַנצן ניט צו באַמערקן. נאָך אַ ווײַלע פאַרטראַכטן זיך, זעצט אָבער טאַנימאַ פאָר:

— שוין פון קאַמאָ יאָרן האָט מען פאַרשפּרייט איבער דער וועלט אַ קלאַנג וועגן דער יאַפּאַנישער מיידל אין אַ קימאָנאָ, אַ זאַרגלאָזע, אַ פרייליכע, אַ גראַציעזע און אַ טאַנצנדיקע. דאָס אַלץ איז דער גרעסטער ליגן, וועלכער האָט נאָר געקענט אויסגעטראַכט ווערן אין אונדזער צייט. די יאַפּאַנישע פרוי איז אַ שקלאַף פון איר וויגעלע ביזן טויט. מיר שיינט אָפּטמאָל, אַז עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ מין קויעך, וועלכער זאָל אימשטאַנד זיין זי אַרויסצורייסן פון דער שקלאַפעריי.

מעגלעך, אַז מען וועט אייך ווייזן די גיישעס — גלויבט ניט. אין יאפּאַן זיינען שוין לאַנג ניטאָ קיין גיישעס. אַ גיישע — דאָס איז אַ מיידל, וועלכע ווערט איינגעלאַדן צום אוּונטברויט, זי זינגט און טאַנצט און פאַרווײַלט די געסט. פאַר די לעצטע יאָרן זיינען די גיישעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאַנץ געוויינלעכע גאַסן־פרויען, אָבער יענע גיישעס, וועלכע מען דאַרף פאַרשטיין אין זייער אַמאָליקן זין פון וואָרט — יענע עקזיס־טירן שוין מער ניט אין יאפּאַן. זיי געפינען זיך אַלע אין די שאַנד־הייזער.

מעגלעך, אַז מען וועט אייך ווייזן אַן אינסטיטוט, אַ באַנק, אָדער אַ טעאַטער, קעדיי איר זאָלט גלויבן, אַז די פרוי פאַרנעמט דאָרט אַן אָרט צוגלייך מיטן מאַן. גלויבט אויך ניט אין דעם. איבעראַל און אומע־טום געפינט זיך אין יאפּאַן די פרוי אין פאַרגלייך מיטן מאַן אַף אַ פיל נידעריקער שטופע. אָפּטמאָל ווייסט קיינער ניט וועגן איר טראַגישן גורל, ווייל זי באַקלאָגט זיך זייער זעלטן, און נאָך זעלטענער וועט זיך געפינען עמעצער, וואָס זאָל זיך גאָר צוהערן צו איר באַקלאָגן זיך. גלויבט מיר, אַז איך דערצייל אייך דעם ריינעם עמעס.

איך דערצייל זיי וועגן דעם לעבן פון דער סאָוועטישער פרוי, ווי מען קען זי באַגעגענען אומעטום — אין סימפאָנישע אָרקעסטערס, אין די הויכשולן, אין די אַקאַדעמיעס, אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן — אַ סאָ־וועטישע פרוי האָט אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצוווייזן אירע פעיִקייטן אַף אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט.

די מיידלעך הערן אויס דאָס אַלץ מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אויפמערקזאַמקייט און זיינען זיך מודע אַז פאַר זיי איז דאָס עפּעס אַ ווייטע, אוטאָפּישע, לעגענדאַרע וועלט.

דאָ אָבער, מישן זיך שוין אַריין אין אונדזער שמועס די אַמעריקאַ־נער, זיי בעטן אונדז ריידן אָבער אַן פּראָפּאַגאַנדע.

די מיידלעך שטעלן זיך אויף און נייגן זיך זייער לאַנג — שוין צייט זיי אַוועקצוגיין.

מיר באַגלייטן זיי ביז צו דער טיר און נייגן זיך אויך פאַר זיי. און ניט נאָר פאַר זיי, נאָר אויך פאַר דעם צוקונפטיקן יאפּאַן, וועלכן זיי שטעלן מיט זיך פאָר.

## — 15 —

דאָס זיינען געווען טעג, ווען מיר האָבן געלעבט, זיך באַוועגט, גע־קוקט, און זיך באַגעגנט מיט מענטשן לויט אונדזער פאַרלאַנג, ניט רע־כענענדיק זיך מיט קיינעמס פאַרבאָטן. און עס ווייזט זיך אונדז אויס, אַז מיר האָבן זיך שוין דערנענטערט צו אונדזער ציל: עס האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַר אונדז די הייַנטיקע יאפּאַן, אָבער נאָך מער האָבן זיך אַנט־בלויזט פאַר אונדז די אַמעריקאַנער אין יאפּאַן.

מיר האָבן קאַטעגאָריש דערקלערט די אַמעריקאַנער, אַז דער וויל־דער „אָף לימיטס"־געזעץ האָט מיט אונדז גאָרניט וואָס צו טאָן. מיר זיינען זשורנאַליסטן און מוזן זען אַלץ. און דעם זעלבן טאָג זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען אין אַ יאַפּאַנישן טעאַטער. דאָך האָבן די צוויי אַמערי־קאַנער לייטענאַנטן אונדז פאַרלאָפן דעם וועג. באַם טעאַטער־אַריינגאַנג האָט שוין אונדז אָפּגעוואַרט אַ „דזשיפּ" פון דער „עמפּי". אַ סאָלדאַט פון דער אַמעריקאַנער מיליטער־פּאָליציי האָט אונדז דורכגעלאָזט אין טעאַטער, אָבער ער שרייט שוין ניט „אָף לימיטס". איצט שטעקט נאָר אַרויס אַ ווייסער העלם מיט אַ שוואַרצער אויפשריפט „עמפּי" אין דורכ־גאַנג פון טעאַטער, לעבן די פּלעצער וווּ מיר זיצן.

דאָס איז אַ טעאַטער פאַר יאַפּאַנער, אָבער אויף דער בינע איז ניטאָ אַפילו קיין שפּור פון יאַפּאַנישער קונסט: ס'איז אַ פּאַשעטער אַמערי־קאַנער רעווי־טעאַטער, יאַפּאַנישע זינגערנס, אַנגעטוענע אין אייראָפּעיִשע קליידער זינגען אַמעריקאַנישע לידלעך אין דער יאַפּאַנישער שפּראַך. יאַ־פּאַנישע טענצערנס אין גאָר קורצע קליידלעך טאַנצן, און דערצו נאָך גאַנץ אומגעלומפּערט, פאָקסטראָטן און טאַנגאָס. און צווישן דעם געזאַנג און טענץ ווערט פאַר אונדז געגעבן אַ סקעטש אין דער יאַפּאַנישער שפּראַך, אָבער די פּערסאָנאַזשן זיינען ווידער אָדער אַמעריקאַנער, אָדער ענגלענדער. צום שלוס ווערט באַוויזן אַן אַמעריקאַנער פילם פון דעם לעבן פון די קאָוובויס אָדער גענגסטערס. אַזאַ מין פאָרשטעלונג דויערט צוויי מיט אַ האַלבער שעה. אין לויף פון דער פאָרשטעלונג ווערט דער־לויבט אַריינגיין און אַרויסגיין פון זאַל.

מיר גייען אַרויס פון דאָרט מיט אַ מאָדנעם געפיל, עס באַקומט זיך אַן איינדרוק אַז יאַפּאַן באַמיט זיך מיט אַלע אירע קויכעס פאַרטרייבן פון זיך די עכט יאַפּאַנישע קונסט. עס האָט זיך אונדז אויסגעדוכט אַפי־לו, אַז מיר זיינען נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען פון אַ געוויינלעכן אַמערי־קאַנער רעווי־טעאַטער. אונדז קערט אום צו דערווירקלעכקייט נאָר דאָס, וואָס אונדז רינגלען אַרום יאַפּאַנישע פּנעמער, עטוואָס פאַרכידעשטע און אינגאַנצן גלייכגילטיקע צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע.

נאָך דער פאָרשטעלונג גייען מיר אַריין צום טעאַטער־דירעקטאָר, דאַנקען אים און פרעגן באַ אים:

— פאַרוואָס האָט איר פאַריאָגט פון אייער טעאַטער די יאַפּאַנישע קונסט? מיר האָבן באַ אייך געהערט שלעכטע אַמעריקאַנישע לידלעך און געזען שלעכטע אַמעריקאַנישע טענץ.

— וואָס זאָל מען טאָן? — ענטפערט ער — אַזאַ צייט איז היינט. איר וואָלט באַדאַרפט בעסער באַזוכן דעם טעאַטער קאַבוקי — דאָס איז אַ קלאַסישער יאַפּאַנישער טעאַטער. די עכטע יאַפּאַנישע קונסט איז פאַר־בליבן נאָר דאָרט.

און מיר זיינען געקומען צום טעאטער קאבוקי.

באם אריינגאנג א גרויסער האמוין. מיט גרויס מי דערשלאגן מיר זיך אין זאל אריין. מען זעצט אונדז אוועק אף די פרייע פלעצער. אין זאל הערשט א שרעקלעכע דושנעקייט אבער קיינער לייגט ניט קיין אכט אף דער היץ. אין טעאטער קאבוקי גייען מענטשן ווי צו א יאנטעוו. מיר באמיען זיך צו זיין הונדערט־פראצענטיק אויפמערקזאם. אלץ איז דא ניי פאר אונדז — די מענטשן, וואס זיצן אין זאל; די שטארקע העלע באַ־לויכטונג, וואס ווערט ניט אויסגעלאשן אפילע בעיים דער פארשטעלונג, און דער אלטער ארנאמענט אפן פארהאנג, וועלכער גרייט צו דעם צו־שויער צו יענער טראגישער געשיכטע, וועלכע וועט זיך באלד אפשפילן אף דער בינע.

דער פארהאנג הייבט זיך אויף בא א קלאפעריי פון פויקן. דער אינהאלט פון דער טראגעדיע איז גענומען געווארן פון דער יאפאנישער אוראלטער געשיכטע. די שוישפילער גייען ארויס אף דער בינע איבער צוויי שמאלע בריקלעך־סטעזשקעס, וועלכע שניידן דורך דעם גאנצן צו־שויער־זאל. אין דער געשיכטע פון טעאטער־קונסט זיינען די בריקלעך באקאנט אונטערן נאמען — כאנאמיטי, וואס באדייט „דער בלומען־וועג״.

אזא מין הילצערן בריקל, וועלכער קרייצט דורך דעם זאל און שפארט זיך אן פערפענדיקולאר אין דער בינע, איז איינגעפירט גע־ווארן צום ערשטן מאל אין דעם קליינעם טעאטער „קאווראסאקידזא״. דאס בריקל איז געווען באשטימט, אז אף אים זאלן אויסגעלייגט ווערן די אלע מאטאנעס, וואס ווערן געשאנקען פאר די שוישפילער, און פון דעמאלט אן איז „כאנאמיטי״ געווארן אן אומפארמיידלעכע און אומ־באדינגטע טייל פון דער בינע.

אלע ארטיסטן, געקליידט אין שווארצע קימאנאס, גייען ארויס אף דעם בריקל, זיי פארנייגן זיך פארן אוילעם און הייבן אן זייער טאנץ. די בינע פארמאגט ניט קיין שום דעקאראציעס, בלויז געוויינלעכע טא־טאמי־טעפיכלעך. זייערע מאנלאגן זאגן די ארטיסטן ערגעץ ווו אינ־מיטן אזל, שטייענדיק אפן „כאנאמיטי״. זיי ריידן האלב־זינגענדיק מיט ניט קיין נאטירלעכע שטימעס, וועלכע זיינען ענלעך אף שטימעס פון בויך־ריידער. דער טעאטער קאבוקי גיט אונדז די מעגלעכקייט אריינ־צודרינגען אין דער אינערלעכער וועלט פון דעם שוישפילער, אין זיינע מאכשאוועס, אין זיינע איבערלעבונגען און אויב דער רעזשיסער געפינט אויס, אז די שפיל איז ניט אימשטאנד איבערצוגעבן דאס אלץ וואס עס פילט און עס דארף פילן דער העלד, דאן פירט ער אריין אין דער פאר־שטעלונג א כאר מיט אן ארקעסטער. דער ארקעסטער באשטייט פון סיאמיסאנע — א מין אוראלטער יאפאנישער מוזיק־אינסטרומענט. דער כאר זינגט אויך מיט שטימען פון בויך־ריידער. דער כאר דערציילט אין

געזאַנג פאַרן צושויער דאָס אַלץ וואָס עס טראַכט און לעבט איבער אין דעם מאָמענט דער אַרטיסט, אָדער בעסער געזאָגט דער העלד פון דער טראַגעדיע. פרויען־ראָלן ווערן געשפּילט נאָר פון מענער. מיר גייען אַרי־בער הינטער די קוליסן קעדיי צו זען, ווי עס טוען זיך אָן און גרימירן זיך די גרעסטע יאַפּאַנישע שוישפּילער, ווי עלטערע מענער ווערן פאַר־וואַנדלט אין יונגיטשקע גיישעס.

מיך באַגלייט דער טעאַטער־רעזשיסער. פאַרן אַריינגיין אין קאַמע־רין האָט ער אַהין אַריינגעקוקט, קעדיי זיך איבערצוצייגן, אַז מען וועט דאָרט ניט שטערן און דאַן האָט ער אויסגעטאָן זיינע שיך און איז אַריין. פאַר אַ גרויסן שפּיגל ליגט אַ קישן, אויף וועלכן עס זיצט מיט די פיס אונטער זיך דער שוישפּילער, באַ זיין זייט שטייט אַ טישל מיט שרייב־געצייג און אַ צווייט טישל מיט גרים.

די שוישפּילער גרימירן זיך דאָרט אַזוי, אַז זייערע פּענעמער ווערן ענלעך צו מאַסקעס. וואַרשיינלעך, אַז אַזאַ מין אַרט פון גרימירן איז געקומען אַהער אין קאַבוקי־טעאַטער פון דעם מאַסקן־טעאַטער „נאָ".

אין דעם טעאַטער „קאַבוקי" איז די קונסט פון גרים דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער שטופע, און דאָ, מער ווי אין אַן אַנדער פּלאַץ, פירט די גרים־מאַסקע אַריין דעם צושויער אין אַ וועלט פון רעלאַטיווי־טעט. לויטן גרים, לויט זיינע קאָלירן און פאָרמען, אַפילע לויט באַזונ־דערע קליינע שטריכן קען דער צושויער דערקענען דעם כאַראַקטער פון דעם העלד: זיינע נייגונגען און אַפילע דעם פּלאַץ וואָס ער פאַרנעמט אין דער טעאַטער־שפּיל.

דער שוישפּילער טוט זיך אַליין ניט אָן. ער שטייט אינגאַנצן אומ־באַוועגלעך און זעקס דינער טוען אָן אויף אים די היסטאָרישע געטאַ — אַ מין הילצערנע שוכוואַרג, טוען אים אָן אַ קימאָנאָ, פאַרבינדן מיט אַ הערלעכער אָבי, שמירן אָן אויף זיין פּאָנעם אַ געדיכטן פלאַסט פון שמינק, אויף זיין ליסן קאָפּ טוט מען אָן אַ פּרעכטיקן פּאַרוק — אַן אַלט־מאָדישע פרויען־פריזור; דער שוישפּילער שטרעקט אוים זיינע הענט און צוויי דינער באַדעקן זיי מיט שמינק און זיינע לאַנגע אָדערדיקע זקייני־שע פינגער פאַרוואַנדלען זיך ביסלעכווייז אין שניי־ווייסע הענט פון אַ יונג מיידל. אין אַ ווינקל פון קאַמאַרין זיצט דעם שוישפּילערס פרוי, זי העלפט אויך אים אָנצוטאָן זיך, אָבער מערסטנטייל גיט זי בלויז אַכ־טונג אויף דעם אַז דער מינדעסטער דעטאַל פון זיין גאַרדעראָב זאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

אויף דער בינע שפּילט דער שוישפּילער אַ ראָל פון אַ יונגער שיינ־הייט, אַ טאָכטער פון אַ פירשט, וועלכער איז אומגעקומען אין אַ מיל־כאָמע. אַ פעאָדאַל, מיט וועמען דער פירשט האָט געקעמפט, און פון וועמענס האַנט ער איז אומגעקומען, וויל כאַסענע האָב מיט דעם מיידל.

דער מיידלס מוטער, אַן אַלטע פירשטן איז ניט מאַסקים אָפּן שידעך פון איר טאָכטער מיט איר מאַנס מערדער. די טאָכטער אָבער האָט ליב דעם פּעאַדאַל און די ליבע איבערצייגט דער מוטער. זי שטעלט זיך אָף די קני פאַרן פּעאַדאַל און ווערט פאַרגליווערט אין דער פּאָזע אָף גאַנצע צען מינוט. און ווי עס איז באַוווּסט, איז אין אַ טעאַטער צען מינוט — אַ גאַנצע אייביקייט.

אין מעשעך פון די צען מינוט העלפט צו דער אָרקעסטער מיטן כאָר אונדז צו „באַגרייפן" דורך וועלכע קאָמפּליצירטע וועגן די אַלטע שטאָלצע פרוי איז דערגאַנגען ביז צו אַזאַ פיינלעכער פאַר איר אונטער־טעניקייט. איך דערמאָן ווידער — אַז דער כאָר זינגט אַזוי, ווי מען זינגט מיט עפּעס גאָר אומנאַטירלעכע שטימען. אָבער דער גאַנצער צושויער־זאַל איז פאַרכאַפּט פון דער טראַגעדיע וועלכע ווערט אָפּגעשפּילט אָף דער בינע. מענטשן וויינען, אונטערן איינדרוק פון דער טאַלענטירטער שפּיל פון די אַרטיסטן, באַ וועלכע אַלץ — די זשעסטן, מימיק און די באַוועגונגען זיינען אויסגערעכנט און מאַטעמאַטיש אָנגעצייכנט.

און די צען מינוט זעען אונדז גאָר ניט אויס אַזוי לאַנג.

דערנאָך שטייט אויף די אַלטע מוטער און אָף דער בינע באַווייזן זיך צוויי דינער אין שוואַרצע קימאָנאָס, זיי פאַריכטן אָף איר דאָס קלייד, נעמען צו די קישעלעך אָף וועלכע זי האָט געקניט, זיי טראָגן אַריבער די קישעלעך אָף אַ פּלאַץ, נעענטער צום פּעאַדאַל, זיי רוקן איבער אַ זייטן־טייל פון דער בינע און פאַרוואַנדלען אַ צימער אין אַ גאָרטן, און דאָס אַלץ ווערט דורכגעפירט פאַר די אויגן פון דעם צושויער, וועלכער איז שוין צוגעוווינט צו דעם — ער ווייסט אַז די צוויי דינער דאַרף מען ניט זען און ניט באַמערקן. ווען איך האָב געשטעלט אַ פראַגע מיינעם אַ שאָכן וועגן די צוויי, ווער זיי זיינען, האָב איך באַקומען אַן ענטפער:

— מען דאַרף אָף זיי ניט לייגן קיין אַכט. זיי זיינען ניטאָ אָף דער בינע.

דער צושויער איז גאַנץ ערנסט איבערצייגט אין דעם, אַז זיי גע־פינען זיך ניט אָף דער בינע, האָגאָם צו די צוויי קומען צו נאָך דריי, אויך אין שוואַרצע קימאָנאָס און מאַסקעס. זיי העלפן צו פאַרוואַנדלען דעם צימער אין אַ גאָרטן. אָף אַזאַ מין אויפן זיינען אונדז באַוויזן געוואָרן די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון די טעאַטראַלע רעלאַטי־וויטעטן. אָט די אַרטיסטן, וועלכע הייסן „רויע וועלוי נירע", טראָגן טאַ־קע צוליב דעם שוואַרצע מאַסקעס, מען זאָל ניט זען זייערע פּענעמער. דער אוילעם טאָר ניט זען ווי זיי פאַריכטן דעם העלדס קליידער, ווי זיי גיבן אים אַ ביסל וואַסער, ווען ער פאַרהוסט זיך, אָדער ווי זיי שטעלן איבער די דעקאָראַציעס. מען דאַרף זיי ניט זען — אָבער דאָך קען איך ניט זיי ניט באַמערקן און איך זע ווי זייערע הענט פאַרוואַנדלען אַ שטאָט

אין אַ יאַם־ברעג און בערג־הייל, ווי זיי טוען איבער די אַרטיסטן. איך פֿאָלג נאָך די גאַנצע צייט די מענטשן אין די שוואַרצע מאַסקעס. אָבער אַלע איבעריקע צושויער אין זאַל, וועלכע רינגלען מיך אַרום זעען זיי טאַקע בעעמעס ניט. זיי זיינען שוין צו דעם צוגעוווינט און פֿאַר זיי זיינען זיי טאַקע בעעמעס „רויע וועלוי נירע”...

די פֿאָרשטעלונג אין דעם טעאַטער „קאַבוקי” האָט זיך אין יענער נאַכט פֿאַרענדיקט מיט אַ קורצן איינאַקטער, געווידמעט דער געשיכטע פֿון אַ סקולפּטאָר, וועלכער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ גיישע און האָט באַשאַפֿן איר סקולפּטור פֿון האָלץ. מיט זיין ליבע האָט דער סקולפּטאָר אַריינגעהויכט לעבן אין דער הילצערנער טויטער ליאַלקע און זי האָט אויפֿגעלעבט.

מיר זעען אַף דער בינע דעם שוישפּילער פֿולשטענדיק אומבאַוועגלעך. דערווייל איז דאָס נאָר אַ סקולפּטור פֿון האָלץ. איר טויטע אומבאַוועגלעכקייט פֿאַרכאַפּט אונדז. מיר ווערן פֿאַשעט איבעראַשט פֿון זיין אומגעהויערן קויעך זיך צו באַהערשן. ביסלעכווייז לעבט אויף דער אַקטיאָר און אונטער די קלאַנגע פֿון סיאַמיסיאַנע הייבט ער אָן צו טאַנצן אַן אַלטן יאַפּאַנישן טאַנץ וועלכן מען האָט אינגאַנצן גענומען פֿון דעם מיטלאַלטערלעכן טעאַטער „נאָ”. דער טאַנץ שיינט אונדז צו זיין זייער נאַיִוו און אַפּילע אומגעלומפּערט, אָבער עס פֿאָדערט זיך צו אים אַן אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונג — דער גאַנצער טאַנץ איז געבויט אַף ווינקלדיקע, זייער קאַרגע זשעסטן, באַוועגונגען פֿון קאָפּ און נייגונגען פֿונעם קערפּער.

דער סקולפּטאָר גיט איבער דעם שוישפּילער, וועלכער פֿירט אויס די ראָל פֿון דער גיישע, אַ שפּיגל — לויט די יאַפּאַנישע באַגריפֿן, סימבאָליזירט אַ שפּיגל די פֿרויען־נעשאָמע. פֿאַר אונדזערע אויגן ווערט די אומבאַוועגלעכע סקולפּטור קאָקעטיש, שעלמיש און צערטלעך. דער שוישפּילער פֿירט דעם טויזנטקעפּיקן צושויער־אוילעם דורך די אַלע קאָמפּליצירטע וועגן פֿון זיין קונסט און אַלע, באַגייסטערטע, שרייען און אַפּלאָדירן אים. אויך מיר קענען ניט בלייבן פּאַסיוו און שליסן זיך אָן צו זיי.

מיר פֿאַרלאָזן דעם טעאַטער „קאַבוקי” איבעראַשט פֿון זיין קונסט. דער לייטענאַנט ברעדלי איז זיך מוידע:

— מיט גרויס מי בין איך אויסגעזעסן ביז צום סאָף. עס איז עפּעס אַ ווילדע פֿאַנטאַזיע — אַלטע מענער זאָלן פֿאַרקערפּערן יונגע מיידלעך.

נאָר איך טרייסט זיך אַז די דזשיטו־אָפֿיצירן קען מען אויך ניט באַמערקן אַפֿן זעלבן שטייגער ווי די טעאַטער־באַזוכער באַמערקן ניט די „רויע וועלוי נירע”, וועלכע זיינען אַן אומאָפּטיילבאַרער טייל פֿון דעם קלאַסישן יאַפּאַנישן טעאַטער.

באַם אַרויסגיין פֿון טעאַטער וואַרט אונדז אָפּ אַ זעלנער פֿון דער

עמפּי. אין זיין „דזשיפּ" איז איינגעאָרדנט אַ ראַדיאָ־סטאַנציע און ווען ער דערזעט אונדז, מעלדעט ער עמעצן: „אַלץ אין אָרדענונג, זיי פֿאָרן אַרויס אין האָטעל".

דער מיקראָפֿאָן איז באַפֿעסטיקט באַם רול פֿון דעם אויטאָמאָביל און דער זעלנער מעלדעט וועגן אונדזער „בעשאַלעמדיקן אַרויסגיין פֿון דעם טעאַטער" מיט אַ פֿאַרשלאָפֿענער און פֿוילער שטימע. ער איז שטאַרק ברויגעז: צוליב וואָס איז ער געצוווּנגען געווען זיך מאַטערן אונטער די ברענענדיקע זונען־שטראַלן אין אַזאַ מין געגנעמדיקער היץ. ער וואָלט צופֿרידענער געווען, ווען מיר וואָלטן בעסער געפֿאָרן זיך באָדן. און ער איז זיך מודה אָפֿנהאַרציק אין דעם.

מער אָבער קענען מיר שוין ניט פֿאַרבלייבן אין אָסאַקאַ, ווייזט אויס אַז אונדזערע פֿרייהייטן האָבן אַרויסגערופֿן עמעצנס אַ גרימצאָרן. דער לייטענאַנט סקובי בעט אונדז אַרויסצופֿאָרן קיין קיאָטאָ. דאָרט וואַרט מען אַף אונדז. ווער? צוליב וואָס? דאָס ווייסט ער ניט. דער לייטע־נאַנט סקובי ווייסט נאָר איין זאַך, אַז ער מוז אונדז צושטעלן אין קיאָ־טאָ אין דריי דזשיפּן ביז זעקס אַזייגער אין אָוונט. אַ מינוט ניט שפּע־טער. ער איז אַ מיליטערמאַן און טאָר ניט פֿאַרשפּעטיקן. דער לייטע־נאַנט ברעדלי שטיצט אים אונטער. אָבער דאָך איז ער מסכּים זיך צו פֿאַרהאַלטן אַף איין האַלבער שעה, ווייל...

— ווי קען מען דאָס פֿאָרן אָפּפֿאָרן ניט אויסטרינקען אַ ביסל קאַלט ביר? — פֿרעגט ער אונדז...



מיר קערן זיך אום קיין קיאָטאָ. דאָרט באַגעגנט אונדז דער שוין אונדז באַקאַנטער לייטענאַנט לאַורי. ער איז זייער אויפֿמערקזאַם צו אונדז און העפֿלעך; ער זאָגט אונדז צו צו באַווייזן אַלץ, וואָס מיר וועלן נאָר וועלן. מיר בעטן אים אונדז דערלויבן זיך צו פֿאַרהאַלטן אין קיאָטאָ אַף בלויז צוויי טעג. לאַורי פֿאַרלירט זיך. וועגן דעם מוז ער מעלדן אין מאַק־אַרטורס שטאַב. שפּעטער אָבער קומט ער און דער־קלערט אונדז, אַז מיר מעגן פֿאַרבלייבן אין קיאָטאָ און אַפֿילע באַזוכן די אוראַלטע יאַפּאַנישע שטאָט נאַראַ, וועלכע געפֿינט זיך פֿינף און פֿערציק מייל פֿון קיאָטאָ.

נאָר קוידעמקאָל אינטערעסירן אונדז די זייד־פֿאַבריקן „אַרימאַנאַ", וועלכע זיינען באַקאַנט ווי די עלטסטע אין יאַפּאַן. מיר ווילן אויך וויסן אויב אַלע זייערע שטאָפֿן ווערן אויך אָפּגעגעבן פֿאַר די אַמעריקאַנער.

דער פֿאַבריק־דירעקטאָר ווייזט אונדז דעם גאַנצן טעכנאָלאָגישן פּראָצעס פֿון דער אויסאַרבעטונג — אָנהייבנדיק פֿון דעם פֿונאַנדערוויק־

לען די זייד־רויפּן ביז צום איינפּאַקן די שוין אויסגעאַרבעטע שטאָפן אין פּעק, און זיי אָפּשיקן קיין אַמעריקע. ער פירט אונדז אַריין אין אַ ריזיקן צעך מיט מאָדערנע מאַשינען, ווו עס ווערט אויסגעאַרבעט דער פאַן־סאַמעט, דאָס שטאָלץ פון דער פאַבריק.

דעם סאַמעט שיקט מען אויך אָפּ קיין אַמעריקע.

— אין אַזאַ מין צושטאַנד געפינט זיך די גאַנצע זייד־אינדוסטריע? — פרעג איך אים.

דער דירעקטאָר פאַרנייגט זיין קאָפּ.

— יאָ, זיכער. די זייד־רויפּן באַקומען מיר דאָך פון די אַמעריקאַנער, אָבער זיי זיינען דאָך יאַפּאַנישע. אַוואַדע, אָבער איצט איז דאָך ניט פאַראַן קיין שום זאַך וואָס זאָל זיין יאַפּאַניש. די אַלע יאַפּאַנישע רויפּן געהערן דאָך צו די אַמעריקאַנער. דערנאָך ווערן אונדז געוויזן מוסטערן פון די אַלע אויסאַרבעטונגען פון דער פאַבריק פאַר די לעצטע אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר. און מיר פאַרלאָזן די אַמעריקאַנישע זייד־פאַבריק אין יאַפּאַן. באַם טויער שטייען און וואַרטן יאַפּאַנישע מיידלעך און קינדער, אָפּגעריסענע און הונגעריקע. זיי האָפן, אַז מען וועט זיי צונעמען צו דער אַרבעט. זיי זיינען גרייט אונטערצושרייבן יעדן אָפּמאַך — אויף צען יאָר, אויפן גאַנצן לעבן, אַבי מען זאָל זיי נאָר צולאָזן צו די וועב־שטולן אין באַראַק, זיי וועלן דאָרט פאַר אַ שיסעלע גראָז־זופּ שאַפן פאַר די אַמעריקאַנער לעידיס אויסערגעוויינלעכע, לויט זייערע קאָלירן און צייכענונגען — זיידענע שטאָפן.

— נו, אָט האָבן מיר אייך שוין אַלץ באַוויזן, — באַמערקן די אַמעריקאַנער, — וואָס־זשע טויג אייך נאָך צו פאַרבלייבן אין קיאָטאָ?

— ניין, נאָך ניט אַלץ, איצט וואָלטן מיר געוואָלט זיך אומקערן צו די טעמפּלען.

— איר פלעגט דאָך זיי אויסמיידן? — וווּנדערט זיך דער לייטענאַנט סקובי.

— יאָ, אונדז אינטערעסירן אָבער ניט נאָר די טעמפּלען, נאָר הויפּטזעכלעך סינטאָ. דאָס איז דאָך דער נאַציאָנאַלער יאַפּאַנישער קולט! ניט אַזוי?

— נו, מיילע, אויב סינטאָ — זאָל זיין סינטאָ, ווי איר ווילט, — איז מסכים דער אַמעריקאַנער.

אין דעם בוך „די יאַפּאַנישע געפאַר" האָט זיין מעכאַבער אַ'קאָנראַי געשריבן, אַז סינטאָ — איז גיכער אַ קולט, איידער אַ רעליגיע, ס'איז גיכער אַ באַוווּסטזיין און אַ פאָרשטעלונג וועגן דערווירקלעכקייט, איידער אַ גלויבן".

„אויב סינטאָאיזם וואָלט דערפירט געוואָרן צום ניוואָ פון אַ רעליגיע, וואָלט ער פאַרנומען דאָס אָרט ווי דער בודיזם און קריסטנטום.

עס וואָלט דאָן געוואָרן איינע פון די דריי רעליגיעס פון יאפּאַן און וואָלט אינגאַנצן פאַרלוירן זיין פּרעסטיזש. סינטאָ איז יאפּאַן, און יאַפּאַן איז סינטאָ. דער הויפּט פון סינטאָ איז אַ לעבעדיקע געטלעכקייט, זיין קויהען־גאָדל איז אַ דירעקטער בלוטיקער יורש פון דער געטין פון דער זון, פאַרקערפּערט אין אימפּעראַטאָר".

קאַטאָ גענטשי — דער מעכאַבער פון דעם „לימוד וועגן סינטאָ", באַשרייבט דעם קולט ווי „אַן אייגנאַרטיקן רעליגיעזן פּאַטריאָטיזם פון דעם יאפּאַנישן פאָלק, וואָס באַשטייט אין ליוב פאַר זיין אימפּעראַטאָר, וועלכער איז דער מיטלפּונקט פון דער לערע פון גלויבן", ס'איז אַן אייגנאַרטיקע יאפּאַנישע פילאָזאָפיע, ס'איז אַ מעכטיקע פּאָליטישע מאַשין, וועלכע איז באַרופן צו דינען דעם לאַנד, אַף צו באַשיצן אַלע אירע עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס". קאַקעבי קאַטסוכיקאָ, אַ צווייטער גרויסער סינטאָ־קענער, שטעלט פעסט, אַז „אַזוי לאַנג ווי עס לעבט סינטאָ, וועט אויך עקזיסטירן יאפּאַן. שטאַרבט אָפּ סינטאָ — קומט אויך אום יאפּאַן. דער סינטאָיזם קען עקזיסטירן נאָר אין יאפּאַן, דאָס איז אַ קולט פון דעם יאַמאַטאָ־שייוועט און יאַמאַטאָ־לאַנד, — סינטאָיזם איז דער סינאָנים פון יאפּאַן".

דעריבער איז סינטאָ געווען דער וואָרצל פון די וואָרצלען פון אַלע פאַשיסטישע און אולטראַנאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס אין יאפּאַן. און איצט ? לאָמיר טאַקע אַריינטרעטן אין דעם סינטאָ־טעמפּל „יאַטקוני־דזינדזיאַ".

אַ קליינוווּקסיקער דאַרער פּריסטער — טאַקאַכאַראַ יאַסיטאַדאַ האָט אונדז אויפגענומען ביים אַריינגאַנג אין טעמפּל. אַלס צייכן פון זיין אַכטונג צו אונדז האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני און אונדז איינגעלאַדן צו זיך אין וווינונג. פאַרן אַריינגיין אָבער, האָבן מיר געמוזט אויסטאָן אונדזערע שיך און אָנטאָן ווייכע פילצענע פאַנטאָפל. אין דעם פּריסטערס וווינונג האָט מיך אויך איבעראַשט די פולשטענדיקע אָפּוועזנהייט פון וועלכע עס איז זאַכן. דאָס איז גיכער געווען ניט קיין וווינונגס־צימער, נאָר פּאָשעט אַ גרויסער סאַלאָן, די פּאָלן באַדעקט מיט שניי־ווייסע ווייכע טעפּיכער. אין אַ ווייטן ווינקל ליגן צעוואָרפן קליינע קישעלעך, וועלכע פאַרבייטן בענקלעך.

טאַקאַכאַראַ יאָסיטאַדאַ האָט אונדז פאַרבעטן אין יענעם ווינקל און פאָרגעשלאָגן זיך אויסצוזעצן. ס'איז אונדז אויסגעקומען זיך אַראָפּצולאָזן אַף די קישעלעך, אונטערבייגנדיק אונטער זיך די פיס. אין אַזאַ מין פּאָזע זיינען מיר אָפּגעזעסן מיט אים ביז צו דער שפּעטער אָוונטצייט, נאָר אונדזער געשפּרעך איז געווען אַזאַ לעבהאַפטער, אַז קיינער פון אונדז האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי עס איז פאַרבייגעלאָפן דער טאָג. פון צייט צו צייט פלעגט זיך דערנענטערן צו אונדז אַ נאָזיר אין ווייסן

געקליידעט און פלעגט אונדז מעכאַבעד זיין מיט גרינעם טיי, אָדער מיט קוואַדראַטנע שטיקלעך מאַרמעלאַד. וועלכער ווערט אויסגעאַרבעט טאַקע דאָ אין טעמפּל.

בעיים־מיַיסע פלעגט דער פּריסטער, — וועלכער איז איינער פון די אידעאָלאָגישע פירער פון סינטאָאיזם אין טאָקיאָ, און מעגלעך אַז פון גאַנץ יאַפּאַן, — אַנטשווייגן ווערן און פלעגט אַכטונג געבן אַף יעדער באַוועגונג פון דעם מאַנאַך, מאַכנדיק אים באַמערקונגען און קאָרעגירנ־דיק זיינע באַוועגונגען, קעדיי עס זאָלן דורכגעפירט ווערן מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט און אַלע דעטאַלן די נויטיקע פאַרנייגונגען, באַוועגונגען פון די הענט, קאָפּ אאַז״וו. דאָס הייסט, דעם גאַנצן ריטואַל פון דער טיי־צערעמאָניע, וועלכער ער האָט ווי עס ווייזט אויס געהאַלטן פון גרויס וויכטיקייט.

דער אַמעריקאַנער לייטענאַנט ברעדלי האָט גלייך פון די ערשטע מינוטן אָן געמאָלדן, אַז ער האָט גאָרניט בעדייע צו זיצן אַף די קני. גלייך אָבער איז ער געפאַלן אַף אַן אַמצאָע, אַז אַ קישעלע איז דאָך באַשאַפן געוואָרן מען זאָל אַף איר אָוועקלייגן דעם קאָפּ, און ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג הינטערן פּריסטער און איז גלייך איינגעשלאָפן.

און דאָס איז געווען גוט. מיר האָבן זיך באַמיט צו פירן אונדזער שמועס אין האַלבע טענער קעדיי ניט צו שטערן דעם שלאָף פון דעם אַמעריקאַנער אָפיציר. דערצו האָט אויך דער פּריסטער געהאַט די מעג־לעכקייט אַרויסצוברענגען זיינע געדאַנקען מער אָפנהאַרציק, אַזוי האָט יעדנפאַלס, דערקלערט אונדזער איבערזעצער ניסידזאַוואַ.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אַף די קישעלעך און האָבן געבעטן דעם פּריסטער, ער זאָל אונדז דערציילן וועגן דעם אוראַלטן סינטאָאיסטישן טעמפּל פון יאַפּאַן. טאַקאַכאַראַ יאַסיטאַדאַ האָט קוידעמקאָל אונטערגע־שטראָכן, אַז ער איז ניט דער הויפּט פון דעם יאַפּאַנישן סינטאָאיזם. מיט אַלע סינטאָאיסטישע טעמפּלען פאַרוואַלטעט אַ הויפּט־באַראָן און זיין פּרעזידענט איז דער פירשט טאַקאַצוקאַסאַ, און ער, טאַקאַכאַראַ יאַסי־טאַדאַ איז בלויז זיין געהילף. דער פּריסטער האָט אונדז דערלאַנגט שוין אַ צוגעגרייטע — אָפּגעדרוקטע אין דער ענגלישער שפּראַך — געשיכטע פון דעם טעמפּל „יאַסאַקוני־דזינדזיאַ". דאָ ברענג איך דעם אַזוי גערו־פענעם אָפיציעלן רעליגיעזן מעמאָראַנדום קימאַט בוכשטעבלעך.

„יאַסאַקוני־דזינדזיאַ — וועלכער איז אין יאַפּאַן מער באַקאַנט אונ־טערן נאָמען גיאָן־סאַן, — איז געווען געהייליקט נאָך אין די אוראַלטע צייטן. דער טעמפּל איז געגרינדעט געוואָרן נאָך איידער דער גרינדונג פון דער שטאָט קיאָטאָ, וועלכע עקזיסטירט שוין אויך מער ווי טויזנט יאָר. אין דער היינטיקער צייט איז גיאָן־סאַן דער צענטער פון פאַרערונג פון די

מיזרעכדיקע פריידיקער און מאַנאַכן, אָבער כוץ זיי קומען אהער נאָך א סאַך טויזנטער אוילע־רעגלניקעס פון אַלע יאַפּאַנישע אינדזלען. אין דעם טעמפּל ווערט פאַרגעטערט דער עלטסטער פון אַלע געטער — דער גאָט „סוסאַנאָ־נאָ־מיקאָטאָ" — ער הערשט איבער דער ערד און די שטערן. ער איז דער אינגסטער ברודער פון „אמאטעראַסו אמיקאַמי" — די געטין פון דער זון, וועלכע איז די שטאַם־מוטער פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק. יעדן יאַפּאַנער איז גוט באַקאַנט די לעגענדע וועגן דעם ווי אַזוי סוסאַנאָ־נאָ־מיקאָטאָ האָט דערהארגעט א ריזיקן שלאַנג און געראַטעוועט דערמיט דאָס לעבן פון אַ יונגער פּויערטע. פאַר זיין העלדישקייט איז ער שטאַרק פאַרגעטערט צווישן די פּויערים. ער ווערט געשעצט אויך אַלס געטלעכער דיכטער, ווייל ער האָט דער ערשטער געבראַכט קיין יאַ־פּאַן לידער, וועלכע זיינען איבערפולט מיט אַ רייצנדיקן אַראָמאַט. דער גאָט איז אויך באַקאַנט ווי אַ רויפע, ווייל ער האָט געראַטעוועט די שטאָט קיאָטאָ פון אַ שרעקלעכער עפּידעמיע.

„עס איז באַקאַנט אַ לעגענדע וועגן דעם, ווי סוסאַנאָ־נאָ־מיקאָטאָ האָט אַמאָל געוואַנדערט איבער דאָרעם פון יאַפּאַן און איז אריין אין אַ הויז, קעדיי דאָרט איבערצונעכטיקן. דער באַלעבאָס פון הויז איז גע־ווען זייער רייך, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אריינצולאָזן צו זיך דעם וואַנדערער. זיין אינגערער ברודער אָבער, אַן אָרעמאַן נאָר אַ גוטהאַר־ציקער מענטש האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַפן גאָט, אים פאַרבעטן צו זיך און אַפילע אים מעכאַבעד געווען מיט געקאָכטע הירזש. דערפאַר האָט גאָט אָפּגעשאַצט די מייַלעס פון דעם גוטהאַרציקן יאַפּאַנער און האָט אים צוגעזאָגט אַ ווילשטאַנד אַף אייביק. שפּעטער ווען אין יענער שטאָט איז אַנטשטאַנען אַן עפּידעמיע פון פעסט און פיבער זיינען אַלע אומ־געקומען, אויסער דער מישפּאָכע פון יענעם גוטן פּויער.

יענער גוטהאַרציקער מענטש האָט געהייסן סאָמין סיאַר".

און אַפילע איצט, ווען די פּויערים קומען זיך צונויף אין אונדזער טעמפּל אַף אַ יאַנטעוו, טראָגן זיי אַלע אַף זייערע קימאָנאָס אַ קאָמייע מיט אַן אויפשריפט: „איך שטאַם אָפּ פון סאָמין סיאַר".

סוסאַנאָ־נאָ־מיקאָטאָ איז אויך געווען גרויזאַם און דעספּאָטיש, ער האָט אָבער געפונען אין זיך געגוג קויעך צו באַקומען אַ געטלעכן כאַ־ראַקטער, ער האָט איבערגעבויט זיין זינדיקע נעשאָמע און געעפנט אַ וועג פאַר דער מענטשהייט, פאַר איר אויסלייזונג. אַזוי אַרום האָט ער געגעבן דער וועלט אַביישפּיל פון זעלבסט־דערציִונג און ווידערגעבורט.

דער גאָט ווערט אויך געאַכטעט אַלס גרינדער פון דער יאַפּאַנישער עטיק.

אין דער צייט פון מיטלאַלטער, ווען די פעאָדאַלן האָבן צווישן זיך געפירט מילכאָמעס, איז דאָס גאַנצע לעבן און די באַשעפטיקונג פון די

איינוווינער פֿון קיאָטאָ געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן „גיאָ־סאַן", ווייל אַלע פּלעגן זיך באַזעצן, האַרעווען און געפֿינען אַ מאָקעם־מיקלעט צופֿוסנס פֿון דעם טעמפּל.

אויב איר וועט שטודירן די געשיכטע פֿון דער אוראַלטער און גרויסער שטאָט, מוזט איר וויסן, אַז דער טעמפּל גיאָ־סאַן האָט גאָר אַ סאַך אויפֿגעטאָן פֿאַרן פֿאָרגרעס פֿון דער ציוויליזאַציע אין קיאָטאָ.

דער יאָנטעוו פֿון דעם טעמפּל ווערט דורכגעפֿירט יעדן יאָר. די מיקאָסי־פּראָצעסיע איז הערלעך און פֿריילעך. זי הייבט זיך אָן פֿון טעמפּל דעם זיבעצנטן יולי באַגינען און קערט זיך אום צוריק דעם 24־טן יולי נאָך זון־אונטערגאַנג. באַוועגלעכע עסטראַדעס —„באָקאַ"— ווערן באַגלייט דורך אַ טאַנצנדיקן פֿאַרמאַסקירטן האַמוין און אַפֿן וועג שליסן זיך איין נאָך טויזנטער און טויזנטער מענטשן. זיי טראָגן אויף זייערע פּלייצעס אַ מיניאַטור אויסגעבויטן טעמפּל, וועלכער איז אויסגעצירט און באַפּוצט פֿון די בעסטע קינסטלער מאָלערס און שניצער. אין דער צייט פֿון דעם יאָנטעוו קען מען זען די קווינטעסענץ פֿון דער יאַפּאַנישער קונסט. ניט ווייניק אוראַלטע מינהאָגים, וועלכע זיינען ענג פֿאַרבונדן מיט דעם טעמפּל, עקזיסטירן נאָך אַדאַיעם. צום ביישפּיל ערעוו נײַ־יאָר זאַמלען זיך צונויף אין טעמפּל גיאָ־סאַן מענטשן, קעדיי צו באַקומען דאָס הייליקע פֿייער. זיי ברענגען דאָס פֿייער צו זיך אַהיים און צינדן אָן מיט אים דעם אַזוי־גערופֿענעם „אָטאָמע" — דאָס ליכט פֿאַרן מיזבייעך — און גרייטן צו זייער נײַ־יאָר־סודע. זיי ברענגען דאָס פֿייער אַהיים פֿון טעמפּל מיט דער פֿולסטער איבערצייגונג, אַז די מאַלאָכים, וועלכע ווערן אָפּגעקאָכט אויף דעם פֿייער, וועלן ברענגען פֿאַר זיי גליק און וועלן זיי אָפּריייניקן פֿון אַלדאָס בייזע וואָס האָט זיך צו זיי צוגעקלעפּט אין לויף פֿון זייער לעבן.

די מענטשן וועלכע באַוווינען יאַפּאַן גלויבן אין בודיזם, אין קריסטנטום און קאַטאָליציזם, אָבער דאָך, ניט געקוקט אויף דעם צו וועלכן גלויבן יעדער איינער געהערט, גלויבן אַלע איינוווינער פֿון יאַפּאַן, אָן אויסנאַם, אויך אין סינטאָיִזם און בעטן אוים באַ אים פֿאַר זיך גליק און זיכערקייט".

נאָכן דורכלייענען אָט די דריי זייטלעך, וועלכע דער פּריסטער האָט אונדז איבערגעגעבן, האָבן מיר געפֿרעגט:

— ווי אַזוי איז דאָך געגרינדעט געוואָרן דער טעמפּל?

— פֿאַראַן צוויי ווערסיעס וועגן דעם — ענטפֿערט טאַקאַבאַרא — איינינקע פֿאַרזיכערן, אַז דער טעמפּל איז געגרינדעט געוואָרן אין יענער צייט, ווען מען האָט אויפֿגעבויט די שטאָט קיאָטאָ; אַנדערע ווידער גלויבן, אַז נאָך איידער קיאָטאָ איז געגרינדעט געוואָרן, אין דער צייט פֿון דעם אימפּעראַטאָר סיימעי, דאָס הייסט מיט 1300 יאָר צוריק איז

דאָ אַף דעם באַרג אַנטשטאַנען דער טעמפּל גיאָ־סאַן. עס זיינען פאַראַן אויך מענטשן, וועלכע פאַרזיכערן אַז די געביידע האָט געדינט אַמאָל אַלס רעזידענץ פון איינעם אַ גרויסן פעאָדאַל — פודזיוואַרא מאַטאַצורנע — אָבער דאָס איז אַ טעות. דעם טעמפּל האָט אויפגעבויט דאָס פאָלק. די גאַנצע קונסט פון די אוראַלטע בוי־מייסטערס און קינסטלער איז אָפּגעשפּיגלט אין אַלץ וואָס איר זעט דאָ אַרום זיך. אין טעמפּל, אין דעם גאָרטן אַפילע און אויך אין דעם סאַלאָן, ווו מיר געפינען זיך איצט מיט אייך.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, אין וואָס באַשטייט, לויט אייער באַגריף, דער איקער פון סינטאָיִזם? — פרעג איך באַם פּריסטער.

טאַקאַכאַרא האָט אַרויסגענומען פון זיין ברייטן אַרבל אַ קליין שנופּקעלע, מיט וועלכן ער האָט אָנגעשטאָכן אַ גרויס שטיק מאַרמעלאַד און אים אַרויפגעלייגט אַף אַ פּאַפּירל, וועלכן ער האָט אויך אַרויסגעשלעפּט עפּעס פון די פאַלדן פון זיין קימאָנאָ. מיט אייליקייט און שנעל האָט ער איינגעשלונגען דעם מאַרמעלאַד, דאַן אַ זופּ געטאָן דריי מאָל אַ גאָר געלן טיי, אויסדרייענדיק דערביי דריי מאָל דאָס טעצל אָפּן פלאַך פון זיין האַנט. נאָך דעם האָט ער אָפּגעגעבן דאָס טעצל דעם מאָנאַך, וועלכער איז שנעל צוגעשפּרונגען צו אים. ער האָט צוזאַמענגעלייגט דאָס פּאַפּירל און עס אַריינגעלייגט צוזאַמען מיטן שטעקעלע אין אַ קליינער קעשענע, פאַרוואָרפן זיין קאָפּ און האָט אָנגעהויבן צו ריידן.

ער האָט אונדז דערציילט וועגן סינטאָיִזם מיט אַ פאַרשטיקטער הייזעריקער שטימע, ניט לייגנדיק קימאַט קיין שום אַכט אָפּן איבערזעצער און אַפילע ניט באַמערקנדיק אונדז. באַ מיר האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז טאַקאַכאַרא זאָגט פאַר אונדז עפּעס אַ לאַנג־אויסגעשטודירטע דראָשע, עס האָבן זיך געהערט אין איר אויסגעשרייען, דראָאונגען און אָפּשרעקנדיקע זשעסטן; זיין פּנים האָט געהאַט דערביי דאָ אַ שטרענגן אויסדרוק און מיטאַמאָל פלעגט זיך זיין שטימע פאַרוואַנדלען אין אַ צערטלעכן בניפעדיקן טאָן — מיט איין וואָרט, ער האָט באַנוצט די אַלע מיטלען, וועלכע עס נוצט אויס אַ רעדנער ווען ער וויל איבערצייגן זיינע צוהערער אין דעם גלויבן וואָס ער גלויבט. בעקיצער קאָן מען אויסדריקן דעם פּריסטערס געדאַנקען מער אָדער ווייניקער אַזוי:

אַלע מענטשן וועלכע ווינען אויסער יאַפּאַן פאַרשטייען ניט דעם סינטאָיִזם. דאָס ווערט דערקלערט מיט דעם, וואָס אין דער צייט פון דער מילכאָמע איז געוואָרן פאַרקריפּלט דער סינטאָיִזם, און דער גרויסער און אייביקער קולט פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק איז געוואָרן אויסגענוצט פאַר פּאָליטישע און קריג־צוועקן. עס פלעגן אַריינדרינגען אין די סינטאָיִסטישע טעמפּלען די גרעסטע גענעראַלן מיט פאָדערונגען, אַז די גלויביקע זאָלן בעטן גאָט פאַר אַ ניצאָכן. פאַר דער מילכאָמע פלעגן

אויך די גענעראַלן פאָדערן, אַז דאָס פאָלק זאָל גאָט בעטן לויט זייערע אַנווייזונגען. מען טאָר דאָך אָבער ניט פאָדערן באַם פאָלק עס זאָל בעטן פאַר עפּעס אַ באַשטימטער זאַך. דער גאָט פון סינטאָאיזם, וועלכער לעבט אין טעמפּל גיאָ־סאַן ווייסט אַליין גאַנץ גוט, וואָס ער דאַרף געבן די מענטשן און וואָס ער דאַרף זיי אָפּזאָגן.

— און וויפל זיינען לויט אייער מיינונג פאַראַן מענטשן אין יאַ־פּאַן וואָס גלויבן אין סינטאָאיזם?

טאַקאַכאַרא האָט געגעבן אַ שמייכל און געענטפערט:

— לויט מיין מיינונג זיינען אַלע יאַפּאַנער סינטאָאיסטן, ווייל די בודיסטן און קאַטאָליקן, וועלכע באַוווינען יאַפּאַן, זיינען אויך סינ־טאָאיסטן. מיר שיינט אַז סינטאָאיזם איז די מאָראַלישע באַזע פון די יאַ־פּאַנער. אייניקע זיינען געניגט צו פאַרזיכערן, אַז סינטאָאיזם איז גאָר ניט קיין רעליגיע אויב אין דעם באַשטייט זיין ראָל, איך אָבער דענק, אַז זיין איקער באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס דער סינטאָאיזם ווידער־שפּרעכט ניט אַלע אַנדערע רעליגיעס. אַנדערע דערקלערן, אַז סינטאָאיזם איז אויך אַ מין רעליגיע, ווייל אונדזערע טעמפּלען אָרדענען איין יאָנ־טויווים און צערעמאָניעס, אָבער אַזאַ מין אויסטייטשונג איז אַ טאָעס־דיקע. סינטאָאיזם איז דער אייביקער מאָראַלישער יאַפּאַנישער קולט און קיינער איז ניט אימשטאַנד אים צו פאַרניכטן. סיידן מען זאָל אויך פאַר־ניכטן דאָס גאַנצע פאָלק.

— אַלזאָ, גוט, — זאָג איך — איר אָנערקענט אויך די געטער פון אַנדערע גלויבנס.

— יאָ, — ענטפערט דער פּריסטער, — איבערהויפּט די בודיס־טישע געטער. אין דער צייט פון דער טאָקוגאַוואַ דינאַסטיע האָבן די סינטאָאיסטישע טעמפּלען געלעבט אין אַ גרויסער פריינטשאַפט מיט די בודיסטישע.

— און ווי אַזוי באַציט זיך דער סינטאָאיזם צו דער פרוי, צו דער כאַסענע און צו דער מישפּאָכע? — פרעגן מיר דעם פּריסטער.

— שוין זינט די אוראַלטע צייטן איז די היים געווען דער צענטער פון דעם מענטשנס לעבן. אַלע האָבן געוווינט צוזאַמען אין איין הויז. שפּעטער זיינען אַנטשטאַנען דערפער, שטעטלעך, שטעט און, לויט אונ־דזער שטאַנדפּונקט, זיינען דאָס אַלץ פאַרייניקטע מישפּאָכעס. מיר האַלטן אַז די גאַנצע וועלט — איז איין מישפּאָכע, און איך האָף אַז אין דער צוקונפט וועט די גרויסע מישפּאָכע זיך באַציען מיט גרויס אַכ־טונג צום סינטאָאיזם.

אין זייער פיל ביכער וועט איר קענען לייענען, אַז יאַפּאַן איז אַ ווייבלעך לאַנד, ווייל זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער געטין פון דער זון. אין די אוראַלטע צייטן פלעגן די פרויען זיך פאַרנעמען מיט אַגרי־קולטור, מיט וועבעריי, מיטן באַזאָרגן דאָס שפּייז, ווייל אַלע מענער

פלעגן זיין פאַרנומען מיט פירן מילכאָמעס. איצט אָבער איז שוין דער מאַן דער הויפּט פון אַ מישפּאָכע און אויך דער הויפּט־פאַרנאַסע־געבער, איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די פרוי איז אָפּגערוקט געוואָרן אַפן צווייטן פּלאַץ.

— מיילע, לאָמיר דאָס אַלץ לאָזן אין אַ זייט — האָב איך פאַר־געשלאָגן, — עפּשער קענט איר אונדז אויפקלערן אין וואָס באַשטייט דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם אימפּעראַטאָר און דעם סינטאָיזם?

— די געשיכטע־שרייבער — ענטפערט דער פּריסטער — פאַר־בינדן דירעקט דעם אימפּעראַטאָר מיטן סינטאָיזם, ווייל זיי האַלטן אים פאַרן הויפּט פון דעם קולט. לויט אונדזערע באַגריפן האָט דער יאַפּאַני־שער אימפּעראַטאָר, וועלכער שטאַמט פון דער געטן פון דער זון, זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ וואָלקן פון הימל אַף אונדזער ערד. פון וויסנשאַפט־לעכן שטאַנדפּונקט אָבער קען מען ניט דערקלערן אָט די פאָלקס־לעגענ־דע. און אין דעם באַשטייט אונדזער טראַגעדיע. וואָס שייַעך מיר, האַלט איך פאַר אַן אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז די געטן פון דער זון איז די שטאַם־מוטער פון אונדזער פאָלק און איז די הויפּט פון אונדזער אימ־פּעראַטאָרס דינאַסטיע.

— וואָס פאַר אַ ציילן שטעלט איר איצט פאַר דער סינטאָיִסטישער באַוועגונג אין יאַפּאַן?

דער פּריסטער האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך איז ער אויפגעשטאַ־נען און האָט אַרויסגערעדט מיט אַ טאָן, ווי מען וואָלט געזאָגט אַ שפּרוך:

— באַם סינטאָיִזם איז דאָ אַ מינהעג, דער אַזוי גערופענער „אָכאַ־ראַי", וואָס באַדייט „די גרויסע רייניקונג". ער באַשטייט אין דעם אַז מענטשן קומען אין טעמפּל און זיינען זיך מוידע און מיסוואַדע פאַר גאָט אין זייערע זינד און ברענגען דערביי אַלס קאָרבן פאַר אים זייער פאַרהאָרעוועט געלט, פּראָדוקטן, רייז — אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן. דער־מיט ווערן זיי גערייניקט. דאָס יאַפּאַנישע פאָלק האָט איצט אַ גרויסע זינד — עס האָט געליטן אַ מאַפּאָלע. דעריבער מוז דאָס פאָלק קומען אין אונדזערע טעמפּלען, אַלץ אָפּפערן פאַר גאָט און בעטן פאַר זיין אויסלייזונג.

נאָך דעם האָט דער פּריסטער דעמאָנסטרירט פאַר אונדז דעם סיי־דער פון ברענגען מאַטאָנעס. ער פלעגט זיך שטעלן פאַר יעדערן פון אונדז אַף די קני און פלעגט אויסציען זיינע הענט אין וועלכע ער האָט געהאַלטן אַ קליין שעכטעלע מיט אַ באַמבו־קריגל, וועלכער איז אויסגע־אַרבעט געוואָרן און אויך געהייליקט געוואָרן אין טעמפּל. דאָס קריגעלע האָט ער אונדז שפּעטער געשאָנקען אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט פאַר אונדזער באַזוך.

דערנאָך באַגלייט אונדז טאַקאַכאַרא יאַסיטאַדאַ ביז צום הויפּט־אַריינגאַנג, ווו די גלאָקן גיבן אַרויס יעדע מינוט אַ וויינענדיקן און

וויברירנדיקן קלאַנג. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די פאַרבייגייענדיקע יאַפּאַנער גייען צו צו אַ לאַנגער שטריק, און אַריינוואַרפנדיק אַ האַלבן יען אין אַ שאַכטל, גיבן זיי אַ קלונג אין גלאָק.

— דאָס רופן זיי אַרויס דעם גאָט, — האָט געזאָגט דער פּריסטער מיט זיין פייערלעכער שטימע — איידער זיך ווענדן צו גאָט, קלינגען זיי אין גלאָק און בעטן אַז ער זאָל זיי אויסהערן. אָט זעט איר ווי יענע פרוי אין דעם גרויען קימאָנאָ שטייט שוין אַ האַלבע מינוט און וואַרט ביז צו גאָט וועט דערגיין איר קלונג אין גלאָק. איצט האָט זי זיך אַראָפּ־געלאָזט אַף די קני און זאָגט איר טפילע.

— וואָס בעט זי באַם גאָט? — פרעגן מיר.

דער פּריסטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט געענטפערט:

— איך טאָר ניט הערן דאָס, וועגן וואָס די מענטשן בעטן באַ גאָט, דאָס איז זייער סאָד. — און איז אַוועק צו דעם אינעווייניקסטן טרעפּ פון טעמפּל.

אונדזער איבערזעצער אָבער האָט אונדז געזאָגט, אַז יענע פרוי וועלכע האָט געוואַרט אַ האַלבע מינוט ביז גאָט וועט זי דערהערן, האָט אַראָפּגעלאָזט אין קעסטל אַריין מעגלעך איר לעצטן האַלבן יען און האָט אין איר טפילע געבעטן — ברויט.

דאָס איז אַפילו ניט געווען קיין טפילע, נאָר פּאַשעט אַ געבעט, אַ וויי־געשריי פון אַ הונגעריקן מענטש.

דער פּריסטער אָבער טאָר ניט הערן די טפילעס וועלכע זיינען גע־ווענדעט צו גאָט. דאָס איז דאָך אַ הייליקער סאָד, וועלכן דער מענטש טראָגט אין דער טיפעניש פון זיין נעשאָמע.

מיר זיינען אַלזאָ געווען אין דעם מיטלפּונקט פון סינטאָיִזם און זיך איבערצייגט, אַז עס לעבט נאָך איינער פון די שטאַרקסטע קויכעס, וואָס האַלט איין דאָס יאַפּאַנישע פאָלק אין אַ בלינדער, פאַנאַטישער אונטערטעניקייט, אַז עס עקזיסטירט נאָך אין דער היינטיקער צייט איי־נער פון די פינצטערסטע קולטן. איך האָב ניט איינמאָל אָבסערווירט יונגע און אַלטע יאַפּאַנער פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, ווי זיי קו־מען צום סינטאָיִסטישן גאָט צו „דער גרויסער רייניקונג". די סינטאָיִס־טישע פּריסטער האָבן אויסגעאַרבעט ביז צו די מינדעסטע דעטאַלן דעם גאַנצן סיידער פון דער „אויסלייזונג" פון מענטשן פון זיינע שולדן — מעג די שולד זיין אַ מיליטערישע, אַ פּאָליטישע, אַן עקאָנאָמישע אָדער גאָר אַ פּערזענלעכע. דאָס איז זייער אַ פּיפיקע, אַפן ערשטן בליק אַפילע אַ נעפּלדיקע, אָבער דאָך זייער אַ געפערלעכע קראַפט, וואָס קען גאַנץ לייכט שאַלעם מאַכן צווישן די, וועלכע האָבן אויפגעהויבן יאַפּאַן צו אַ מילכאָמע מיט די יעניקע וועלכע פלעגן אַף דער מילכאָמע אומקומען. צווישן די וועלכע האָבן אַף אייביק פאַרבונדן זייער גוירל מיטן פאַשיזם

און כאַלעמען נאָך אויך זיינט וועגן אַגרעסיעס און מילכאָמעס מיט יענע וועלכע ווילן ניט קיין מילכאָמעס.

איך האָב געזען אין די סינטאָיִסטישע טעמפּלען, ווי טויזנטער מענטשן שטייען אָפּ שאָען־לאַנג אַף די קני, וואָס האָבן זיי געבעטן? צו וועמען זיינען געווענד־עט זייערע בליקן? — דאָס איז ניט געווען זייער רעליגיע און אויך ניט זייער גלויבן, ווייל איך האָב באַגעגנט אין די סינטאָיִסטישע טעמפּלען בודיסטן און אויך קאַטאָליקן. דאָס איז געווען זייער קולט, וועלכער האָט אין מעשעך פון יאָרהונדערטער פאַרטעמפּט זייערע מויכעס, פאַרנעפּלט זייערע געוויסנס און איינגעוואָרצלט אין זיי דעם געדאַנק, אַז דער אימפּעראַטאָר איז זייער גאָט. און ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען אַזאַ מין קראַפט וועלכע זאָל זיין בעקויעך אומצוברענגען ד'עם אימפּעראַטאָרס מאַכט.

אַפילע אַמעריקע, וועלכע איז געקומען קיין יאַפּאַן באַוואָפנט מיט איר טעכניק, האָט אויך ניט געוואָלט אַ טרייסל טאָן דעם געטלעכן טראָן, וועלכער שטייט איבער ד'עם באַזיגטן יאַפּאַן. דאָס פאָלק קען באַזיגט ווערן, דאָס מיליטער און דער פלאָט קענען געשמעלט ווערן אַף די קני, אָבער דער אימפּעראַטאָר — קיינמאָל ניט.

דערפאַר טאַקע געפינט איצט דער סינטאָיִזם, נאָך גיכער ווי אין אַנדערע צייטן, די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין די מענטשלעכע נעשאָמעס. דער סינטאָיִזם — איינער פון די רעאַקציאָנערסטע און נאַציאָנאַליסטישסטע קויכעס פון יאַפּאַן — האָט גאָר ניט באַקומען קיין קלאַפּ אין יענעם טאָג, ווען די יאַפּאַנישע שעליכים זיינען אַרויף אַף דער אַמעריקאַנער קריגס־שיף „מיסורי". די גאַלאָכים און די פּריסטער, די אידעאָלאָגישע און טעאָרעטישע לייטערס פון סינטאָיִזם, זיינען בלויז פאַרגליוורט געבליבן אַף איין רעגע, קעדיי באַלד אַף מאָרגן, מיט נייע קויכעס, בלויז עטוואָס ענד־ערנדיק זייערע מאָראַלישע באַזעס, ווידער אָנהויבן „צו רייניקן", און פאַרערן יענע מענטשן, וועלכע טראָגן אַף זיך די גרעסטע שולד.

דער סינטאָיִזם האָט אויך זיין אייגענעם אוניווערזיטעט אין סאַמע האַרץ פון טאָקיאָ, ער פאַרמאָגט זיינע סעמינאַרן און אויך אַ גאַנצן אַרסענאַל מיט ליגנערישע און פאַרפירערישע האָוטאָכעס, מיט וועלכע ער קומט צום פאָלק מיט דער אויסרעכענונג, אַז עס וועט נאָך קומען יענער טאָג, ווען די סינטאָיִסטישע טעמפּלען וועלן ווידער געשטעלט ווערן אַף דער באַוואָפענונגס־ליניע, פּונקט ווי עס איז געווען אין מעשעך פון דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט טאָקאָכאָראַ יאָסיטאָדאָ באַם טויער, אַף וועלכן עס איז געהאַנגען אַן אויפשריפט, וואָס דינט אַלס סימבאָל ניט נאָר פאַר דעם טעמפּל, נאָר אויך פאַרן גאַנצן סינטאָיִזם:

„רעגירן לויטער און העל, ווי די זון און די לעוואָנע".

דער שפּרוך איז פאַרפאַסט געוואָרן פון דעם באַראָן כיראַנומאַ, וועלכער זיצט איצט אין דער סוגאַמער טפּיסע. דעם שפּרוך פון באַראָן כיראַנומאַ האָט דער סינטאַיִזם אויסגעוויילט אַלס זיין פּאָן.

— 17 —

אין קליינעם גערטנדל באַם טעמפּל דערטראָגן זיך צו אונדז מוזיקאַלישע קלאַנגען: צען מיידלעך מיט סאַקסאָפאָנען, פלייטן און פּייקעלעך רופן אַלעמען ווער עס קומט אַרויס נאָכן דאַווענען פון טעמפּל אין צירק „אָטאַקע”. דאָרטן, אונטער אַ לייוונטענעם דאַך, טרעטן אויף אַקראָבאַטקעס און טענצערנס. פאַר בלויז צוויי יען שפּאַצירן זיי אָפּן קאָפּ איבער דער אַרענע, פירן אויס געפערלעכע שפּרונגען, לויפן איבער אָנגעצויגענע שטריק און קלעטערן אַרויף ביז צום סופיט און דאָרט אויבן מאַכן זיי זייערע לעבנסגעפערלעכע קונצן מיט אַ זאָרגלאָזן שמייכל. דער באַלעבאָס פון דעם צירק הייסט אַגיטי טאָמפּאַ. ער באַווייזט זיך קימאַט ניט פאַרן עולם, ער האָט אַ פאַרוואַלטער וועלכער גיט אַכטונג אַף די מיידלעך און לערנט זיי מוזיק און טענץ.

די מיידלעך לאַדן אונדז איין צו זיך, זיי ווילן זיך באַקלאָגן: עס דאַכט זיך זיי, אַז עס זיינען שוין איצט גאָר אַנדערע צייטן און דאָך קומט זיי אויס יעדן אָוונט שטיין באַם אַריינגאַנג אין טעמפּל און בעטן נעדאָוועס, ווייל דער באַלעבאָס גיט זיי ניט קיין עסן און צאָלט ניט קיין געהאַלט. וואָס דאַרפן זיי טאָן?

— פאַרוואָס באַשטראָפט ער אייך אַזוי שטרענג? — פרעגן מיר בא די צירק־אַרטיסטקעס.

אַ יונג מיידל — טיכיראָ, איז זיך מודע, אַז זי פאַלט זייער אָפט באַם דורכפירן איר נומער, רעדפאַר גיט מען איר ניט קיין עסן.

— מיר האָבן דאָך ניט קיין קויעך, — זאָגט זי — מיר בעטלען דאָך. אַגיטי האָט מיך אָפּגעקויפט דריי מאָנאַטן איידער די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט. איך האָב ניט קיין מוטער. מיין פאָטער האָט כאַסענע געהאַט צום צווייטן מאָל. ער איז אָבער זייער אָרעם. אַגיטי האָט באַצאָלט פאַר מיר צוויי טויזנט יען, און איך מוז האָרעווען באַטאָג און באַנאַכט. נאָך דער צירק־פאָרשטעלונג אַרבעטן מיר פיזיש זייער שווער. מיר האָבן שוין ניט איינמאָל געוואָלט אַנטלויפן פון דאַנען, מיינע כאַווערטעס זיינען אויך אָפּגעקויפט געוואָרן בא זייערע עלטערן — אָבער דער פאַרוואַלטער היט אונדז, ער באַהאַלט אונדזערע קימאָנאָס און גיט אונדז ניט קיין שפּייז.

— פאַרוואָס ווענדט איר זיך ניט צו דער פּאָליציי? איצט איך דאָך פאַרבאָטן אָפּצוקויפן מענטשן? — פרעג איך בא זיי.

— געוויס זיינען מיר געגאַנגען צו דער פּאָליציי, אָבער אַגיטי האָט

אויך דאָרט זיינע געשוואוירענע מענטשן. אַכוץ דעם, קומען אַהער צו גיין באַנאַכט די פּאָליציי־באַאַמטע, זיי שיקערן דאָ און אונדז צווינגט מען מיט זיי צו פאַרברענגען. ס'איז דאָך שוין ניט אויסצוהאַלטן, מיר ווייסן אָבער ניט צו וועמען זיך צו ווענדן?

— און ווו געפינט זיך אַגיטי?

— איצט איז ער אין טעמפּל. באַטאָג איז ער שטענדיק דאָרטן. די פּריסטער רעספּעקטירן אים זייער. מיר אָבער האַסן אים. ווען מיר טאָקע קיינמאָל ניט קענען אַרויסרייסן זיך פון דאַנען?

מיר וואַרטן ביז די אַמעריקאַנער רופן אַרויס די פּאָליציי.

פון דערווייטנס באַטראַכטן מיר דאָס לעבן אין דעם סינטאָיִסטישן טעמפּל. די מאָנאַכן, געקליידט אין זייערע ווייסע קימאָנאָס, באַגעגענען די אַלע אָנקומענדיקע מענטשן, און פאַרנייגן זיך פאַר זיי ביז צו דער ערד. דערביי שטייט אויך אַ פּריסטער, וועלכער פירט זיך אויף מיַיסע באַלעבאָס.

„מען דאַרף רעגירן לויטער־העל, ווי די לעוואָנע און ווי די זון", — קומט מיר אַף מיין זיקאָרן די אויפשריפט באַם אַרייַנגאַנג אין טאַקאַכאַ־רא יאַסיטאַדאַס הויז. וועט ער נאָך לאַנג פריידיקן זיין טעאָריע פון אַן איינהייטלעכער מישפּאָכע, וועגן דער געטלעכקייט פון דעם אימפּעראַ־טאָר און וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון מינטאַ — פון דעם קולט, וועלכן עס האָט פאַר זיך אויסגעוויילט יאַמאַטאַס פאָלק? עפּשער וועט אויך אַהער מיט דער צייט אַרייַנבלאָזן דער אַפּפרישנדיקער ווינט פון דער דעמאָקראַטיע? — איך ווייס ניט פאָרוואָס, זייענדיק דאָ אין דעם טעמפּל איז מיר געקומען אַפן זיקאָרן אַ דערציילונג פון אַ יאַפּאַנישן זשורנאַליסט סודזוקי טאָמין. צוזאַמען מיט זיינע פריינט סאַקינע עצורא און ניאַידזימאַ סיגערא איז ער געפאָרן אין דער שטאָט יאַמאַדאַ. דאָרטן זיינען זיי אויפגעטראָטן מיט קאָנפערענצן וועגן דער דעמאָקראַטיזירונג פון יאַפּאַן. דערציילט האָבן זיי פאַרן אוילעם וועגן די פּאַשעטסטע זאַכן, וועלכע מיר באַטראַכטן אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעכע: וועגן דעם מענטשן וועלכער קען און מוז זיין פריי, וועגן דער ערד, וועגן אַרבעט און דאָ זיינען צו אים צוגעגאַנגען דריי פרויען, וועלכע זיינען זיך מודע געווען אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון אַ שאַנד־הויז. סודזוקי האָט פאַרשריבן זייע־רע נעמען: כיראַנאַ עצו, אַקאַזאַוואַ קימי און טאַקעבאַיאַסי אַנע. מען האָט זיי פאַרקויפט צו אַן אייגנטימער פון אַ שאַנד־הויז אין יאַמאַדאַ. זיי האָבן ניט געוואָלט גיין אַהין. דאַן האָבן זייערע עלטערן געפרעגט בא זיי וואָס געפעלט זיי בעסער: וואַרטן אַף אַ הונגער־טויט, אָדער צו לעבן אין אַ לוקסוסדיקן שאַנד־הויז? די מיידלעך האָבן נאָך ניט באַוויזן צו געבן אַן ענטפער און שוין האָט זיך דערנענטערט אַ קאָמיסיאָניסט, וועל־כער זוכט אַרום אין די דערפער שיינע מיידלעך פאַר שאַנד־הייזער, און ער האָט זיי פאָרגעשלאָגן אַ קאָנטראַקט. פאַר מיידלעך, וועלכע פאַלן

אַריין אין אַ שאַנד־הויז, איז ניט פֿאַראַן קיין שרעקלעכסטער וואָרט ווי דאָס איז „אַ קאָנטראַקט״. און דאָס איז פֿאָרגעקומען דאַווקע אין יענעם טאָג ווען מען האָט אַזוי אָנגעקוואָלן אין יאַפּאַן פֿון מאַק־אַרטורס קלוגשאַפֿט: דער גענעראַל מאַק־אַרטור האָט פֿאַרבאָטן דעם קויף און פֿאַרקויף פֿון מענטשן.

די דריי מיידלעך זיינען אַריינגעפֿאַלן אין אַ שאַנד־הויז, אָבער גאָר אין גיכן האָבן זיי באַשלאָסן דאָס הויז צו פֿאַרלאָזן, זייערע עלטערן זיינען אָבער דאַן געווען אין נאָך אַן ערגערן צושטאַנד, ווייל דער גוטבאַזיצער האָט באַ זיי צוגענומען דעם גאַנצן שניט — דאָס איז געווען זיין רעכט. דער אייגנטימער פֿון דעם שאַנד־הויז האָט דאַן איבערגעשיקט צו די אָרעמע פּויערים אַן אוואַנס אַפֿן כעשבן פֿון די צוקונפֿטיקע האַכנאָסעס פֿון זייערע טעכטער.

די מיידלעך האָבן אָבער דאָך ניט געוואָלט פֿאַרבלייבן אין דעם שאַנד־הויז און האָבן געפֿאָדערט אַז מען זאָל זיי אָפּשיקן צוריק אַהיים. דער באַלעבאָס האָט זיי אָפּגעזאָגט, ווייל אין זיינע הענט איז געווען דער „קאָנטראַקט״. די מיידלעך האָבן זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי, אָבער די פּאָליציי האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו העלפֿן. סודזוקי האָט זיך אונטערגענומען זיי אַרויסצוראַטעווען. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז דער פּאָליציי־שעף באַקומט ביזן היינטיקן טאָג געוויסע פּראָצענטער פֿון די האַכנאָסעס פֿון דעם שאַנד־הויז.

— איז דאָס עמעס, אַז אין קיאָטאָ געפֿינען זיך נאָך ביז איצט צוויי טויזנט שאַנד־הייזער? — האָב איך געפֿרעגט באַ אַ געוויסן פּאָליציי־באַאַמטן.

— דאָ איז אַפֿילע פֿאַראַן אַ פֿאַרבאַנד פֿון שאַנד־הייזער, — האָט יענער מיר געענטפֿערט. — איר קענט באַזוכן דעם פֿאָרזיצער פֿון דעם פֿאַרבאַנד, וועלכער איז אין קיאָטאָ דער געאַכטעטסטער און דער איינפֿלוסרייכסטער מענטש.



פֿאַר אַ גרויס העל־באַלויכטן הויז האָט אונדז באַגעגנט אַן אויטאָמאָביל פֿון דער עמפּי. אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט האָט קאָנטראָלירט די דערלויבעניש באַם אָפֿיציר, וועלכער איז מיטגעפֿאָרן מיט אונדז און האָט אונדז אַלעמען אַריינגעלאָזט אין דעם הויז. אין דעם פֿאָדערצימער איז אַרויס צו אונדז אַ קליינינקער, פּיפּיקער יאַפּאַנער און האָט אונדז פֿאַרבעטן אַריינצוגיין אין דעם קאַבינעט פֿון דעם פֿאָרזיצער פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון טיי־הייזער.

אַ דיקער, הויכער מאַן מיט אַ גלאַט אויסגעראַזירטן פּאָנעם, אָנגעטאָן אין אַ ווייס אויבער־העמד און שוואַרצן קראַוואַט, האָט מיט אַ פֿולשטענדיקער גלייכגילטיקייט אויסגעשטרעקט אונדז זיין האַנט. ער האָט

זיך ניט געניויטיקט אין רעקלאַמע און דעריבער איז אונדזער באַזוך גאָר־ניט געווען אים צום האַרצן. אַף זיין גרויסן שרייבטיש זיינען געלעגן פּאַפּירן אָפּגעדרוקטע אַף אַ שרייב־מאַשין, איינציקע ביכער, אַ האַנדלס־קאַלענדאַר מיט פאַרצייכענונגען וועגן באַשטעלטע אוידיענצן אָדער אָפּ־מאַכן, אַ פּעקל פּרימאָרגן־ציַיטונגען, צוויי טעלעפאָן־אַפּאַראַטן און אַ קליין שרייב־געצייג אויסגעאַרבעט אין יאַפּאַנישן סטיל.

אַף אַ וואַנט פון דעם קאַבינעט — אַ גרויס בילד: „אַ פרוי אין אַ בליענדיקן גאָרטן". מיר קוקן זיך אום און קענען בעשום אויפן ניט שאַלעם־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער געשעפטס־קאַבינעט מיט די סעקרעטאַרן, טעלעפאָנען, קאַלענדאַרן אאַז"וו, איז ניט קיין „אָפיס" פון עפּעס אַ גרויסער טעקסטיל־פאַבריק, ניט קיין רעזידענץ פון אַ גובערנאַטאָר, נאָר דאָס איז דער הויפּט־צענטער אין קיאָטאָ, ווו מענטשן באַשעפטיקן זיך מיט פרויען־האַנדל.

דער פאָרזיצער האָט אַרויסגעצויגן פון זיין קעשענע אַ וויזיט־קאָרטע און האָט זי מיר איבערגעגעבן. איך לייען „מאַצומורא". מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אין די פאָטעלן און צוגעטראָטן צו דער זאַכלעכער באַהאַנדלונג, פרידלעך און רויִק, פון אַ פּראָבלעם, וועלכע באַאומרויִקט, אָדער בעסער געזאָגט, וועלכע דאַרף באַאומרויִקן דעם היינטיקן יאַפּאַן.

— וויפל הייזער פאַרייניקט דער פאַרבאַנד? — האָב איך געפרעגט.

מאַצומורא האָט אַריינגעקוקט אין זיין קליין ביכעלע, מיט לעדערנע טאַוולען, און האָט געענטפערט:

— הונדערט ניינציק הייזער!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, וואַרטנדיק אַף אונדזערע וויַיטערדיקע פראַגעס. איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער האָט ניט ליב צו ריידן וועגן די געשעפטן וועלכע ער פירט שוין באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט. דאַן האָב איך געבעטן בא מאַצומוראַן, ער זאָל אונדז דערציילן, ווי אַזוי ווערן יונגע יאַפּאַנישע מיידלעך — גיישעס. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין טיפן פאָטעל און האָט זיך גענומען דערמאָנען מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אַריינקוקנדיק פון ציַיט צו ציַיט אין זיין ביכעלע, איבעררייסנדיק אַף אַ ווייַלע זיין דערציילונג, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו ענטפערן אַף אַ טעלעפאָנישן אָנרוף, אָדער אַף אַ פראַגע פון אַן אַריינגעקומענעם סעקרעטאַר.

מאַצומורא האָט פאַר אונדז געשילדערט אַ ביבליש בילד. יעדעס מיידל פון יאַפּאַן, הערנדיק זיין דערציילונג, וואָלט זיך זיכער צעוויינט פון נאַכעס און גליק. לויט מאַצומוראַס שילדערן אַנטשטייען אין יאַפּאַן די גיישעס אַף אַזאַ מין אויפן:

אין אַ מישפּאָכע ווו עס געפינט זיך אַ באַגאַבטער פאָטער, אָדער אַ פעיִקע מוטער ווערט געבוירן אַ קינד מיט שיינע געזיכט־שטריכן, מיט

נייגונגען צו געזאַנג און טענץ. אויב דעם מיידלס פאָטער איז אַ ווייט־זעעוודיקער און קולטורעלער מענטש, מוז ער שוין פון פינפיעריקן עלטער פון זיין טאָכטער, געבן איר די מעגלעכקייט צו ווערן אַ גיישע. לויט מאַצומוראַס מיינונג איז דאָס פאַרן קליין מיידעלע וועלכע האָט נייגונגען צו פרייליכקייט, שפּילערייען און טענץ — דער איינציקער ייעג. וואָס קען ברענגען גליק יעטווידער יאַפּאַנישער מישפּאָכע.

— וווהין דאַרף מען אָפּגעבן דאָס קינד אַף צו לערנען זיך? — פרעג איך.

— איך מוז אייך זאָגן, — ענטפערט מאַצומוראַ — אַז אין יאַפּאַן זיינען פאַראַן זייער פיל שולן, וועלכע גרייטן צו צו ווערן אַ גיישע. דאָס וויכטיקסטע און שווערסטע אָבער לערנען זיי זיך אויס בא זייער נייעם באַלעבאָס. דאָרט בא אים מוזן זיי זיך אויסלערנען צו זיין שטענדיק פריילעך, לעבעדיק, פירן קלוגע געשפּרעכן, שיין זינגען און גוט טאַנצן.

— אַזוי אַרום, — זאָגט ווייטער מאַצומוראַ — לערנט מען אויס די קליינע מיידעלעך „אָדאָרי” (אַ יאַפּאַנישער טאַנץ), „אוטאַ” — זינגען לידער און שפּילן אַף סיאַמיסיאַנע (אַן אוראַלטער יאַפּאַנישער מוזיקאַלישער אינסטרומענט). דאָס אַלץ דויערט ניט ווייניקער ווי פיר יאָר און דאַן פאַרוואַנדלען זיי זיך אין קליינע גיישעס, אין עלטער פון צוועלף ביז פערצן יאָר.

— און פון דאַן אָן, הייסט עס, הערן אויף די גיישעס צו געהערן צו זיך אַליין?

מאַצומוראַ פאַרטראַכט זיך און ענטפערט:

— ניין, די גיישע איז אַ פרייע פרוי, בלויז פון צייט צו צייט מוזן מיר באַצאָלן אירע עלטערן אַ לוין, וועלכער ווערט פאַרשריבן אַף דער גיישעס רעכענונג.

— און וואָס איז נויטיק, קעדיי די גיישע זאָל מעגן פאַרלאָזן אייער הויז?

— קוידעםקאָל מוז דאָך עמעצער אונדז באַצאָלן פאַר דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן אויסגעגעבן אַף איר.

— קורץ גערעדט, דאַרף מען הייסט עס זי אויסלייזן?

— אָ, — האָט צום ערשטן מאָל אויפגעלעבט מאַצומוראַ — איר דריקט זיך אויס צו פּראָסט. איך וואָלט ניט געוואָלט דאָס אָנרופן מיטן וואָרט אויסלייז, ווייל איצט איז דאָס פאַרבאָטן. פאַקטיש איז דאָס טאַקע אַזוי, נאָר דאָך וואָלט איך דאָס ניט אָנגערופן מיטן וואָרט אויסלייז.

— און אויב אַ פאַרבאַנד פון טיי־הייזער אין טאָקיאָ וועט וועלן איינלאָדן צו זיך די אָדער יענע גיישע פון אייערע הייזער, וועט איר זי אַרויסלאָזן?

— מעגלעך, אַז יאָ, — ענטפערט מאַצומוראַ — אָבער עס וועט אומבאַדינגט נויטיק זיין, מען זאָל אונדז פאַר איר באַצאָלן. דאָס הייסט

ריכטיקער געזאָגט, ניט פאַר איר, נאָר פאַר דער האַרעוואַניע, וואָס מיר האָבן געפּאַטערט אַף איר. איר פאַרשטייט מיך?

— יאָ, אוודע, פאַרשטיי איך יואָס פאַר אַ מין האַרעוואַניע דאָס איז. דאָך קען מען דאָס אָנרופן — קויף און פאַרקויף.

מאַצומורא איז אַנטשוויגן געוואָרן, גלייך ווי ער וואָלט באַטראַכט וואָס צו ענטפערן אַף דער פראַגע. ער האָט דורכגעבלעטערט זיין נאָטיץ־ביכל און אַנשטויסנדיק זיך אַף עפּעס האָט ער געענטפערט:

— ווי פאַרשטייט איר דאָס ניט, אַז ווען עמעצער וויל אויסלייזן אַ גיישע, וועט דער באַלעבאָס, וועלכער האָט זי דערצויגן, ליידן שאָדנס?

— אויב אַזוי, — באַמערק איך — קען מען פעסטשטעלן, אַז ביז דער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז אין יאַפּאַן פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו קויפן אַ מיידל, זי פאַרקויפן אַף אַ יאָר, אָדער אַף פינף יאָר, אָדער גאָר אַפן גאַנצן לעבן. מיר שטויסן זיך דאָ אָן מיט אַן עכטן שקלאַפן־מאַרק, איז דאָס דען ניט אַזוי?

מאַצומורא איז, ווייזט אויס, ניט געווען געניוגט צו באַהאַנדלען אַזעלכע קאָמפּליצירטע פראַגעס פון מענטשלעכע באַציִונגען. דער קרייז פון זיינע אינטערעסן, אויפקלערונגען, געשעפטלעכע באַגעגענישן, געשפּרעכן און נייגונגען איז געווען באַגרענעצט מיטן לעבן פון אַ „טיי־הייזל" און מיט אַלעמען וואָס איז נאָר פאַרבונדן מיטן באַדינען די געסט.

פאַרנייגנדיק זיין קאָפּ עטוואָס אין אַ זייט, ווי דאָס טוען געוויינלעך די יאַפּאַנער, ווען זיי זיינען מיט וואָס ניט איז מאַסקים, האָט ער געענטפערט:

— באַ אייך האָט זיך געשאַפן אַ זייער פּרימיטיווער באַגריף וועגן דער יאַפּאַנישער פרוי. מיר טוען קיין שום זאַך ניט, וואָס זאָל איר זיין אומאַנגענעם. פאַרקערט, צו אונדז קומען אַלע מיידלעך מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— נו, גוט, לאָמיר זאָגן אַז איך באַגרייף צו פּרימיטיוו די פּסיכאָלאָגיע פון יאַפּאַנישן מיידל. פאַרוואָס אָבער רופט איר אָן אייערע שאַנד־הייזער — טיי־הייזער? און די מיידלעך — גיישעס? פאַרוואָס ווילט איר אונדז אָפּנאַרן?

מאַצומורא האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געענטפערט:

— אָ, איר מוזט דאָך מיך פאַרשטיין. די מיידלעך אַליין פאַרלאַנגען מען זאָל זיי אַזוי רופן, און איך קען דאָס זיי ניט פאַרווערן. איצט איז דאָך אַזאַ דעמאָקראַטישע צייט. איך טאָר ניט אַרויסטרעטן קעגן דער דעמאָקראַטיע.

דאָן האָט שוין דער לייטענאַנט ברעדלי ניט אויסגעהאַלטן און האָט זיך צעלאַכט.

— נו, גוט, — האָט געזאָגט דער אַמעריקאַנער — לאָמיר זיך איצט

דורכשמועסן געשעפטלעך. לאָמיר זאָגן עמעצער וויל אויסלייזן באַ אייך אַ מיידל. וויפל דאַרף מען אייך באַצאָלן?

דאָ האָט שוין אין מאַצומוראַ־סאַנס גייסט אויפגעוואַכט דער סוחר. ער האָט אַרויסגעשלעפט פון זיין שרייב־טיש אַ העפט און האָט געפרעגט וועגן וועלכער מיידל האַנדלט זיך דאָ.

— פאַרשטייט זיך וועגן דער בעסטער.

— מען וועט אונדז מוזן באַצאָלן צען טויזנט יען.

— הייסט עס, אַז איצט ווערט אין יאַפּאַן אָפּגעשאַצט אַ מיידל אין צען טויזנט יען?

— אָ, ניין, — האָט ער זיך געכאַפּט — זי ווערט אָפּגעשאַצט אַ סאַך ווייניקער. אונדזער מיידל, אָבער, איז זייער אַ טייער מיידל, ווייל זי פאַר־מאָגט אין זיך טאַלאַנט, זי קען זינגען, טאַנצן און פאַרווייל̈ן.

מאַצומוראַ האָט מיט אַזאַ ווירדע און שטאָלץ אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „אונדזערע״, אַז איך האָב אָפּילע ניט געפונען פאַר נויטיק מיט אים צו דיסקוטירן. און נאָר דער לייטענאַנט, דער אַמעריקאַנער, האָט באַמערקט:

— איך דענק, אַז באַ מאַצומוראַ־סאַן איז אויך אַ צו פּרימיטיווער באַגריף וועגן דער יאַפּאַנישער פרוי.

מאַצומוראַ האָט זיך צעשמייכלט און האָט געענטפערט:

— איך שטודיר שוין איבער דרייסיק יאָר די פּסיכאָלאָגיע פון דער יאַפּאַנישער פרוי.

— און דאָך שטערט דאָס אייך ניט צו פאַרזיכערן, אַז אייערע שאַנד־הייזער זיינען אַן ערדישער גאַניידן פאַר די מיידלעך? זאָגט נאָר, וואָס פאַר אַ טאַריף איז באַ אייך פאַר אַן איינלאַדונג צום טיש?

מאַצומוראַ האָט געענטפערט:

— מיר האָבן אַ טאַריף, באַשטעטיקט פון דער פּאָליציי: צען יען אַ שאָ.

— ווהין גייט דאָס געלט? — פרעג איך.

— פיר יען פון די צען, מוזן איינגעצאָלט ווערן אַלס רעגירונגס־שטייער, צוויי יען באַקומט דאָס מיידל און פיר — איר באַלעבאָס.

— הייסט עס, אַז אין דער גרויסער האַנדלס־געזעלשאַפט פון קויף און פאַרקויף פון די פרויען נעמט אויך אַ היפּשן אָנטייל דער איצטיקער יאָשידאַ־קאַבינעט, וועלכער באַקומט פיר יען פאַר יעדער אַרבעטס־שאָ פון אַ גיישע?

— זיכער. מיר באַשטייערן זיך מיט גאָר גרויסע סומעס, וועלכע זאַמלען זיך אָן פון די פיר יען.

— קען איך פון דעם קומען צום באַשלוס, אַז דער לאַנד־ביודזשעט איז זייער פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָלן בליען אין יאַפּאַן די אַזוי גע רופענע „טיי־הייזלעך״.

— געווים, — האט געענטפערט מאצומורא מיט שטאָלץ — מיר ברענגען זייער גרויסע האכנאָסעס פאַרן לאַנד.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין טאָקיאָ ווו עס איז אַזאַ גרויסער דאָכקעס אין ווין־הייזער און ווו מען רעדט אַזוי פיל וועגן די שווערי־קייטן אף צו באַקומען געהילף און ציגל פאַרן בוי פון נייע הייזער — איז קוידעמקאָל פּאָלקשטענדיק פאַרבויט און באַנייט געוואָרן יאָסיוואַראַ — די ריזיקע געגנט פון שאַנד־הייזער, נאַכט קאַפעען און טיי־הייזלעך, ווו קיין טיי, פאַרשטייט זיך, ווערט ניט דערלאַנג — דאָרט האַנדלט מען מיט פרויען.

אַמאָליקע צייטן איז אַ גיישע געווען בעעמעס אַ גוט־דערצויגן מיידל, וועלכע האָט געקענט זינגען, שפּילן און טאַנצן. מען פלעגט זי איינלאַדן אף באַנקעטן, דיפּלאָמאַטישע אויפנאַמעס, אינטערנאַציאָנאַלע באַגעגענישן און אפילע אף געשעפטלעכע פאַרזאמלונגען, ווו זי האָט געזאָלט אכטונג געבן אַז אין זייערע וויקוכים זאָלן די געשעפטסלייט ניט איבערטרעטן די באַשטימטע גרענעצן פון אַנשטענדיקייט.

איצט אָבער פאַרמאָגט שוין מער ניט יאַפּאַן אַזאַ מין סאָרט גיישעס. איך האָב זיך אָנגעפרעגט וועגן דעם, וויפל עס זיינען נאָך געבליבן אין טאָקיאָ עמעסע גיישעס, דאָס הייסט מיידלעך וועלכע באַשעפטיקן זיך בלויז מיט דעם וואָס זיי קומען אף באַנקעטן אָדער געשעפטלעכע צוזאַ־מענקונפטן צו זינגען און טאַנצן. מען האָט מיר געענטפערט:

— אַ צען מיידלעך, אומגעפער.

איך האָב געפרווט דערוויסן זיך, וווהין עס זיינען אַהינגעקומען די אַזוי גערופענע גיישעס — זיי האָבן זיך דאָך געציילט ניט ווייניקער ווי טויזנט אין יעדער שטאָט. זיי האָבן דאָך מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם הויפּט־צענטער פון פאַרוויילונגס־לעבן פון דעם יאַפּאַנישן הויף, פון דעם יאַפּאַנישן אַדל, איך רייד שוין ניט וועגן די גוטבאַזיצער און וועגן די פּלוטאָקראַטן.

— קימאַט אַלע גיישעס זיינען געוואָרן גאַסן־פרויען. דאָס לעבן אַליין האָט זיי אַריינגעשליידערט אַהין, אין יאָסיוואַראַ, — דאָס איז אַלעמען באַקאַנט.

יעדער קולטורעלער מענטש אין יאַפּאַן איז איינשטימיק מיט דער מיינונג, אַז אין די שאַנד־הייזער איז ביז היינט צו טאָג פאַרבליבן די אומגעהערטסטע, שענדלעכסטע שקלאַפערישע סיסטעם. הונדערטער טויזנ־טער יונגע מיידלעך לעבן דאָרט, ווי אין דער שרעקלעכסטער טפיסע: זיי קענען ניט פאַרלאָזן דאָס הויז אפילע אף אַ מינוט. מען קען זיי נאָר אָדער אָפּקויפן אָדער אויסלייזן, ווי דאָס האָט געטאָן אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, וועלכער האָט אויסגעלייזט פאַר זעקס טויזנט יען אַ מיידל פון אַזאַ מין הויז. און אינערגעץ בליט ניט אַזוי דאָס יאַפּאַנישע מעאַ־דאָלע רעכט, ווי דאָרט, אין יענע הייזער פאַר גיישעס.

דער רעגירונגס־ביודזשעט פֿון יאַפּאַן באַקומט אַן איינקונפֿט פֿון פֿיר יען פֿאַר יעדער שאָ, וואָס אַ גיישע פֿאַרברענגט מיט אַ גאַסט. ווייזט אויס אַז אַ פֿאָר יען כוץ די פֿיר, פֿאַלן אויך אַריין אין די קעשענעס פֿון דער פּאָליציי. יעדנפֿאַלס איז פֿאַראַן אַ היפּשער כיילעק עמעס אין די רייד פֿון די דריי מיידלעך אין אָסאַקאָ, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז דעם קאַמף קעגן די שאַנד־הייזער מוז מען אָנהויבן פֿון די מיניסטאָרן און פּאָליציי, ווייל דאָרט שטעקן די וואָרצלען פֿון דער שרעקלעכער צאַראַס, וואָס באַדעקט יאַפּאַן שוין אַכט הונדערט יאָר.

— 19 —

איצט שפּאַנען מיר איבער די שמאָלע האַלב־באַלויכטענע געסלעך פֿון קיאָטאָ. פֿון די אָפֿענע פֿענצטער, אָדער די צוזאַמענגערוקטע „סיאָדזי״ דערטראָגט זיך צו אונדז אַ טרויעריקער ניגן פֿון עפּעס אַן אַלט ליד, אָן ווערטער. דער לייטענאַנט ברעדלי באַלויכט אונדז דעם וועג מיט אַ האַנטלאַמטערן. מיר בלאָנדזשען איבער דער שטאָט אָן אַ באַשטימטן ציל. מיר קוקן אַריין אין די קליינע קלייטלעך, ווו דער באַלעבאָס שלאָפֿט שוין אַף דער ערד, איינגעוויקלט אין זיין קימאָנאָ און די באַלעבאָסטע שטייט באַם אַריינגאַנג און וואַרט אַף קוינים; מיר שטעלן זיך אָפּ בא אַ קליינעם שטאָט־גערטנדל ווו אַפּן ווייכן גראָז „ווינען״ הײַמלאָזע מישפּאָכעס. אַן אַמעריקאַנער דינגט זיך מיט אַ ריקשאַ, קריכט אַרויף אַף די ווייכע קישנס פֿון וועגעלע, אויסשרייענדיק צום ריקשאַ: „אָ־קיי!״. פֿון די ברייטע טויערן פֿון אַ בודיסטישן טעמפּל גייט אַרויס אַ יאָנטעוודיקע פּראָצעסיע. פֿאָרויס טראָגט מען אַ קליינעם בודאַ, פֿאַרפּוצט מיט סטענגעס, קרענץ און ראַשיקע פֿעלד־בלומען. נאָך אים גייען יונגע באָכערים און מיידלעך אין מאַסקעס און אַלטערטימלעכע קליידער — זיי טאַנצן אַפּן גאַס אַרום דעם טראָג־בעטל מיטן בודאַ, דאָס טראָג־בעטל איז פֿאַרפּוצט מיט סאַמעט און זייד. נאָך זיי גייען טאַנצנדיק קליינע קינדער.

טויזנטער מענטשן שטייען מיט איינגעבויגענע קעפּ אַף די האַלבפֿינצטערע גאַסן פֿון קיאָטאָ און באַגלייטן מיט זייערע בליקן די פּראָצעסיע.

אַף אַ ראָג פֿון אַ גאַס ווערן מיר אָפּגעשטעלט פֿון צוויי מיידלעך מיט צוויי אַרמבענדער אַף די אַרבל פֿון זייערע קימאָנאָס. דאָס איז אַ פּיקעט. ווייטער טאָרן מיר ניט גיין, דאָרט געפֿינען זיך די שאַנד־הייזער און היינט שטרייקן דאָרט אַלע.

— וואָס איז די סיבע? — פֿרעגט ברעדלי.

— מיר פֿאָדערן, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ סינדיקאַט, — ענטפֿערן די מיידלעך — און אויך אַ העכערונג פֿון דעם לוין פֿון צוויי אַף פֿיר יען פֿאַר אַ שאָ. מיר וועלן שטרייקן. אַלע מיידלעך זיצן איצט

אף די טרעפּ פון די הייזער — איר האָט געזען? עס וועט אונדז מאַכע זיין שווער, ווייל דער באַלעבאָס דראָט אונדז מיט ארויסוואַרפן אפן גאַס. נאָר ער וועט דאָס ניט טאָן, ווייל דאַן וועט ער אליין רוינירט ווערן. מיר אָבער האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן, ערגער ווי עס איז קען שוין ניט זיין, וועלן מיר שטרייקן.

באַם אריינגאַנג פון אַ קינאָ־טעאַטער שטייט אַ פילפאַרביקער יאַפּאַנישער האָמוין. אַ לאַנגע ריי ציט זיך לענג־אויס דער שמאָלער גאַס און ווערט פאַרלוירן ערגעץ אין דער פינצטערניש. אַלע יאָגן זיך צו זען דעם נייעם אַמעריקאַנער פילם, וואָס הייסט „דער מענטש וואָס מאָרדעט באַגינען".

מיר גייען ארויס צום פּאַרק, ווו עס וואַרטן אף אונדז די „דזשיפּס". מען בעט אונדז ניט אַריינצוגיין אין פּאַרק, ווייל נאָך צען אַזייגער ווערט דער פּאַרק פאַרוואַנדלט אין „אינטימע אַלעען" פאַר די ליבעס־ראַנדעוועען פון די אַמעריקאַנער זעלנער. זיי שעמען זיך ניט.

אין האָטעל קערן מיר זיך אום שווייגנדיקע. דער לייטענאַנט ברעדלי פאַרבעט אונדז שוין ניט מער אין באַר אריין. ער פרעגט נאָר:

— זאָגט, וואָס נאָך ווילט איר זען? מיר וועלן אייך אַלץ ווייזן. זאָל אייך גאָר ניט קימערן דער פאַרבאָט. איך וואָלט נאָר געוואָלט, אַז איר זאָלט פאַרגעסן דאָס אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין נאַגאַסאַקי.

דער לייטענאַנט סקובי רעדט שוין ניט ארויס מיט שאַרפקייט די פראַזע: „מיינע הערן, אַהין טאָרט איר ניט גיין". פאַרקערט, ער שלאָגט אונדז פאָר זיין הילף. עפּשער אינטערעסירט אונדז די שטאָט קאָפּע? עפּשער גאָר אַ וווינונג פון אַ יאַפּאַנישן אַרבעטער? און שפּעטער אפן דאַך פון אונדזער האָטעל, ווו עס געפינט זיך דער אַמעריקאַן־באַר, באַ אַ גלאָז ביר איז ער זיך מודיע פאַר אונדז, אַז אים ווילט זיך אַוועקפאָרן פון יאַפּאַן. יאָ, עמעס, ער, דער לייטענאַנט סקובי וויל בעסער וווינען אין זיין פּיטסבורג. אין דער צייט פון דער מילכאָמע איז ער געווען אַ לופט־פליער, דערנאָך האָט מען אים באַשטימט אין „דזשיטו", ווייל ער באַזיצט די רוסישע שפּראַך. סקובים פאָטער, אָבער, וועלכער וווינט אין פּיטסבורג, ווייסט גאָר ניט אַז זיין זון איז אַ דזשיטו־אָפיציר. סקובי וויל זיך צוריקקערן אַהיים מיט אַ געווויסן פון אַ מענטש וואָס האָט אויסגעפירט זיין פליכט פאַרן אַמעריקאַנער פאָלק. איצט, אָבער, זייענדיק אין יאַפּאַן, פירט ער אַ לעבן פון אַן אויטאָמאַט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרטראַכט וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין טאָקיאָ, אָדער אין קיאָטאָ, אָסאַקאַ און נאַגאַסאַקי. אים האָט גאָרניט אינטערעסירט דאָס לעבן פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק. ערשט איצט, אין פאַרלויף פון דער רייזע, האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט אַז דאָס יאַפּאַן קעגן וועלכן ער האָט געקעמפט — לעבט ווידער אויף און אַז ער, דער לייטענאַנט סקובי העלפט צו, אַז אָט די יאַפּאַן זאָל זיך ווידער פאַרפעסטיקן. ער — איז

אַ קליין מענטשעלע, אָבער דאָך פאַרשטייט ער, אַז ווען עס איז אין דער צוקונפט וועט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק אים דאָס פאַרוואַרפן.

— באַם שכיינעסדיקן טישל הערט מען זיך אונטער, — באַמערקט שטיל דער לייטענאַנט ברעדלי.

— זאָלן זיי. זיי קענען נאָר מיך אָפּשיקן צוריק קיין אַמעריקע. איך וועל זיי זייער דאַנקבאַר זיין דערפאַר — און פון גרויס פרייד וועל איך דריי טעג נאָכאַנאַנד טרינקען וויסקי בא מיר, אין מיין פיטסבורג.

— אויב אַזוי, ווי אַזוי וואָלט איר געוואָלט זאָל אויסזען יאַפּאַן?

— פרעגן מיר באַם לייטענאַנט ברעדלי.

ברעדלי איז אַ יונגער אַמעריקאַנער, אַ זון פון אַ פאַבריק־מייסטער. ער אַליין האָט אויך נאָכן פאַרענדיקן די שול געאַרבעט קימאַט אַ יאָר אַלס טאָקער אין אַ פאַבריק נישט ווייט פון ניו־יאָרק. שפּעטער האָט ער שטודירט אין דער מיליטערישער שול. אָפּן פראַנט אָבער איז ער נישט געווען. ערשט מיט צוויי כאַדאָשים צוריק איז ער געקומען קיין יאַפּאַן. „עס שיינט אַז אַף לאַנג" — באַמערקט ברעדלי. ער האָט שוין דאָ באַקומען זיינע געוווינהייטן: ער רויכערט נאָר סיגאַרן „אַנטאָני און קלעאָפּאַטראַ" און טרינקט בלויז קאַלטן ביר. ער האָט נישט ליב קיין וויסקי און מיט פאַראַכטונג רעדט ער וועגן קאָקאַ־קאָלאַ. עס געפעלט אים, וואָס דער באַי־סאַן, וועלכער באַדינט אים, קען שוין אַלע זיינע געוווינהייטן. דאָ אין יאַפּאַן געפעלט אים נישט. ער קען נישט באַגרייפן אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר. ריכטיקער געזאָגט — ער האָט זיך נאָך נישט פאַרטראַכט וועגן דעם. ווי אַזוי זאָל אויסזען יאַפּאַן? ער, דער לייטענאַנט ברעדלי, איז טאַקע בעעמעס נישט באַהאַוונט אין די איניאָנים, נאָר עפּעס וואָס האָט ער שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אין פאַרלויף פון דער רייזע מיט אונדז.

— וואָלט איר געוואָלט, אַז אין יאַפּאַן זאָל פאַרבלייבן דזייבאַצו?

— ניין, — ענטפערט ברעדלי.

— ווייזט זיך אייך נישט אויס, אַז דער פעאָדאַלער סיסטעם וועט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין דער יאַפּאַנישער מישפּאָכע?

— יאָ, דאָס איז צום גרויסן באַדויערן עמעס, — ענטפערט ברעדלי. — איך בין אָבער אַ קליין מענטשעלע און קיינער פרעגט בא מיר נישט קיין אייצעס. איבעריקנס, לאָמיר דאָס לאָזן אין אַ זייט ... באַי־סאַן, קאַלטן ביר! — שרייט ער אויס און צעלייגט זיך אין זיין טיפן פאָטעל.

— פאָרן מיר קיין קאָבע?

— יאָ, מיר מוזן אָבער אָמווייניקסטן דריי שאָ אָפּרוען.

באַגינען פאָרן מיר אַרויס אַף דריי „דזשיפּס".

אין דער שטאָט קאָבע באַגעגנט אונדז אַן אַמעריקאַנער מאַיאָר. ער וועט אונדז זייער גערן ווייזן די שטאָט, אָבער, צום באַדויערן, טאָרן מיר נישט באַזוכן די פאַבריקן פון קאַוואַסאַקי און מיצובישי. מיר האָבן דעם איינדרוק אַז אויך סקובי און ברעדלי באַדויערן דאָס. קוידעמקאָל פירט

מען אונדז אין די בערג, ווו די אַמעריקאַנער אָפיצירן האָבן זיך איינגע־אָרדנט אין באַקוועמע און לוקסוסיעזע „קאָטעדזשן".

קאָבע איז שטענדיק געווען אַ מיליטערישע און אינדוסטריעלע שטאָט. דאָ זיינען קאָנצענטרירט אַלע ווערפטן, מעטאַלורגישע און מאַשינען־פאַב־ריקן פון יאַפּאַן. דאָ זיינען אויך געווען די הויפּט־באַזעס פון באַדייטנדיקע יאַם־ און לופט־קויכעס. די שטאָט איז האַלב צעשטערט, אָבער זי ווערט שוין ביסלעכווייז באַלעבט. די פאַבריקן זיינען אין גאַנג, עס ווערן אַרויס־געלאָזט שיפטן — דערווייל נאָך בלויז פאַר מינען־קלייבער און אויך דיזעל־מאָטאָרן פאַר דער אַמעריקאַנער אַרמיי. פּונקט ווי אין אָסאַקאַ גייט דאָ אָן אַ לעבהאַפטער האַנדל. אויף די פאַרשוואַרצטע ליידיקע פּלעצער, ווו מאָל זיינען געשטאַנען קליינע שטיבעלעך פון דער אָרעמקייט, באַ־ווייזן זיך געצעלטן מיט ביליקע, פּילפאַרביקע קלייניקייטן — שפּילצייג, שאַכטעלעך, טאַצן, קונסט־זייד און הויז־געשיר.

מיר שטעלן זיך אָפּ באַ אַ קליין שטיבעלע פון ברעטער, ווו האַלב־נאַקעטע באָכערים זעגן אויס עפּעס אויסטערלישע פּאַפּיראָסן־שאַכטלעך, צינדערס און ציגאַרן־שפּיצן.

— ווער קויפט דאָס אַלץ באַ אייך? — פרעגן מיר באַם אויסגע־דאַרטן באַלעבאָס, וועלכער, דערזעענדיק אונדז, וואַרפט אַרויף אַ טונ־קעלן קימאָנאָ אויף זיין נאַקעטן לייב.

— די אַמעריקאַנער, — ענטפערט ער. — איצט קויפן די יאַפּאַנער גאָרניט, ווייל זיי האָבן ניט קיין געלט. זיי זיינען אַפילו ניט אימשטאַנד צו קויפן פאַר זיך קיין גרינוואַרג און פיש.

איצט איז דאָס געלט אין יאַפּאַן אַש. דאָס איז אַלץ וואָס עס בלייבט איבער פון די פאַרברענטע רייכטימער.

אויפן פּלאַץ באַם באַן דערהערן מיר עמעצנס רוף נאָך הילף. באַם וואָקזאַל שטייט אויף אַ פּאָדיום אַ מאַן אין אַ פאַרשמאַלצענעם רעקל, האַלט אַ מעגאַפאָן אין האַנט און שרייט צו דעם פאַרזאַמלטן עולם:

— העלפט אונדז און מיר וועלן באַקעמפן דזייבאַצו!

אינעם טאָג פון אונדזער אָנקומען האָבן אין קאָבע געשטרייקט די אייזנבאַנער. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער פּראָטעסט־שטרייק קעגן דעם רעאַקציאָנערן רעזשים פון יאָשידאַס מיניסטאָרן־קאַבינעט. דער גאַנ־צער קנויל פון דער קאָנטאַיער געגנט איז ווי אָפּגעשטאָרבן. אויך אַלע פאַבריקן פון קאָבע האָבן זיך גינסטיק אָפּגערופן אויף דעם „פּראָטעסט־טאָג". אויף אַלע וועגן פון קאָבע ביז טאָקיאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט די באַ־וועגונג פון די עלעקטרישע באַנען. צום אָוונט אָבער איז די לאַגע דער־קלערט געוואָרן אַלס אַ „דראָענדיקע פאַר דער אַמעריקאַנער אַרמיי". אין אַזאַ פאַל ווערט שוין דערלויבט צו פאַרלעצן אויך די צוגעוואָרפענע ברעקלעך פון די „דעמאָקראַטישע פרייהייטן". אויף דער באַן־סטאַנציע האָבן

זיך באַוויזן אַמעריקאַנער דזשיפּן פון דער עמפּי. און אַף דער באַן־ליניע האָט ווידער געהערשט אַ „שאָלעם".

פונדעסטוועגן שפּעטער מיט דריי וואָכן איז דער שאָלעם ווידער געשטערט געוואָרן און נאָך מיט אַ שטאַרקערן און צאָרנדיקערן קויעך. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אַף אים ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט קיין טאָקיאָ.

— 20 —

דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין קיאָטאָ. מיר האָבן זיך דאָרט פאַרהאַלטן נאָך אַף אַ טאָג, וועלכן מיר האָבן פאַרבראַכט אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט. מיט אַ טאָג פריער זיינען מיר געווען צוגאַסט באַם פּראָפעסאָר נאַגאַווא. אונדז האָט באַגעגנט אַ גלאַט־אויסגעראַזירטער מענטש מיט גרויע קורץ־געשוירענע האָר, אָנגעטאָן אין אַ דינעם, אָפּגעטראָגענעם קימאָנאָ און יאַפּאַנישע לייוונטענע זאָקן. ער האָט אונדז אויפגענומען שטייענדיק אַף אַ טרעפּל פון זיין קליין שטיבעלע אָן אַ הויף, אָדער גערטנדל. מיט די הענט אַף די קני האָט ער זיך אַ לאַנגע צייט גענייגט פאַר אונדז, דערנאָך האָט ער אונדז געבעטן מיר זאָלן אויסטאָן אונדזערע שיך און אין זאָקן זיינען מיר גייענדיק נאָכן באַלעבאָס, אַריין אין זיין קאַבינעט. דער קאַבינעט איז געווען אַ האַלב־ליידיקער צימער און די אַרומיקע פּאָליצעס זיינען געווען אָנגעפילט מיט ביכער. דער פּאָל באַדעקט מיט טעפּיכלעך. צוויי באַמבו־שטולן און אַ האַלב־רונד טישל — דאָס איז געווען דאָס גאַנצע מעבל פון קאַבינעט. נאַגאַווא אַליין איז געזעסן אפן פּאָל אַף אַ טונקל־רויטן קישן, אונדז האָט ער אויסגעזעצט אַף די שטולן. שפּעטער אָבער, האָבן מיר זיך אויך אַוועקגעזעצט אפן פּאָל לעבן אים. מען האָט אונדז דערלאַנגט דעם טראַדיציאָנעלן יאַפּאַנישן גרינעם טיי, וועלכן מיר האָבן אין יענעם אָוונט געטרונקען אָן כיישעק.

— טרינקט דעם טיי — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר — וועט איר לייכטער איבערטראָגן די היץ.

נאַגאַווא האָט אונדז דערציילט, אַז אין די מילכאָמע־יאָרן האָט ער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו געבן זיינע לעקציעס. ער איז אַן אַלטער מאַן, וואָס שטרעבט צו אַ רויִקן און פרייען לעבן פאַר זיין פאָלק, און דעריבער איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דער מיליטאַריזירונג פון דעם שול־וועזן. נאַגאַווא האָט לאַנג געהונגערט און געליטן גרויס נויט. איצט האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין קיאָטאָ. דאָס איז אַ צוריקגעהאַלטענער שווייגנדיקער מענטש, וועלכער האָט אין זיין לעבן זייער פיל דורכגעמאַכט, און וועלכער באַקלאָגט זיך דאָך ניט אַף זיין גוירל, האָגאָם אויך היינט איז אים גאָר ניט אַזוי לייכט, ווייל ביזן היינטיקן טאָג ווערט ער ניט דערלאָזט צום אוניווערזיטעט.

— פאַקטיש האָט זיך דאָך דאָרט קיין שום זאַך ניט געענדערט, — באַמערקט ער מיט פאַרביטערטקייט.

דער פּראָפעסאָר האָט בײַ אונדז געפרעגט, אויב עס איז אונדז עפּעס באַקאַנט וועגן דער שול, וועלכע עקזיסטירט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אין קויבוטי.

— ניין, — ענטפערן מיר.

— די שול — דערציילט אונדז נאַגאַוואַ — האָט געגרינדעט קאַטאַ קאַנדזי, אַ באַוווּסטער פירער פון „בוסאָ אימינדאַן", וואָס באַטייט באַוואָפנטע קאָלאָניסטן.

די שול איז געווען געשטיצט פון דעם קאָלאָניע־מיניסטער און אויך פון דעם שטאַב פון דער קוואַנטונער אַרמיי. אין דער שול פלעגט מען צוגרייטן מענטשן, פעיִקע צו קאָלאָניזירונגס־טעטיקייט אין מאַנדזשוריע און כינע, אויף די פּילינען־אינדזלען און אין רוסלאַנד. דער אַריינטריט אין דער שול „בוסאָ אימינדאַן" איז געווען בלויז פאַר פּריוויליקע, פונדעסטוועגן פלעגן זיי מאַסנווייז אַנטלויפן פון דאָרט, ניט קענענדיק אויסהאַלטן די אַכזאָריעסדיקע איבונגען און דעם דעספּאָטישן רעזשים, וועלכער איז געווען איינגעפירט פאַר די צוקונפטיקע קאָלאָניסטן פון קאַטאַ קאַנדזי. נאָך יאַפּאַנס מאַפּאָלע איז די שול פאַרבליבן, אָבער בלויז אונטער אַן אַנדער נאָמען, איצט הייסט זי „די העכערע אַגראָנאָמישע שול", אָבער אין איר זיינען פאַרבליבן די זעלבע שילער, די זעלבע לערער און אויך דער זעלבער סיסטעם פון לערנען. דער דירעקטאָר פון דער שול הייסט קאָנדע מאַנדזי, אַ נאָענטער פריינט און מיטאַרבעטער פון די וויכטיקסטע אַסקאָנים פון דער געזעלשאַפט „די מיליטערישע קאָלאָניסטן".

די בילדונגס־פּראָגראַם באַשטייט הויפּטזעכלעך אין דעם, וואָס די פּראָפעסאָרן פלאַנצן איין אין די מויכעס פון זייערע שילער, די הויפּטבאַזעס פון דער מיליטאַריסטישער אָנגרייפערישער אידעאָלאָגיע. בײַ דער שול איז געגרינדעט געוואָרן אַ באַזונדערע געזעלשאַפט, וועלכע פאַרעכנט זיך אַלס דירעקטע נאָכפאָלגערן פון דער געזעלשאַפט „בוסאָ אימינדאַן". דער שול־דירעקטאָר האָט זיך אויסגעדריקט אַמאָל, אַז אַלע יונגעלייט, וועלכע שטודירן דאָ מוזן גלויבן אין דער ווידעראויפלעבונג פון אַ שטאַרקער און באַוואָפנטער יאַפּאַן.

— נעמט אין אַכט, — האָט ער געזאָגט — אַז די אַמעריקאַנער וועלן אונדז ניט שטערן. פאַרקערט זיי וועלן נאָך צוהעלפן. און די שול עקזיסטירט נאָך, — האָט גאַנץ טאָקיאָ ווייסט וועגן דעם.

— אָבער דאָך וועמען גרייט מען דאָרט צו? — האָב איך געפרעגט.

— די אַלע יונגעלייט וועלכע שטודירן דאָרט, וועלן יעדנפאַלס זיך ניט קענען פאַרנעמען מיט אַגריקולטור, — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר. — דאָס וועלן זיין מענטשן דערצויגענע אין דעם גייסט פון אַגרעסיע און זייער וויסן באַזירט אויף דער נויטווענדיקייט פון קאָלאָניזירן

פּרעמ[illegible]עס. מען לערנט זיי דאָרט אוי[illegible]קונסט פון אַנטרייבן שקלאַפן".

— און עס איז פאַראַן אין יאַפּאַן אַ סאַך אַזעלכע שולן? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, איך גלויב, אַז ניט ווייניק. עס איז שווער זיי צו דערקענען. די אַלע שולן האָבן געביטן זייערע נעמען, און ניט שטענדיק איז דאָ אַ מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין זייער אינערלעכן לעבן, — מען היט זיי. איך בין אָבער געווען אין קאָיבוטשי — דאָרט איז דער מיטלפּונקט פון „בוסא אימינדאַן".

— און ווי זעט אויס מיט די הויכשולן? האָט זיך אויך גאָרניט געענדערט אין די אוניווערזיטעטן? — פרעגן מיר.

— קען זיין, אַז איך מאַך אַ טאָעס, — ענטפערט נאַגאַווא — קוקט זיך אַליין צו. איך האָף, אַז מען וועט אייך צולאָזן אַהין.

— זיכער אַז יאָ, — האָט באַמערקט דער לייטענאַנט ברעדלי.

גלייך אַף מאָרגן זיינען מיר אַוועקגעפאָרן אין דעם אוניווערזיטעט. ווי עס פירט זיך שוין בײַ אַזעלכע פאַלן, האָט מען אונדז קוידעמקאָל באַקאַנט געמאַכט מיט דער געשיכטע פון דער הויכשול. דער אוניווערזיטעט איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1897. ער פאַרמאָגט פאָלגנדיקע פאַקולטעטן: אַ יורידישן, עקאָנאָמישן, ליטעראַרישן, אַגראָנאָמישן, פיזיק־מאַטעמאַטישן, טעכנאָלאָגישן און מעדיצינישן. כּוץ דעם געפינען זיך בײַם אוניווערזיטעט אויך אינסטיטוטן: אַ כימישער, קוילן־אינסטיטוט, טעכנישער, האָלץ־כימישער און הומאַניסטישער. אין די אינסטיטוטן ווערט געפירט מערסטנטייל אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס־טעטיקייט. אין איצטיקן מאָמענט באַזוכן דעם אוניווערזיטעט אַכט טויזנט סטודענטן. דריי הונדערט פּופּציק פּראָפעסאָרן לייענען דאָרט לעקציעס. דאָס איז אַ ריזיקער פאַרשפּרייטונגס־פּונקט פון קולטור, איינער פון די באַדייטנדיקסטע הויפּט־צענטערן פון יאַפּאַנישער שטודיום און וויסנשאַפט. ער וואָלט אויך געקאָנט דינען אַלס די „אויפריים־קראַפט" אין קאַמף קעגן דעם פעאָדאַלן און מיליטאַריסטישן שטייגער אין יאַפּאַן, און דאַן וואָלט ער זיכער באַלויכטן פאַרן פאָלק דעם וועג צו אַ דעמאָקראַטישער צוקונפט. דער אוניווערזיטעט אָבער לעבט נאָך אַלץ מיט דער פאַרגאַנגנהייט. מיר האָבן געהאַט אַ צוזאַמענקונפט מיטן פּאָרזיצער פון דעם אוניווערזיטעט און מיט די פּראָפעסאָרן. זיי האָבן זיך מוידע געווען, אַז דער אוניווערזיטעט האָט נאָך ניט געענדערט זיין פּראָגראַם און די לימודים ווערן דורכגעפירט נאָך אַלץ לויט די לערן־ביכער וועלכע זיינען באַשטעטיקט געוואָרן נאָך פון פאַר דער מילכאָמע. יאַפּאַנס מאַפּאָלע האָט ווייזט אויס ניט אַריינגעבראַכט קיין שום באַדייטנדיקע ענדערונגען אין דעם לעבן פון דעם קיאָטער אוניווערזיטעט. אַלץ גייט נאָך לויט דעם שוין פון לאַנג איינגעפירטן סיידער, און די פּרינציפּן פון דעם בילדונגס־אַנשטאַלט האָבן

זיך אַפילע־קיין וואַ[illegible]ניט געטאָן אין יענע טעג, וואָ[illegible] אי־ בערגעלעבט די מיליטערישע מאַפּאָלע. פּונקט אַזוי ווי אַמאָל, ווערן אָפּן אַגראָנאָמישן פאַקולטעט צוגעגרייט מענטשן, וועלכע זאָלן קענען אָנפירן מיט אַ לאַנדווירטשאַפט אויף אַ קאָלאָניזאַטאָרישן שטייגער און פּונקט ווי אין דער צייט פון דער מילכאָמע ווערן דאָ שטודירט די „גרונט־פּראָ־ בלעמען" פון דער „גרויסער מיזרעך־אַזיע". און אַזוי ווי שטענדיק הערן דאָ אויס די יונגעלייט פּאָרטראָגן וועגן מיליטערישער געשיכטע און טאַק־ טיק מיט אַן עכט נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג, וועלכער איז אַזוי כאַראַק־ טערסטיש פאַר דעם באַרימטן „אַראַקי־שטודיום".

דער אוניווערזיטעט, וועלכער געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון הונדערטער בודיסטישע און סינטאָיִסטישע טעמפּלען האָט זיך שטענדיק באַשעפטיקט מיטן צוגרייטן מענטשן, וועלכע זאָלן בלינד געהאָרכזאַם זיין דעם טעננאָ. יעדע לעבעדיקע פאַראינטערעסירונג, יעדער שפּור פון אַן אַנדערן אַרט דענקען פלעגט דאָ ווערן אויסגעראָטן און באַשטראָפט מיט דער גרעסטער ריקזיכטסלאָזיקייט און אַכזאָריעס.

איך האָב געפרעגט דעם פּראָפעסאָר טאַקיגאַווא, וואָס גיט לעקציעס אין יורידישן פאַקולטעט, אויב עס זיינען פאָרגעקומען וועלכע ניט איז ענדערונגען אין די שטאַנדפּונקטן פון די געזעץ־פּראָבלעמען.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— דערווייל איז נאָך ניט פאָרגעקומען קיין שום ענדערונג, מיר האָפן אָבער אַז עפּעס וואָס מוז געשען. עס איז דאָך אוממעגלעך צונויפ־ בינדן די דעקלאַראַציע וועגן דער דעמאָקראַטיזירונג מיט דער לערע פון אַ רעאַקציאָנערער יורידישער דאָקטרין. איך אַליין אָבער קען גאָרניט אויפטאָן. איר פאַרשטייט מיך?

אין דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט פאַרנעמט דער סינטאָיִזם איינעם פון די צענטראַלסטע ערטער. עמעס אַז עס איז זייער שווער אין מעשעך פון בלויז איין יאָר צו ענדערן די אָנשויונגען פון מענטשן, וועלכע זיינען פון זייערע קינדעריאָרן אָן דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט אַן אולטראַ־ נאַציאָנאַליסטישן און אָפּטמאָל אויך פאַשיסטישן גייסט. פיל שווערער איז צו ענדערן דעם לימוד־סיסטעם, וועלכער האָט זיך איינגעוואָרצלט אין מעשעך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. אַזאַ איבערברוך אָבער מוז זיך אָנהויבן. אָן דער גרינטלעכער רעאָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער בילדונג־ סיסטעם קען מען אַפילע ניט דענקען וועגן וועלכע ניט איז סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע רעפאָרמען אין יאַפּאַן. מען קען מאַכן אין פאַרלאַ־ מענט די העכסט־באַגייסטערטע דערקלערונגען, נאָר אויב פון דעם אוני־ ווערזיטעט וועלן אַרויסקומען מענטשן, וועלכע זיינען איבערצייגט אין דער גרויסקייט און אין דער געטלעכער אָפּשטאַמונג פון טעננאָ, וועגן דער אויבערמאַכט און אויסדערוויילטקייט פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק — וועלן מיר אַלע גאָר אינגיכן זיך אָנשטויסן אויף אַ שפּאָגל נייעם נאַציאָ־

נאַליזם און אַף אַ גאַר „נייער אידעע" וועגן דער פאַרשקלאַפונג פון דער וועלט. און דאָס ווערט נאָך געפערלעכער, אויב מען זאָל נעמען אין אַכט, אַז דער „אַלטער נאַציאָנאַליזם" און די אַלע „אַלטע טרוימען" זיינען ניט צעקלאַפּט, ניט באַגראָבן, נאָר פאַרקערט, זיי געפינען זיך בלויז אויסבאַהאַלטן אין דער אונטערערד און וואַרטן אָפּ נאָר אַף אַ גינסטיקן מאָמענט קעדיי ווידער אַרויסצוקריכן אַף דער ליכטיקער שיין.

— איז דאָס עמעס, אַז די סטודענטן איז פאַרבאָטן צו פירן אַ פּאָ־ליטישע טעטיקייט? — פרעג איך באַם פּאָרזיצער פון דעם אוניווערזי־טעט, פּראָפעסאָר טאַריגאַוואַ.

— וועגן דעם ווייס איך גאָרניט, — ענטפערט ער מיר.

מיר גייען צו די סטודענטן. זיי וואַרטן אַף אונדז אין אוידיטאָריום. קוידעמקאָל באַקלאָגן זיך די סטודענטן אַף דעם פּאָרזיצער טאַריגאַוואַ, וואָס ער דערקויבט זיי ניט אַרויסצולאָזן אַ וואַנט צייטונג, און ווען ניט קוקנ־דיק אַף זיין פאַרבאָט איז די וואַנט־צייטונג דערשינען, האָט ער באַפוילן זי טייקעף אַראָפּנעמען. אין דער וואַנט־צייטונג איז געווען אַזאַ מין פראַ־זע: „מיר באַטיטלען דעם בילדונג־מיניסטער טאַנאַקאַ אַלס רעאַקציאָנער, ווייל ער איגנאָרירט און האַמעוועט דעם פּראָגרעס און די רעפאָרמען פון דער עפּאָכע".

— האָט איר אין זינען דעם בילדונג־סיסטעם? — פרעגן מיר.

— יאָ, — ענטפערט אַ סטודענט מיטן נאָמען קוואַבאַראַ — אין די אוניווערזיטעטן זיינען פאַראַן זייער פיל רעאַקציאָנערן אָבער עס פעלן אויך ניט אַזעלכע, וועלכע שטרעבן צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון יאַפּאַן. איצט האָט מען פאַרבאָטן, אַז די סטודענטן זאָלן קענען אַרויסזאָגן זייערע שטאַנדפּונקטן און איבערהויפּטן זיך אַריינמישן אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

ער האָט אונדז דערמאָנט די רעדע, וועלכע עס האָט געהאַלטן דער בילדונג־מיניסטער טאַנאַקאַ אין דעם קאַמער פון אַדל. דער מיניסטער האָט גערופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאַמער אַף דעם, וואָס נאָך יאַפּאַנס קאַפּיטולירן באַמערקט זיך אין די אוניווערזיטעטן אַ טענדענץ צו אַ פּאָליטישער באַוועגונג. „די שולן מוזן זיך געפינען אויסער די גרע־נעצן פון פּאָליטישן קאַמף", האָט דערקלערט דער מיניסטער. ער האָט געפאָדערט, אַז עס זאָלן באַשטראָפט און באַזייטיקט ווערן די אַלע, וואָס ווילן נאָר אַריינפירן אין די אוניווערזיטעטן פּאָליטישע געדאַנקען, ווער עס מאַכט פּאָליטישע בונטן און גראָבט מיט דעם אונטער דעם שווערעש פון דעם שול־וועזן.

— מיר באַטראַכטן דאָס אַלס אַ פּרווו צוצונעמען באַ אונדז אַלע בירגער־רעכט, — באַמערקט דער סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט נאַדזירי.

דער באַכער איז געווען אויפגעברויזט: ער האָט געהאַלטן אין איין

פֿאָדערן מען זאָל אים אויסהערן. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט ניט באַוויזן אַרויסצוזאָגן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין זינען. שפּעטער האָט מען מיר איבערגעזעצט זיינע ווערטער.

— ניט שוין זשע וועט מען אויך איצט, פּונקט ווי פֿריער, אויס־בילדן אין די אוניווערזיטעטן מענטשן, וועלכע זאָלן טויגן בלויז פֿאַר דער מילכאָמע און וועלכע דענקען בלויז וועגן אַ מילכאָמע?

איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, נאָר אין דעם אויגנבליק האָבן זיך אַלע אומגעדרייט צו די אַמעריקאַנישע אָפֿיצירן. פֿאַר די יאַפּאַנישע יונגעלייט איז נאַדזיריס צאָרן געווען אַ צו אַרויסרופֿערישער. ווי אַזוי וועלן דאָס אויפֿנעמען די אַמעריקאַנער? יענע אָבער האָבן אַף אונדז גאָר ניט גע־לייגט קיין אַכט. ברעדלי איז געזעסן אין אַ זייט און זיך געפּאָרעט מיט זיין סיגאַר און סקובי האָט זיך פֿאַרנומען מיטן באַטראַכטן די קאָלעקציע פֿון וווּלקאַנישע מוסטערן.

— מערקווירדיק, — זאָג איך צו סקובין — די סטודענטן האָבן מוירע אַרויסצוברענגען דעמאָקראַטישע געדאַנקען, אָדער צו טאַדלען דעם מיליטאַריזם אין דער קעגנוואַרט פֿון די אַמעריקאַנער. פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי? איר באַשטראָפֿט דען זיי דערפֿאַר?

— ווירקלעך? — האָט זיך געוווּנדערט סקובי. — פֿאַר מיר איז דאָס אַ ניַיס.

גלייך האָט ער בליק־געטאָן אַפֿן זייגער און דערמאָנט:

— ביז דער צוג גייט אָפּ בלייבט אונדז איבער בלויז נאָך דריי שאָ, און מיר האָבן נאָך אַ „קליינע פּאַרטיע" — אַזוי הייסט בא די אַמעריקאַנער אַ מיטיק, אָדער אָוונטברויט, ווען זיי זיינען איינגעלאַדן, אָדער גלאַט אַ מין „אַ לאַ פֿורשעט" אין עמעצנס וווינונג.

— מיר קענען שוין פֿאָרן, — ענטפֿערן מיר און געזעגענען זיך מיט די סטודענטן.

זיי האָבן אונדז אַרויסבאַגלייט ביזן הויף, זיך געניייגט אַ לאַנגע צייט לויטן יאַפּאַנישן שטייגער און אונדז נאָכגעשריִען „סאַיאָנאַראַ" (אַף ווידערזען).

די „קליינע פּאַרטיע", וועגן וועלכער עס האָט דערמאָנט סקובי איז פֿאָרגעקומען אין דעם גאָרטן פֿון אַ רייכער יאַפּאַנישער דירע ווו עס האָט געוווינט דער לייטענאַנט־קאָראָנעל קלאַרק. דאָרט האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַמעריקאַנישע אָפֿיצירן פֿון די העכערע ראַנגען. דער לייטענאַנט־קאָראָ־נעל האָט אונדז באַוויזן דאָס הויז, ווו ער האָט זיך זייער באַקוועם איינ־געאָרדנט. אין דעם אונטערשטן שטאָק — דער גאַסט־צימער, סאַלאָן און עס־צימער; אויבן — די שלאָף־צימערן, קינדער־צימערן און סאַלאָנען פֿאַר ספּאָרט־איבונגען. אַף די קליינע יאַפּאַנישע טעפּיכלעך זיינען גע־לעגן גרויסע גראָבע טעפּיכער. אין גאָרטן לעבן אַ קליינעם שטייענדיקן טייכל איז געשטאַנען אַ געדעקטער טיש מיט אַמעריקאַנער וויסקי, גע־

בעקס, טרוקענע געפּרעגלטע קאַרטאָפל, די אומפאַרמיידלעכע קאָקאַ־קאָלאַ און אַמעריקאַנער ביר, וועלכער קומט אָן אין יאַפּאַן פון ניו־יאָרק אין אייזערנע שאַכטלען. דער לייטענאַנט־קאָראָנעל האָט פאַרגעשלאָגן אַ טאָסט פאַר „פרײַנטשאַפט מיט רוסלאַנד". ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער פּאַשעטער אַמעריקאַנער שטרעבט צו אַן אייביקער פרייַנטשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד.

— דעם טאָסט, — האָט ער געזאָגט — שלאָג איך פאָר ניט אויס דיפּלאָמאַטישער העפלעכקייט. ניין. איך בין אַ סאָלדאַט, און איך זאָג דאָס, וואָס איך פיל. די אַלע אַמעריקאַנער, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן רוסלאַנד, זיינען לויט מיין מיינונג, ניט קיין סאָנים פון רוסלאַנד, נאָר סאָנים פון אַמעריקע. דעריבער, לאָמיר טרינקען פאַר דער פריינטשאַפט מיט רוסלאַנד, — האָט ער פאַרענדיקט.

די אַמעריקאַנער האָבן אונדז באַגלייט ביז צום באַן. דאָרט אין דעם נאָך אַלץ איזאָלירטן וואַגאָן האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן לייטענאַנט ברעדלי. ער פאַרבלייבט אין קיאָטאָ. מיט אונדז פאָרט מיט נאָר דער לייטענאַנט סקובי.

— איר זעט ווי גוט מען באַהאַנדלט אייך, — שמייכלט דער לייטענאַנט ברעדלי — מיט אייך פאָרט מיט בלויז איין אַמעריקאַנער.

— אוודע, אוודע, — ענטפערן מיר אין דעם זעלבן טאָן. — נאָר עפּשער האָט איר זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט? עפּשער האָט איר אונדז געגעבן צופיל פרייהייט?

— ניין, איך פאַרשטיי אַלץ. איך פאַרשטיי אפילו אייער איראָניע. מיר איז זייער פיינלעך, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען אייך נאָכשפּירן. זייער מעגלעך, אַז איך וועל זיך שוין מער מיט דעם ניט פאַרנעמען. איך פיל, אַז מיר טוען דאָ עפּעס ניט דאָס... וואָס מען דאַרף. מיך וועט זייער פרייען, אויב מיר וועלן זיך מיט אייך באַגעגענען אין אַמעריקע.

— דאָרט איז דען ניטאָ קיין דזשיטו? — פרעג איך.

— איך ווייס ניט. איך דענק אָבער, אַז עס דאַרף ניט זיין... אויב מיר ווילן נאָר אַז עס זאָל זיין פרייהייט און שאָלעם...

מיר דריקן זיין האַנט. אונטער דער מאַסקע פון אַ דזשיטו־אָפיציר באַהאַלט זיך דאָך אויס אַ לייטישער יאַט.

דער צוג פאַרלאָזט קיאָטאָ. ווידער רירן מיר זיך איבער אַ הויכן באַן־אָנשיט. די שטאָט בלייבט ערגעץ אונטן. דער עלעקטרישער לאָקאָמאָטיוו פאַרשנעלערט זיין גאַנג, און הינטער אונדז פאַרבלייבן שטעט און דערפער פון דעם באַנאַכטיקן יאַפּאַן. בלויז פון צייט צו צייט באַווייזן זיך אָפן שאָסיי שטאַרקע לאַמטערן־ליכט פון אַן אַמעריקאַנער דזשיפּ פון דער עמפּי, וועלכער קאָנטראָלירט דעם וועג צווישן קיאָטאָ — נאַגאָיאַ — יאָקאָהאַמאַ.

באַגינען זיינען מיר אָנגעקומען קיין קיאָטאָ און זיך צעשיידט מיטן

לייטענאנט סקובי. עס איז פאַר אונדז געווען ווי אַ מין ווונדער, וואָס מיר קענען פאָרן איבער דער שטאָט אַליין אָן דער באַגלייטונג פון צוויי דזשיפּן; וואָס מיר קענען פראַנק און פריי זיך אָפּשטעלן בײַ אַ צייטונגס־קיאָסק, אין פּאַרק, אויף אַ פּלאַץ, ניט אָנפרעגנדיק זיך אויף אַ דערלויבעניש בײַ די אַמעריקאַנער.

— ענדלעך זיינען מיר אַליין! — שרייען מיר אויס און מיר פאָרן אויף דער צייטונגס־אַלעע צום זשורנאַליסטן־קלוב, וווּ עס איז שוין פאַר אונדז צוגעגרייט „אַ היים" — אַן ענגער, קליינער צימערל מיט אַ ברייטן פענצטער און מיט אַ פעסטן מעטאַלענעם נעץ, וועלכער פאַרהיט אונדז פון פרישער לופט און פון קאָמאַרן.

— 21 —

דעם זעלבן טאָג נאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אַ געשעעניש מיט וועלכער עס איז פול געווען דאַן טאָקיאָ. אינדערפרי, נאָך אונטערן טוש, האָט אונדזער שכן פון קלוב — דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט דזשאָו פראַם — אַרויסקריכנדיק פון אונטערן הייסן שטראָם וואַסער אַ געשריי געטאָן:

— העלאָ! נו, ווי אַזוי איז דורכגעגאַנגען אייער רייזע? האָט איר שוין געהערט וועגן דעם שטרייק „יאַמימורי"?

אונדזער צווייטער שכן, דער אַמעריקאַנער ראַדיאָ־קאָמענטאַריסט ביל גאַסטעללאָ, אַן ערנסטער און אַריינטראַכטנדיקער מענטש, האָט אונדז געזאָגט:

— גייט אַריין אין באַר, דאָרט וועט איר זיך דערוויסן וועגן דעם שטרייק. איז אייך געלונגען צו אַנטלויפן פון די דזשיטו־אָפיצירן?

— וואָס פאַר אַ נײַעס הערט מען? — האָבן מיר געפרעגט בײַם קאָרעספּאָנדענט פון „שיקאַגאָ־סאַן" מאַרק היין.

— קומט צו אָרום צוויי נאָכמיטיק אויפן אימפּעראַטאָר־פּלאַץ — האָט ער אונדז געענטפערט.

מיר זיינען אַראָפּ אין באַר. פאַרן פרישטיק פלעגן זיך דאָרט פאַרזאַמלען אַלע זשורנאַליסטן. דאָס איז געווען אַ געוויינלעכער אַמעריקאַנער באַר. ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין פאָדער־הויז פון דעם קלוב, וווּ עס זיינען געשטאַנען קיילעכדיקע טישן און טיפע, ווייכע פאָטעלן אַרום זיי. ענלעכע טישן און פאָטעלן האָבן זיך געצויגן לענג־אויס די ברייטע פענצטער פון דעם שמאָלן סאַלאָן, וועלכער האָט געהערט צום רעסטאָראַן. אין אַ זייטיקן צימער איז געווען איינגעאָרדנט אַ בופעט און צוויי יאַפּאַנער אין ווייסע רעקלעך און שוואַרצע קראַוואַטן האָבן שנעל געגרייט קאָקטיילס, אָדער געעפנט די סלאָיען מיט אַמעריקאַנער ביר, אָדער מיט אַ פלינקער באַוועגונג אַריינגעגאָסן אין אַ גלאָז מיט שטיקלעך

איז א קליין פלעשעלע מיט קאקא־קאלא. דעם באר האבן מיר א נאמען געגעבן „די קיך פון סענסאציעס". אין יענעם טאג האבן אלע אמעריקאנער זשורנאליסטן געלעבט מיט דעם „איניען פון מארק היין" און מיטן שטרייק אין דער יאפאנישער צייטונג „יאמימורי".

מארק היין איז געקומען צופארן קיין יאפאן מיט א האלב יאר צוריק, געשיקט פון א פראגרעסיווער אמעריקאנער צייטונג „שיקאגא־סאן". ער איז ארויסגעטראטן מיט א גאנצער ריי שארפע ארטיקלען, אין וועלכע עס איז קריטיקירט געווארן די טעטיקייט פון מאק־ארטורס שטאב און עס האט זיך צעפלאקערט אן עכטער, ניט בלויז א פיקטיווער קאמף מיט דזייבאצו און מיטן אולטרא־נאציאנאליזם. היין האט גוט באגריפן די פאליטישע לאגע אין יאפאן און זיינע ארטיקלען: „מאק־ארטור ווארפט אפ דעם פלאן פון ליקווידירן דזייבאצו" און „די אמעריקאנער אין יאפאן מאכן א שריט אף רעכטס", האבן ארויסגערופן זייער א לעבעדיקן אפקלאנג אין די דעמאקראטישע קרייזן פון יאפאן און אמעריקע. היין איז א קלוגער און קולטורעלער זשורנאליסט מיט א שארפן בליק, דערצו איז ער אינגאנצן אן אביעקטיווער מענטש, וועלכער האט געוואלט אויפדעקן אלץ וואס עס קומט פאר אין דעם איצטיקן יאפאן. „איך טו דאס אלץ אין נאמען פון רוזוועלטס אמעריקע און אין נאמען פון דער פרייהייט פון דעם אמעריקאנער פאלק", האט אונדז אמאל דערקלערט היין.

און דא איז היין ארויסגערופן געווארן אין דעם „פאבליק רעליישן אפיס" צום גענעראל בעקער. דער גענעראל איז געווען דער פרעסע־פארוואלטער באם שטאב פון מאק־ארטור. זיין קאס, — האט ער דערקלערט, — איז ארויסגערופן געווארן צוליב היינס נייעם ארטיקל אין דער צייטונג „שיקאגא־סאן". אין יענעם ארטיקל האט מארק היין, — א גוט־באהאוונטער מענטש, — דערציילט וועגן א „סעסיע", וואס איז פארגעקומען אין דעם צימער נ 506 פון דעם מיניסטעריום פאר ערד און וועלדער וועלכער געפינט זיך בישביינעם פון גענעראל דוגלאס מאק־ארטורס שטאב. דארט איז באהאנדלט און באשטעטיקט געווארן די אמעריקאנער פאליטיק אין יאפאן. די ביירוועזנדע מיליטערלייט האבן געטענעט, אז א וועלכע עס וואל ניט זיין רייניקונג צווישן די אולטרא־נאציאנאליסטן, קען שאפן א כאאס אין דעם פאליטישן און דעם עקאנאמישן לעבן פון יאפאן. מארק היין האט דאן אנגערופן דריי נעמען: דזשארדזש וואטעמארע, מאקס בישאפ און קאראנעל כ. ט. קרעסועל. די דריי האבן פארזיכערט, אז א „רייניקונג וועט לענקן דעם מארך פונעם לאנד קעגן אמעריקע". און ווען מען האט זיי דערמאנט וועגן דער פאטסדאמער דעקלאראציע, האבן זיי געשמייכלט.

— ווען זי וואלט געשריבן געווארן היינט, וואלט זי געווען גאר אן אנדערע, — האבן זיי דערקלערט. — עס איז ניט אויסגעשלאסן, אז עס וועט קומען די צייט ווען מיר וועלן דארפן האבן א שטארקע יאפאן.

ווייטער האָט מארק היין פאַרעפנטלעכט זיינעם א שמועס מיט אן אמעריקאנער אָפיציר, וועלכער קערט זיך אום צוריק קיין ווירדזשיניע. „איך בין א גאַנץ אַנגעזעענער סויכער בא מיר אין שטאַט", האָט ער דער־קלערט, „איך האָב געאַרבעט אין דער האַנדלס־קאַמער. איך בין שוין ניט קיין יונגער מענטש, נאָר ווען די אַרמיי האָט א רוף געטאָן באַ־האָונטע מענטשן, האָב איך מיך פאַרגעשלאָגן צו פאָרן קיין יאפאן. איך קען אָבער פּאַשעט ניט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס עס קומט דאָ פאָר? איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס איז צו באַנאַל צו ריידן וועגן דעם, איך האָב אָבער צוויי זין און וויל ניט, אַז ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, זאָלן זיי דאַרפן ווי־דער גיין אין מילכאָמע קעגן יאפאן. אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר, איז פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך. איך האָב געפּרוּווט קעמפן קעגן דעם, נאָר איצט אָבער איז דאָס פּאַשעט לעכערלעך. האָבן מיר טאַקע בעדייע אַף אַן עמעס צו דעמאָקראַטיזירן יאפאן? די לעצטע צייט האָב איך זייער פיל גע־טראַכט וועגן דעם. איך אַליין בין א קאָנסערוואַטאָר, נאָר דאָס וואָס קומט איצט פאָר אין יאפאַן, איז גאָר ניט יענער קאָנסערוואַטיזם וועלכן איך שטיץ. איך מוז זיך צוריקקערן קיין אַמעריקע קעדיי צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז דאָרט פאָרגעקומען נאָכדעם ווי איך בין פון דאָרטן אַרויסגעפאָרן? איך האָב א פאַרגעפיל, אַז דעם ענטפער פאַר יאפאן וועל איך געפינען דאָרטן. אויב דאָס איז אַזוי, וועל איך שוין האָבן וואָס צו זאָגן וועגן דעם".

און אַט דער אַרטיקל פון דעם זשורנאַליסט היינס האָט נאָך אין א גרעסערער מאָס ווי די פאַבריקע, אַרויסגערופן א צערייצונג און אַפילע א צאָרן אין מאַק־אַרטורס שטאַב. היין איז אַרויסגעפאָדערט געוואָרן צום גענעראַל בעקער און מען האָט אים געדראָט מיט אַרעסט. מען האָט אים באַשולדיקט אין האָבן פאַרעפנטלעכט דאָס וואָס טראָגט א געהיי־מען כאַראַקטער. בעקער האָט געפאָדערט בא היינען ער זאָל אים אויס־געבן דעם מענטשן, וועלכער האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט די אַלע איינצלהייטן פון דער זיצונג. היין האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— איר וועט עס טאָן, אין קעגנפאַל וועט מען אייך צווינגען דערצו, — האָט אים געמאָלדן דער גענעראַל.

אַלע אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן האָבן יענעם טאָג געלעבט בלויז מיט דער געשעעניש, וואָס האָט פּאַסירט מיט זייערם א קאָלעגע. דריי מאָל איז היין אַרויסגעפאָדערט געוואָרן אין מאַק־אַרטורס שטאַב, און דאַן זיינען די קאָרעספּאָנדענטן געקומען אים צו הילף. צוועלף פון די מער אָנגעזעענע זשורנאַליסטן האָבן באַזוכט דעם גענעראַל בעקער און אים געמאָלדן, אַז: די „דראָונגס־אויספאָרשונג" פון היינען איז א קלאַפּ פאַר דער פרייהייט פון פרעסע און פאַר דער דעמאָקראַטיע.

— ווי אַזוי וועט איר זיך באַציען צו דעם, — האָבן זיי אים גע־פרעגט — ווען די גאַנצע וועלט וועט זיך דערוויסן וועגן דער נייער

באציִונג פון מאַק־אַרטורס שטאַב צו דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און צו דער פרייהייט פון פרעסע ?

בעקער האָט זיך פאַרלוירן און זיך פאַרטראַכט. ער האָט דערפילט אַז דער „איניען היין" באַקומט שוין אַ צו עפנטלעכן און אַפילע אַ סקאַנדאַליעזן כאַראַקטער. ער האָט געמוזט נאָכגעבן.

— גוט, — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן ניט פאַרהאַלטן היינען.

באַנאַכט האָט מען אין קלוב צוזאַמענגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די קאָרעספּאָנדענטן. ביל גאַסטעללאַ האָט געזאָגט, אַז איצט, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטיק איז אַנטשטאַנען אַ נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ „קאָמיטעט פאַר שוץ פון די קאָרעספּאָנדענטן". איצט הענגט שוין אַ דראָונג אויך איבער אונדזערע קעפּ — האָט ער פאַרענדיקט.

די באַוועגונג פון די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן אין טאָקיאָ האָט זיך צעטיילט אַף צוויי לאַגערן: אַ רעכטן און אַ לינקן. וואָלטער סימאָנס, דער פאַרזיצער פון דעם קלוב האָט אָפּאָנירט בילן. דער פאַרזיצער, אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ רעאַקציאָנערער צייטונג „שיקאַגאָ־טריביון", וועלכע געהערט צו מאַק־קאָרמיקן און פּאַטערסאָנען, האָט ניט געזען קיין שום ערנסטעס אין דעם „איניען היין". אָבער דזשאָ פראַס, גאָרדאָן וואָלקער, דזשאָרזש פּאַלסטער און טאָם לעמבערט האָבן זיך געשטעלט אַף דער זייט פון ביל גאַסטעללאַ.

אַזוי אַרום איז באַשאַפן געוואָרן דער „קאָמיטעט פאַר שוץ פון די קאָרעספּאָנדענטן", וועלכער האָט געזאָלט פירן אַ קאַמף קעגן מאַק־אַרטורס שטאַב, פאַרטיידיקנדיק די עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכט, וועלכע איז געזעצלעך איינגעפירט אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער פון דער וועלט — דאָס רעכט צו שרייבן דעם עמעס.

פאַר מיין אָפּפאָרן פון טאָקיאָ האָב איך ווידער באַגעגנט מאַרק היינען. ער האָט זיך דאַן ערשט אומגעקערט פון דאָרעם־קאָריע. דאָרטן האָט דער גענעראַל האָדזש, דער קאָמענדאַנט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, איינגעשטעלט אַ גאַר שטרענגע אויפזיכט איבער אים. צוויי דזשיטור־אָפּיצירן האָבן נאָכגעשפּירט מאַרק היינען טריט נאָך טריט, ניט פאַרלאָזנדיק אים אַפילע באַנאַכט.

— ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, ווי שווער עס איז אייך געווען, — האָט ער מיר געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך וועגן אונדזער רייזע קיין נאַגאַסאַקי.

— ס'איז אָבער געווען אינטערעסאַנט אין דאָרעם־קאָריע ?

— יאָ, דאָרט טוען אָפּ די אַמעריקאַנער דאָס זעלבע וואָס אין יאַפּאַן: זיי שטיצן די רעאַקציאָנערע קויכעס. און דאָרט טוען זיי עס אַף אַ נאָך מער אָפענעם אויפן.

שפּעטער, נאָך אַ מינוט שווייגן, האָט ער טרויעריק באַמערקט:
— און דאָך וועל איך מוזן פאַרלאָזן יאַפּאַן.
— מען שיקט אייך אַרויס?
— ניין. גאַנץ פּאַשעט, מיין צייטונג האָט ניט קיין מעגלעכקייטן דאָ אויסצוהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענט. ניטאָ קיין געלט, אַזוי גלויב איך. אָבער לאָמיר ניט ריידן וועגן דעם.

— 22 —

צוויי אַזייגער נאָכמיטיק זיינען מיר געפאָרן צום אימפּעראַטאָר־פּלאַץ. דאָרטן האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן וועלכע האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיטן שטרייקנדיקן פּערסאָנאַל פון דער צייטונג „יאָמיאורי“. עס האָבן זיך דאָרטן פאַרזאַמלט די יאַפּאַנישע האָרעפּאַשניקעס און געפאָדערט ברויט באַם אימפּעראַטאָר. באַ אַ געלעגנהייט האָט מאַקאַרטורס שטאַב דערקלערט, אַז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק בענטשט הירא־היטאָן אין זיין נייעם געשטאַלט פון אַ מענטשן, וועלכער פילט מיט די היימלאָזע. איצט אָבער האָט אַפילע אַזאַ קאָנסערוואַטיווע צייטונג ווי „טאָקיאָ אסאַכי“ געמוזט אָנערקענען, אַז דעם אימפּעראַטאָרס רוף צום פאָלק און זיין ווענדונג זיך צו טיילן איינער מיטן אַנדערן אין דער צייט פון נויט, האָט קיינעם גאָר ניט גערירט, ניט געקוקט אַף דעם זייער פּאַטעטישן טאָן פון זיין רוף. „זיין מאַיעסטעט איז די פאַרקערפּערונג פון אַלע טראַגעדיעס וועלכע זיינען זיך פאַרלאָפן אין דער יאַפּאַנישער געשיכטע“... — האָט געשריבן די צייטונג „אסאַכי“, און דאָך איז דאָס פאָלק געגאַנגען זוכן ברויט נאָר אַהער, אַפן אימפּעראַטאָר־פּלאַץ. פאַרוואָס? דאָס האָט קיינער גענוי ניט געוווּסט און ווייס אויך ניט. אַזוי איז שוין געווען די טראַדיציע, אַזוי האָט מען שוין צוגעוואוינט אַלעמען פון זייערע קינדעריאָרן אָן. זיי האָבן אַלץ געהאָפט אַף אַ רעטונג, שטייענדיק באַם קאַנאַל, הינטער וועלכן ס'איז געשטאַנען איינגעהילט אין סוידעם דער פּאַלאַץ פון דעם אימפּעראַטאָר. אַן אַמעריקאַנער זעלנער אין זיינע שווערע שיך, וועלכער היט אָפּ דעם אַריינגאַנג אין פּאַלאַץ, האָט גלייכגילטיק באַטראַכט דעם המון. דאָרטן, פונדערווייטנס פאָדערט עמעצער דעמאָקראַטיע, פרייהייט, ברויט. אַף אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, וועלכער דינט פאַר אַ טריבונע, האַלט עמעצער אַ רעדע. מענטשן טראָגן פּענער און טראַנספּאַראַנטן מיט אויפשריפטן: „נידער מיט דזייבאַצום קאַבינעט“, „נידער מיטן קאַבינעט פון יאָשידאַ!“, אָבער דער אַמעריקאַנער זעלנער, פּונקט ווי שטענדיק, שפּאַנט איבער דעם שמאָלן וועג זעקס טריט פאָרויס און זעקס טריט צוריק, און נאָר זעלטן ווען דרייט ער זיך אויס צום פּלאַץ, וווּ עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ ריזיקער המון. ער ווייסט, אַז אַ געדיכטע קייט פון עמפּי־אויטאָמאָבילן היט אָפּ זיין רו, דעם טראָן

פון דעם אימפעראטאר, די דזייבאצו־מאגנאטן און אפילע דעם זיך וואקל־דיקן קאבינעט פון יאשידא.

די שאפער פון דער אמעריקאנער פאליטיק אין יאפאן און יענע מענטשן וועלכע פירן זי דורך, האבן זיכער ניט געקענט זיך פארשטעלן אט דעם אימפעט מיט וועלכן דאס יאפאנישע פאלק האט זיך אויסגע־דרייט קעגן זיינע פארשקלאפער; דעם צארן מיט וועלכן ער האט דע־מאסקירט די אולטראנאציאנאליסטן, פאדערנדיק צו דער זעלבער צייט אן עכטע דעמאקראטיע. אפילע דער גענעראל דוגלאס מאק־ארטור האט גע־מוזט מודיע זיין, אז „די גייסטיקע רעוואלוציע פון דעם יאפאנישן פאלק איז ניט קיין איבערפלעכלעכע דערשיינונג. דאס איז א קאנוולסיע, וועל־כע האט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער סאציאלער געשיכטע פון דער וועלט"; פונדעסטוועגן האבן זיך די אמעריקאנער אין יאפאן ניט פאר־געשטעלט, אז אט־די סאציאלע „קאנוולסיע" וועט ארויסרופן צום לעבן א שפאגל־נייעם דעמאקראטישן קויעך, וועלכער וועט דערווייזן, אז די אכזאריעסדיקע רעדיפעס און פארשקלאפונג קענען ניט אויסלעשן דעם טרוים וועגן דער מענטשלעכער פרייהייט. און כאטש עס וואלט געוועז אן אוטאפיע צו פארזיכערן, אז איבער נאכט זיינען אלע יאפאנער גע־ווארן דעמאקראטן, איז אבער דאך א פאקט, אז דער אינערלעכער סא־ציאלער פראצעס האט זיך שוין אנגעהויבן.

אף דער ארענע פון דעם יאפאנישן געזעלשאפטלעכן לעבן איז ארויס־געטראטן דער ארבעטער־קלאס, וועלכער ווערט שוין געשטיצט צייטנווייז פון דער דארפישער ארעמקייט און פון דער פראגרעסיווער אינטעליגענץ.

דאס לעבן וועט שוין באווייזן: וועט דער פראצעס שוין איצט, אין יאר 1947, באשאפן דעם איינהייטלעכן דעמאקראטישן פראנט, וועלכער וועט אפרוימען פון זיין וועג די רעאקציע? יעדנפאלס פון דעם הענגט אפ דער גורל פון יאפאן און דער שאלעם אפן פאסיפיק. נאך אין די טעג פון יאפאנס מאפאלע האט אויסגעבראכן א שטרייק אין דער מעטאל־פאבריק אסיאי — די ארבעטער זיינען געווארן באדראט פון א לאקאוט. דער שטרייק איז געשטיצט געווארן פון די ארבעטער פון די עלעקטרא־טעכנישע אונטערנעמונגען אקא און ניכאן. דארט האט מען ארגאניזירט א ראט פון פראפעסיאנעלע פאריינען און צו אים זיינען שפעטער אויך צוגעשטאנען די קאוואסאקי־פאבריקן. דער ראט האט געפאדערט עס זאל איינגעשטעלט ווערן אן ארבעטער־קאנטראל און אויך דעמאקראטישע פרייהייטן. אלץ נייע און פרישע קויכעס פלעגן זיך אנשליסן אין די קאמפס־רייען — אין אסאקא, קאבע, נאגאסאקי און אפן אינדזל כאק־קאידא. אין די פעברואר־טעג פון יאר 1946 האט שוין דער ראט פאריי־ניקט הונדערט ניין און דרייסיק פאבריקן — מיט קימאט ניינציק טויזנט ארבעטער.

אין יענע בארימטע פעברואר־טעג האט סידעהאראס קאבינעט אנגע־

הויבן אן אכזאריעסדיקן קאמף קעגן די דעמאנסטראציעס און שטרייקן. און ווידער, פונקט ווי אין די מילכאמע־טעג, האבן אלע דערפילט די שרעקלעכע האנט פון דזייבאצו. אין דער פאבריק האבן דאן אלע פאר־שטאנען, אז פון וועג צו דער דעמאקראטיע און פרייהייט מוזן אראפגע־ראמט ווערן ניט נאר די „דזייבאצו־מאגנאטן", נאר אויך סידעהאראס מיניסטארן־קאבינעט. אף צוויי דעמאנסטראציעס, וועלכע זיינען פארגע־קומען אין טאקיא, האבן זיך פארזאמלט פינף הונדערט טויזנט פערזאן און אין גאנץ יאפאן — צוויי מיליאן. זיי האבן געפאדערט פרייהייט און אז מען זאל צעטרייבן דעם מיניסטארן־קאבינעט פון באראן סידעהא־רא. עמעס, אף זיין פלאץ איז געקומען פונקט אזא רעאקציאנערער קאבי־נעט — דער קאבינעט פון סיגערו יאשידא, אבער דער ניצאכן איז אפגע־האלטן געווארן און פון דעם איז דער ראט פון די אינדוסטריעלע פרא־פעסיאנעלע פאריינען נאך שטארקער געווארן.

מיר דאכט זיך לייענער, אז דאס אלץ האב איך געמוזט אייך דער־מאנען, קעדיי איר זאלט זיך קענען מיט דער פולסטער קלארקייט שאפן א באגריף וועגן דעם גאנצן אינהאלט פון די „שווערע יאמיאורי טעג". אייגנטלעך איז דאס געווען נאך איין פאליטישער טרעפ אף דעם שווערן וועג צו דעמאקראטיע. און ניט ווייניק נאך אזעלכע טרעפ וועט מוזן ביי־קומען דאס יאפאנישע פאלק, איידער עס וועט דערגרייכן דעם שפיץ, פון וועלכן עס וועלן זיך פאר אים אנטפלעקן די דעמאקראטישע וועגן.

לאמיר זיך אבער אומקערן צו דער רעדאקציע פון דער צייטונג „יא־מיאורי". אלע האבן געשטראמט צו דער הויכער מארעשכווירעדיקער גע־ביידע מיטן געשריי: „מיר שטיצן אייך!". אהער איז אויך געקומען דער האמוין פון דעם אימפעראטאר־פלאץ. פון די רעדאקציע־פענצטער האט עמעצער געווארפן פלוגבלעטלעך: „מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן די אגענטן פון דזייבאצו".

מיט דריי כאדאשים פריער איז באזייטיקט געווארן פון דער רע־דאקציע פון דער צייטונג „יאמיאורי" דער באדייטנדיקסטער פובליציסט סודזוקי טאמין. ער פלעגט ארויסטרעטן אין דער צייטונג מיט זייער ערנסטע און קלוגע ארטיקלען. ער איז געווען דער, וועלכער האט געגעבן דער צייטונג א געוויסע פאליטישע ריכטונג און פון דאן אן האט מען זי צום ערשטן מאל אנגעהויבן צו לייענען מיט אן אינטערעס און אייפער. סודזוקי פלעגט אין זיינע ארטיקלען דעמאסקירן די מאגנאטן פון מיצואי און מיצוביסי און האט געפאדערט אז עס זאל ווערן דורכ־געפירט אן עכטע דעמאקראטיזירונג פון לאנד. ער האט גערופן צום קאמף קעגן דער רעאקציע. סודזוקי איז אבער באזייטיקט געווארן פון דער רעדאקציע. וועגן דעם האבן זיך אן דער מינדעסטער בושע שוין בא־מיט די אמעריקאנער. אף זיין פלאץ איז אריין אין דער רעדאקציע איי־נער מיטן נאמען באבא, אן אונטערגעקויפטער פון דזייבאצו־מאגנאטן,

אַ מענטש וועמענס נאָמען עס איז פון לאַנג שוין געווען פאַרבונדן מיט אַלע אַגרעסיווע שטרעבונגען פון דעם אַמאָליקן יאַפּאַן. גלייך מיט זיין אַריינטריט האָט ער באַזייטיקט פון דער רעדאַקציע „יאָמיאורי" נאָך אַ צוויי צענדליק זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן געשטיצט סודזוקי טאַמין. דאָן איז אין דער רעדאַקציע און אין דער דרוקעריי פון דער צייטונג אויסגע־בראָכן אַ שטרייק. מענטשן האָבן געהונגערט, אָבער ניט אונטערגעגעבן זיך. באַבא האָט זיך אויך איינגעשפּאַרט. אים האָבן געשטיצט די אַמע־ריקאַנער און דער פּרעמיער מיניסטער יאָשידאַ. די יאַפּאַנישע זשורנאַ־ליסטן האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צו זייערע קאָלעגן פון „מייניטי" און „אַסאַכי". עס האָט זיך געבילדעט אַ קאַמפּס־קאָמיטעט און עס איז באַשטימט געוואָרן אַ טאָג פון אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון אַלע צייטונ־גען און אַלע ראַדיאָ־סטאַנציעס פון יאַפּאַן.

אויף די אייזנבאַן־ליניעס איז די רו ווידער געשטערט געוואָרן. הונ־דערט דרייסיק טויזנט מאַן זיינען אַרויס אויף דער גאַס. מען האָט זיי אָבער געדראָט מיט אַ לאָקאַוט, וואָס האָט באַדייט פאַר זיי אַ הונגער־טויט. אין זעכצן קוילן־ און מעטאַל־גרובן אויפן אינדזל קיוסי, וועלכע גע־הערן צו מיצוביסי איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „פּראָטעסט־טאָג" קעגן דעם רעאַקציאָנערן רעזשים סידעהאַראַ־יאָשידאַ. די זעצער פון די צוויי גרעסטע יאַפּאַנישע צייטונגען „אַסאַכי" און „מייניטי" האָבן דערקלערט, אַז זיי סאָלידאַריזירן זיך מיט דער רעדאַקציע פון „יאָמיאורי".

שפּעט אין דער נאַכט זיינען קימאַט אַלע אויסלענדישע קאָרעספּאָנ־דענטן געקומען אין דער רעדאַקציע פון „מייניטי". אויפן פינפטן שטאָק האָבן מיר געטראָפן מאַסויאַמאַ־סאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם „קאַמפּס־קאָמיטעט". אין אַ גרויסן צימער, פאַרלייגט מיט פּלאַקאַטן און אויפרופן איז געזעסן אַ מאַן מיט געשוואָלענע רויטע אויגן פון שלאָפלאָזע נעכט. ער האָט געגלויבט אין דעם ניצאָכן פון דעם שטרייק. ער האָט פאַרזיכערט, אַז עס זיינען שוין געקומען די לעצטע טעג פון יאָשידאַס קאַבינעט. מאַסויאַמאַ האָט אָבער ניט געוווּסט, אַז אין דעם איניען האָבן זיך אַריינגעמישט אַגענטן פון דער אַמעריקאַנער דזשיטו.

באַטאָג האָט זיך באַוויזן אין דער רעדאַקציע „אַסאַכי" דער אַמערי־קאַנער מאַיאָר אימבאָדע. ער האָט באַטראַכט די רעדאַקציע און די דרו־קעריי און, באַם געזעגענען זיך, אַזוי פאַרבייגייענדיק, אויפמערקזאַם גע־מאַכט דעם רעדאַקטאָר, אַז די אַמעריקאַנער וועלן גאָרניט באַדויערן אויב די עלטסטע יאַפּאַנישע צייטונג „אַסאַכי", וועלכע הייבט אָן צו שטרייקן, וועט אינגאַנצן אויפהערן צו עקזיסטירן. די ידיעה וועגן דער דראָונג האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער רעדאַקציע. די מענטשן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ זייער ערנסטער דילעמע: שטיצן די רעדאַקציע פון „יאָמיאורי", אָדער בלייבן אויפן גאַס, וווּ עס דערוואַרט זיי אַ הונגער־טויט. אַזוי האָבן זיי געמיינט. און די רעדאַקציע פון „אַסאַכי"

איז ניט צוגעשטאַנען מיט איר הילף צו די זשורנאַליסטן פון „יאָמיאורי", אָבער די דרוקעריי פון „אסאַכי" האָט זיך אָפּגעזאָגט ארויסצולאָזן די צייטונג. ענלעכע געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אויך אין אַ צווייטער גרויסער צייטונג — „מייניטי". אויך דאָרט האָט די דרוקעריי זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן דעם לויפנדיקן נומער פון דער צייטונג. און דאַן, צום ערשטן מאָל נאָך אַ לענגערן איבעררייס, האָבן זיך באַוויזן אַף די גאַסן וואָס פירן צו די צייטונגס־רעדאַקציעס יאַפּאַנישע פּאָליציי־לייט. זיי האָבן ארומגערינגלט די דרוקערייען פון „מייניטי" און „אסאַכי". קיינער האָט ניט געקענט פון דאָרט ארויסגיין, קיינער האָט אויך ניט געטאָרט אריינגיין אהין. מען האָט אהין ניט צוגעלאָזן אַפילו די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן. פון דערוווייטנס האָבן מיר באַטראַכט דעם אַלץ שטייגנדיקן קאַמף צווישן די זעצער און דרוקער־אַרבעטער מיטן פּאָליצייאישן קאָרדאָן. דרייסיק מאַן, די מער אַקטיווערע און איינגעשפּאַרטע האָט מען ערגעץ אָפּגעפירט אין אַ לאַסט־אויטאָמאָביל.

דריי צייטונגען זיינען געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעזונדערט איינע פון דער אַנדערער. בא די טעלעפאָן־אַפּאַראַטן האָבן געהאַלטן וואַך פּאָליציי־אַגענטן. די דרוקערייען זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טפיסעס — די מענטשן האָט מען דאָרט געהאַלטן פאַרשפּאַרט אַ גאַנצן מעסלעס. דריי מאָל זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן אין דער דרוקעריי „אסאַכי" די ראָטאַציע־מאַשינען און יעדעס מאָל האָט די פּאָליציי געצוווּנגען די דרוקער־אַרבעטער ווידער צוטרעטן צו דער אַרבעט.

ענלעכע געשעענישן זיינען אויך פאָרגעקומען אין די ראַדיאָ־סטאַנציעס. אויך דאָרט האָט זיך באַוויזן די פּאָליציי. אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יאַפּאַן פאַרמאָגט שוין מער ניט קיין פּאָליציי־קויבעס. אין יענע טעג אָבער, האָט דאָס פּאָלק דערזען ווידער די זעלבע פּאָליציי, וועלכע האָט געהאַלטן דאָס פּאָלק אין שרעק און אונטערטעניקייט פאַר דער מילכאָמע און בעיים דער מילכאָמע. פון וואַנען האָט זי זיך גענומען? ווו האָט זי זיך געהאַט פאַרשטעקט? דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. באַם אריינגאַנג אין דער רעדאַקציע פון „מייניטי" האָט די פּאָליציי ארעסטירט אַכט יאַפּאַנישע זשורנאַליסטן: קימוראַ, איגאַראַסי, יאַסונאַ, יאַמאַנע, נאַקאַטאַ, יאַנאַגאַוואַ, כאַמאַגאַנע און מיאַקאַ.

אין דער זעלבער צייט האָט אין דער שטאָט קאַנאַדזאַוואַ, דער קאָנגרעס פון די אינדוסטריעלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע באַם הויז, וווּ עס איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון דער אַזוי גערופענער ליבעראַלער פּאַרטיי. דאָרט האָט זיך געפונען אויך יאָשידאַ סיגערו; ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט ארויסצוגיין צום אוילעם. די וועלכע האָבן געפרווווט אריינדרינגען אינעם הויז — צען מאַן — האָט די פּאָליציי פאַרנומען און ערגעץ אָפּגעפירט. דער האַמוין איז זיך אָבער ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיי האָבן געפאָדערט ברויט און פרייהייט.

צום האַמוין האָבן זיך אַנגעשלאָסן די מעטאַל־אַרבעטער און, וואָס ס׳איז אַמוויכטיקסטן, די אַרבעטער פון די יאַפּאַנישע עלעקטרישע סטאַנציעס. זיי האָבן געדראָט, אַז אויב עס וועט נית אָפּגעשטעלט ווערן דער טעראָר אין באַצוג צו די ציַיטונגס־רעדאַקציעס, וועלן זיי אָפּשליסן די באַלייכטונג און עלעקטרישע ענערגיע. דער קאַמף איז שוין דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער שפּאַנונג.

און דאַן האָט דאָס יאַפּאַנישע פאָלק דערהערט די „שטים פון אַמעריקע". מאַק־אַרטורס שטאַב האָט דערמאָנט, אַז די עלעקטרישע סטאַנציעס טאָרן נית אָפּשטעלן דעם שטראָם, ווייל דאָס וועט שטערן דעם לעבן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין יאַפּאַן. אַף די גאַסן און בא די רעדאַקציעס האָבן זיך באַוויזן עמפּי־אויטאָמאָבילן. די זשורנאַליסטן האָבן נאָך געפּרוּווט קעמפן, די קויכעס אָבער זיינען שוין געווען נית קיין גלייכע. אייניקע פון די זשורנאַליסטן האָט מען אונטערגעקויפט, אַנדערע האָט מען אַריינגעוואָרפן אין די טפיסעס, און די איבעריקע האָבן זיך אונטערגעגעבן, מוירע האָבנדיק פאַר אַ הונגער־טויט.

מיר אַלע, די אַמעריקאַנער, ענגלישע און סאָוועטישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך אומגעקערט אין קלוב באַגינען. אַלץ איז איינגעשטילט געוואָרן און אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז דער קאַמף קעגן די דעמאָקראַטישע קויכעס אין יאַפּאַן איז שוין מיט קיין זאַך נית פאַרמאַסקירט געווען. יאָשידאַס קאַבינעט האָט, מיט דער הילף און שטיצע פון די אַמעריקאַנער, פעסט און זיכער דערלאַנגט נאָך אַ קלאַפּ איבער די „קליינע פרייהייטן", וועלכע דאָס יאַפּאַנישע פאָלק האָט דערוואָרבערט אין די נאָך־מאַפּאַלע־טעג.



פאַר אונדזער אָפּפאָרן פון טאָקיאָ זיינען געקומען צו אונדז צו גאַסט עטלעכע יאַפּאַנישע שרייבער און קריטיקער. מיר האָבן פאַרבראַכט מיט זיי אין אונדזער קליינעם צימערל ביז שפּעט באַנאַכט.

איוואַגאַמי דזשיניטשי האָט אונדז דערציילט, אַז אין דער צייט פון דער מילכאָמע האָבן אַזעלכע באַדייטנדיקע שרייבער ווי ניוואַ פומיאָ און איסאַקאַווא טאַצוזאָ געפירט אַ זייער אַקטיווע מיליטאַריסטישע טעטיקייט און זיינען געווען אָפן פראָנט אַלס מילכאָמע־קאָרעספּאָנדענטן. זיי קענען נית באַגרייפן מיטן סייכל די אַלע ענדערונגען וועלכע קומען פאָר אין דעם יאַפּאַנישן פאָלק. איצט האָט זיך געבילדעט אַ ליטעראַרישע געזעלשאַפט מיטן נאָמען „דאָס נייע יאַפּאַן". די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אַף דער איניציאַטיוו פון די מער דעמאָקראַטישע שרייבער, וועלכע האָבן אין דער מילכאָמע־צייט נית געשטיצט די מיליטאַריסטן און אַף וועלכן נית איז אויפן געקעמפט קעגן זיי. „דאָס נייע יאַפּאַן" פאַר־

אייניקט דריי הונדערט פופציק שרייבערס. אין יאפאן איז אויך פאראן א פארבאנד פון שרייבערס באם פארלאג „קאמאקורא בונקא״. אין פאר־באנד זיינען פארטראטן אויך אזעלכע אנגעזעענע בורזשואזע שרייבערס, ווי קומע מאסאא, יאסונארי קאוואבאטא, אסאראגי אידזשירא, אבער דאס איז גיכער א כאווערלעכער קרייזל און ניט קיין פארבאנד.

צובוי סיגעדזשי רופט אן א זייער פאפולערע אין יאפאן דערציי־לונג אנגעשריבן פון מיאמאטא יוריקא וואס הייסט „דער טאל באנסיו״. די דערציילונג איז געווידמעט דעם איצטיקן יאפאן, אבער „דער טאל באנסיו״ גיט נאך אלץ ניט קיין פולשטענדיקן בילד פון דעם לעבן פון פאלק. מיאמאטא באגרענעצט זיך בלויז מיט די אנדייטונגען אף די שטער־רונגען, וועלכע שטייען אפן וועג פון ד׳עמאקראטיזירן יאפאן. ניט ווייני־קער פאפולער איז אויך טאגונאגא צונזאס ראמאן „שלאף, מיין ווייב״, וועלכער איז געווידמעט דעם גורל פון דער יאפאנישער פרוי.

„שלאף, מיין ווייב״, רייסט אראפ דעם פארהאנג הינטער וועלכן עס באהאלט זיך אוים ביז היינט די אינערלעכע וועלט פון א פויערישער פרוי. מען זעצט אונדז איבער א קאפיטל, וועלכער הייסט „א טאג אין דארף״.

אין א קליינעם פויערישן שטיבל שלאפן אף דער ערד אף שטרוי קינדער. צוויי פרויען — א מוטער און א טאכטער — הארעווען פון בא־גינען ביז באנאכט אפן ברעג פון יאם. שוין באלד צוויי וואכן ארבעטן זיי ארויסצובאקומען זאלץ פונעם יאם. זיי איז שוין געלונגען ארויסצו־באקומען א קליינעם קריגעלע מיט זאלץ, זיי ווילן אבער דערפאר קענען באקומען דרייסיק יען. מען וועט קענען פאר דער טאכטער קויפן א פאר געטא (הילצערנע שיך) וועגן וועלכע זי באלעמט שוין א לאנגע צייט. זי איז שוין א דערוואקסענע מיידל און עס איז שוין צייט זי כאסענע צו מאכן, אבער דער פאטער האלט אז עס לוינט זיך ניט. די טאכטער קען נאך באהילפיק זיין דער מישפאכע, אויב ניט דא אין שטוב, איז מיט ארבעט אין שטאט. דארט זיינען פאראן זייער פיל פלעצער וווּ א יונג מיידל קען פארדינען געלט. מיט א סאכרישער ערנסטקייט רעכנט אויס דער פאטער די גוט־באקאנטע רעסטאראנען, קאבארעטן און שאנד־הייזער. פון זיין שטאנדפונקט איז דאס א גאנץ דערלאזבארער וועג פאר זיין טאכטער. ערשט נאכדעם ווען זי וועט זיך אומקערן פון שטאט מיט א קליינעם רעזערוו יען, וועט ער זי כאסענע מאכן. דאס מיידל פרעגט מען ניט וועגן דעם. זי האט ניט קיין רעכט ארייַנצומישן זיך אין דעם פאטערס פלענער בענעגייע איר גורל. פון אירע קינדער־יארן אן, איז זי שוין צוגעוווינט צו דעם, אז איר לעבן און איר צוקונפט הענגען אפ פון דעם ווילן און קאפריזן פון איר פאטער. זי ווייסט אז אזא איז שוין דער גורל פון אלע יאפאנישע מיידלעך און דערפאר פילט זי אין דעם ניט קיין באליידיקונג.

יא, איצט זיינען שוין טאקע עפשער אנדערע צייטן, אבער דאס לעבן

האָט זיך מיט גאָרניט געענדערט און זי קען ניט פאַרלאָזן איר היים און איבערלאָזן אַף הפקר אירע טאַטע־מאַמע. זי מוז זיין געהאָרכזאַם צו זיי און אויספאָלגן זייערע אייצעס. זיי קענען דאָך פּאַשעט אַף קויעך זי צווינגען צו גיין אַהין וווּ זיי ווילן.

— ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, — זאָגט זי — אַזוי איז דאָס לעבן. מען מוז דאָך ווי ניט איז לעבן.

אין אָוונט קומט דער פאָטער. ער בעשבנט דעם שניט פון רייז. ער מוז אַ טייל אָפּגעבן דעם גוטבאַזיצער פאַרן אָפּדינגען דאָס שטיקעלע ערד, אַ טייל פאַר דער רעגירונג און נאָך דעם אַלעמען בלייבט אים נאָך אי־בער אַ ביסל רייז פון דריטן סאָרט וואָס וועט סטײַען אַף קנאַפּע צוויי מאָנאַטן הונגער־לעבן. וואָס וועט ער טאָן נאָכדעם? ער פאַרטראַכט זיך. עס וואָלט געווען ניט שלעכט זיך צו פאַרנעמען מיט פיש־פאַנג. דאַרף מען דאָך האָבן געצייג, מען דאַרף דאָס דאָך קויפן און ער פאַרמאָגט ניט קיין איינציקן יען. ווידער פאַלט זיין בליק אַף דער טאָכטער. אייגנטלעך איז זי דאָס איינציקע פאַרמעגן וואָס ער האָט און ביז איצט האָט ער דאָס נאָך ניט געקענט גוט אויסנוצן. זיין שאָכן, צום ביישפּיל, האָט שוין אָוועקגעשיקט זיינע צוויי טעכטער אין קיאָטאָ, ער האָט שוין אויך באַ־קומען פון דעם באַלעבאָס פון הויז, וווּ זיי געפינען זיך, הונדערט יען. עמעס, באַ די היינטיקע אומשטענדן איז דאָס ניט קיין סאַך, דאָך איז עס אַ שטיקל הילף אין שטוב. דער פאָטער ווייס. טאַקע ניט, וווּ זיינע טעכ־טער געפינען זיך, אָבער ער גלויבט, אַז אַף אַ גוטן פּלאַץ, ווייל די מייד־לעך באַקלאָגן זיך ניט. אוואַדע, מעגלעך. אַז דאָס איז אַ שאַנד־הויז, אָבער קיין אַנדער אויסוועג האָט ער דאָך ניט און ער פרעגט באַ זיין טאָכטער:

— וועסט פאָרן, טאַמיקאָ?

דאָס מיידל שטייט אויף פון פאַל, פאַרנייגט זיך פאַרן פאָטער און ענטפערט:

— געוויס. איך וועל טאָן אַלץ, וואָס דו וועסט זאָגן.

דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם קורצן קאַפּיטל „אַ טאָג אין דאָרף”. אַ באַוווּסטער יאַפּאַנישער קריטיקער טאַקונאַגאַ צונזאַ באַקלאָגט זיך אַף דער אַמעריקאַנער צענזור, וועלכע האָט אויסגעשניטן גאַנצע זייטן פון זיין דערציילונג „די ווינטערדיקע פאַרטרינקעניש”, אין וועלכער עס ווערט דעמאַסקירט דער מיליטאַריזם.

שפּעטער ווערן מיר געוווירע, אַז די יאַפּאַנישע אינטעליגענץ האָט נאָך מוירע צו קעמפן קעגן דעם פאַשיזם, ווייל אין דער לעצטער צייט איז גע־בוירן געוואָרן אַ מין פאַרדאַכט, אַז דער פאַשיזם וועט ווידער אויפלעבן אין יאַפּאַן.

— און וואָס איז אייער מיינונג? — פרעג איך.

— איך גלויב, — ענטפערט טאַקונאַגאַ — אַז ער קען באַ אונדז ווידער אויפלעבן, אויב מען וועט אים נאָר שטיצן, אַזוי ווי מען טוט

עס איצט. דעריבער איז גאָרניט קיין וווּנדער, אַז אונדזערע שרייבער גייען אַוועק אַלץ אָפּטער פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען. זיי פאַרשליסן זיך אין אין זייער אינערלע־כער וועלט און אין זייערע שטימונגען הערשט אַ סקעפּטיציזם. זיי גלויבן שוין ניט מער ניט זיך אַליין און אויך ניט דער אויסערלעכער וועלט. זיי האָבן געהאָפט אַז יאַפּאַנס מאַפּאָלע וועט צווינגען, אַז דער פעאָדאַ־לער לעבן־שטייגער פון דער יאַפּאַנישער געזעלשאַפט זאָל צוזאַמענ־ברעכן. אַלע האָבן געהאָפט, אַז די מאַפּאָלע וועט אויפרייסן די מיליטאַ־ריסטישע מאַשין און וועט זי אַף אייביק באַגראָבן. איצט אָבער איז אַזוי: אַלע מענטשן וואָס דענקען, וואָס האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַאָבאַכטן, מענטשן וועלכע לעבן צווישן פאָלק מיט זיינע געדאַנקען און מיט זיינע טרוימען — די אַלע מענטשן פאַרשטייען גוט, אַז דערווייל האָט זיך נאָך קימאַט גאָרניט געענדערט. און עס ווערט אויך ניט געמאַכט אַפילו קיין פּרוּוו פאַר גרינטלעכע ענדערונגען אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין די פּאָליטישע טענדענצן און איבערהויפּט אין אַלץ, וואָס איז אָנגע־נומען אָנצורופן מיטן וואָרט דעמאָקראַטיזאַציע.

— עקזיסטירט נאָך אין יאַפּאַן די געזעלשאַפט „סאַנגיאָ באָקאָקו־קאַי״?

— איך דענק — ענטפערט דער שרייבער דזשוניטשי איוואַגאַמי — אַז זי עקזיסטירט נאָך אין אַ געוויסער מאָס. איר נאָמען באַדייט „דינסט צום פאָטערלאַנד״. אין איר צייט האָט זי אַפילו געפּרוּווט פאַרשפּרייטן די פאַשיסטישע ליטעראַטור „קאַיאַיריו־באָקאָקו־בונגאַקו״. אין דער צייט פון דער מילכאָמע פלעגן באַשטימט ווערן פּרייזן און אויסצייכענונגען פאַר די בעסערע ראָמאַנען, דערציילונגען און לידער, וועלכע זיינען גע־ווען געווידמעט שאָווינסטישע טעמעס. דאָן האָט זיך אויסגעצייכנט דער שרייבער טאַקאַמורא קאַטאַרא מיט זיין בוך „טירי־נאָ־סע״, ווו ער האָט באַהאַנדלט די טעמע וועגן די דעראָבערטע טעריטאָריעס.

אין זיין בוך מאַכט קאַטאַרא אַ רוף צו קאָנסערווירן די פעאָדאַלע טראַדיציעס אין דעם יאַפּאַנישן פאָלק. זיין בוך איז אין טאָך געווען אַ קריגערישער לויב־געזאַנג און הימן פאַרן פעאָדאַליזם. דאָן האָט אויך אָנגעשריבן זיין פאַשיסטיש ליד „מיר וועלן זיי אַריינוואַרפן אין געהע־נעם״ דער פּאָעט יאָסאָ סאַידזאָ. איצט זיינען אָט די אַלע שרייבערס אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל זיי וואַרטן אָפּ: עפּשער וועט נאָך עמעצער זיך נויטיקן אין זייער דינסט. דאָך טאָר מען ניט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז צווישן זיי איז אויך געווען אַזאַ שרייבער, ווי מיאַוּטי קאַניאַ, וועל־כער האָט אָנגעשריבן דעם ראָמאַן „דער טרויער־מאַרש פון דעם פּלאַט״, ווו ער באַשרייבט דאָס לעבן פון די יאַפּאַנישע מאַטראָסן. עמעס, אַז מיאַוּטי פאַרזיכערט, אַז די מאַפּאָלע פון דעם יאַפּאַנישן פלאָט איז אַ פּויעל יויצע פון דער שלעכטער באַהאַנדלונג פון די מאַטראָסן. ער קען נאָך אַלץ

ניט באַנעמען דעם פּאַרנעם פון יאַפּאַנס סאָציאַלער טראַגעדיע, יעדנפאַלס איז דאָס דערשיינען פון אַזאַ בוך — אַן אַנגענעמע דערשיינונג.

— פאַרמאָגט איר אויך באַדייטנדיקע פּראָלעטאַרישע שרייבער ?

— צווישן זיי קען מען פאַררעכענען קוראַסימאַ דענדזי, דעם מעכאַבער פון דעם ראָמאַן „באַוואָפנטע מייסים". קוראַסימאַ האָט זיך באַטייליקט אין דעם יאַפּאַנישן מאַרש אַף סיביר, און איז דאָרט קראַנק געוואָרן אַף טובערקולאָז. שפּעטער, נאָך זיין צוריקקער קיין יאַפּאַן, שוין אַ קראַנקער, האָט ער ליגנדיק אין בעט, אָנגעשריבן דעם ראָמאַן אין וועלכן עס ווערט מיט אַ ריזיקער קראַפט דעמאַסקירט די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון דעם יאַפּאַנישן מיליטאַריזם. אויב נאָר די צענזור וועט אים ניט פאַרבאָטן, וועט דאָס בוך גאָר אינגיכן דערשיינען. איך וואָלט פאַררעכנט צווישן די באַדייטנדיקסטע פּראָלעטאַרישע שרייבער אויך קאָבאַיאַסי, וועלכער איז געשטאָרבן דעם 20־טן פעברואַר פון יאָר 1933. געשטאָרבן איז ער אין טפיסע, ווו די יאַפּאַנישע רעאַקציע האָט אים פאַרשפּאַרט. זיין ראָמאַן „די פּאַרטיי־איינוווינער" פאַרמאָגט נאָך ביזן היינטיקן טאָג זיין פּאָליטישע און קינסטלערישע שאַרפקייט. איצט דינט ער אַלס אַן עכטע פאָן פון די יאַפּאַנישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן.

— פאַרוואָס דענקט איר, אַז די ביכער וועלן ווערן פאַרבאָטן פון דער צענזור ? — פרעגן מיר.

— אַזוי גלויבן מיר, — ענטפערט טאַקונאַגאַ — ווייל דאָ ווערן דאָך פאַרבאָטן אַפילו לעוו טאָלסטאָיס דערציילונגען און אַרטיקלען. אָט קענט איר, צום ביישפּיל, זען די קאָרעקטורן און אויסשניטן, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער צענזור אין לעוו טאָלסטאָיס אַרטיקל : „וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן ?" מען האָט אויסגעשניטן דעם זאַץ : „פאַר דעם צוועק האָבן די אַמעריקאַנער צוגעשיקט אַ פלאָטיליע, וועלכע האָט אומדערוואַרטעט פאַרכאַפּט איינינקע בעסטע אינדזלען (פידזשי), ווי אַן אַראָוועס, און האָט באַדראָט צו באָמבאַרדירן און פאַרניכטן די קאָלאָניעס, אויב די אַרויפגעלייגטע קאָנטריבוציע וועט ניט אַריינגעטראָגן ווערן צום באַשטימטן טערמין צו די אַמעריקאַנער פאַרשטייער"...

אָדער ווייטער :

„און נוצנדיק אַ ליאַדע טערעץ פלעגן זיי אויסקלייבן אָדער פאַרכאַפּן די בעסטע ערד־שטאָכים"...

איר האָט דאָ ווייטער נאָך צוויי אויסשניטן פון דעם זעלבן אַרטיקל :

„די פריערדיקע 45 טויזנט דאָלער האָבן זיך פאַרגרעסערט אַף 90 טויזנט און ער האָט געדראָט מיט דעם, אַז עס וועט נאָך מער שטייגן, אויב קאַקאָבאַ וועט זיי טייקעף ניט איינצאָלן"...

און צום סאָף :

„די דראַמע הויבט זיך אָן מיט דעם, וואָס די אַמעריקאַנער רעגי־

רונג שיקט שיפן מיט אָנגעלאָדענע האַרמאַטן צו די ברעגן פון יענע אינדזלען, וועמענס באַפעלקערונג זי האָט בעדייע צו פאַרשקלאַפן. דער פּרעטעקסט פאַר דער באַדראָונג איז אַ געלט־איניען. אָבער דער אָנהויב פון דער דראַמע מיטן קויעך פון האַרמאַטן אָנגעצילטע אַף דער גאַנצער באַפעלקערונג: פרויען, קינדער, זקיינים און מענער, וועלכע האָבן זיך מיט גאָרניט פאַרזינדיקט — דאָס איז אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג, וועלכע ווידערהאַלט זיך איצט אין אַמעריקע, כינע, מיטל־אַזיע א.אַ.וו. אַזוי הייבט זיך אָן די דראַמע: דאָס בייטל, אָדער דאָס לעבן, וואָס כאַזערט זיך איבער אין אַלע געשיכטעס פון דער דעראָבערונג פון פעלקער: 45 טויזנט דאָלאַר, שפּעטער 90 טויזנט, ווען ניט אַ שכיטע. אָבער די 90 טויזנט פאַרמאָגט מען ניט. געלט האָבן די אַמעריקאַנער. דאַן קומט דער צווייטער אַקט פון דער דראַמע. מען דאַרף אָפּלייגן די שכיטע, פאַרבייטן די בלוט־באָד, אַ שרעקלעכע, אַ גרויזאַמע, אַ קורץ־טערמיניקע, אַף ליידן, עמעס וויניקער מערקבאַר, אָבער דערפאַר מער דויערנדיקע. דאַן זוכט דאָס קליינע פעלקעלע מיט זיינע פאַרשטייער מיטלען זיך אויסצוקויפן פון דער אויסראָטונג דורך געלט פאַרשקלאַפונג. עס מאַכט האַלוואָעס און עס הויבן אָן גלייך פונקציאָנירן די אויסגעאַרבעטע נאָרמעס פון פאַרשקלאַפן מענטשן מיטן קויעך פון געלט, דאָס ווערט דורכגעפירט מיט אַן אויסעראָרדנטלעכער דיסציפּלין און אין מעשעך פון בלויז פינף יאָר איז שוין אַלץ דערלידיקט: די מענטשן פאַרלירן ניט נאָר זייער רעכט צו באַנוצן זיך מיט זייער ערד און מיט זייער אייגנטום, זיי פאַרלירן אויך זייער פרייהייט. זיי ווערן שקלאַפן".

דאָס אַלץ מעקן די אַמעריקאַנער אויס פון די איבערזעצונגען אַף דער יאַפּאַנישער שפּראַך פון ל. טאָלסטאָיס ווערק. פאַר זיי איז דאָס „העצע". מיט דעם אָבער אָנערקענען זיי אַליין, אַז דער קלוגהאַפּטער צאָרן פון דעם געניאַלן רוסישן שרייבער, דעמאַסקירט די אַמעריקאַנער אין יאַפּאַן, האַגאַם עס איז שוין פאַרלאָפן מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט עס איז דערשינען טאָלסטאָיס אַרטיקל „וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן?" און אין מעשעך פון דער צייט האָבן שוין די צוויי וועלטמילכאָמעס אויסגעלערנט די פעלקער פון דער וועלט וואָס זיי זאָלן טאָן.

די יאַפּאַנישע שרייבער פרעגן אונדז אויס וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור און באַדויערן, וואָס זיי האָבן ניט די מעגלעכקייט איבערזעצן די סאָוועטישע ביכער, ווייל זיי שטערט די אַלמעכטיקע אַמעריקאַנישע צענזור.

שפּעט באַנאַכט פאַרלאָזן זיי אונדז און גייען אַהיים, מיר באַגלייטן זיי ביז צום ראָג פון דעם שטילן נאַכטיקן געסל. זיי ברומען אונטער זייערע טרויעריקע נאַציאָנאַלע לידער און לאַנג־לאַנג שווימט ערגעץ אין דער שטומער שטאָט זייער מעלאָדיע.

מיר קערן זיך אום צוריק אין אונדזער צימער דורך דער שמאָלער „צייטונגס־אַלייע״. אונטער די פענצטער פון די הייזער ווו עס וווינען די אַמעריקאַנער אָפיצירן, אָרדענען איין זייער נאַכטלעגער היימלאָזע יאַפּאַנער. דאָס איז זייער באַליבטסטער פּלאַץ — ווייל באַנאַכט שלייַדערן אַרויס די אַמעריקאַנער דורך די פענצטער אַף זייערע קעפּ לייַדיקע קאָנסערוון שאַכטלעך און אין זיי קען מען נאָך עפּעס וואָס אויסקראַצן. יענע נאַכט האָבן מיר אַ לאַנגע צייט ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. די טרויעריקע איינדרוקן און פאַקטן זיינען געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן.

— גוט וואָלט געווען, אַז מיר זאָלן שוין אַהיימפאָרן, — ריידן מיר צווישן זיך.

אונדז אַלעמען ווילט זיך וואָס גיכער פאַרלאָזן יאַפּאַן. דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז אין אַ נאַטירלעכער און אַ גאַנץ־פאַרשטענדלעכער בענקשאַפט נאָך דעם היימלאַנד. מיר קענען פּאַשעט מער ניט אַריבערטראָגן דעם אַלטן און פרעמדן לעבנס־שטייגער. מען מוז אָבער נאָך האָבן אַ ביסל געדולד און מאַכן אַ רייזע אַפן אינדזל כאַקקאַידאָ. דאָס אייַצענען אונדז אַלע אונדזערע פריינט און מיר אַליין פאַרשטייען אויך גאַנץ גוט, אַז מען טאָר ניט פאַרלאָזן יאַפּאַן, ניט באַזוכנדיק דעם כאַקקאַידאָ־אינדזל. אונדז איז זייער אינטערעסאַנט צו זען: וואָס האָבן דאָרט אויפגעטאָן די אַמעריקאַנער?

אַף מאָרגן גייען מיר אַוועק אין שטאַב פון דוגלאַס מאַק־אַרטור צום גענעראַל בעקער. די „פּאָבליק רעליישן אָפיס״, — אַזוי הייסט די ביוראָ וואָס באַדינט די זשורנאַליסטן — געפינט זיך אין אַ גרויסן גרויען הויז, וואָס איז פאַרנומען פון דעם ראַדיאָ־צענטער — דאָס הויז איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „ראַדיאָ טאָקיאָ״. אַף דעם צווייטן שטאָק האָט זיך באַזעצט דער גענעראַל בעקער מיט זיין גרויסן אַפּאַראַט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן דורך מאַק־אַרטורס שטאַב נאָר צוליב דעם, קעדיי צו דער צייט באַזאָרגן מיט אינפאָרמאַציע אַלע אויסלענדישע זשורנאַליסטן, וועלכע געפינען זיך אין יאַפּאַן. דאָרטן, בישכיינעם מיט גענעראַל בעקערס קאַבינעט געפינען זיך אויך די טאָקיער אָפּטיילונגען פון די אַמעריקאַנער טעלעגראַפישע אַגענטורן: „אַסאָשייטעד פרעס״, „יונייטעד פּרעס״ און „אינטערנאַציאָנאַל ניוס סערוויס״. די דריי אַגענטורן פאַרנעמען אין בעקערס „אָפיס״ גרויסע צימערן. זיי פאַרמאָגן טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע איינריכטונגען. אַהין, אין יענע צימערן שטעלט צו דער גענעראַל בעקער דריי מאָל אַ וואָך די סאַמע פרישסטע אינפאָרמאַציע וועגן די „גרויסע אויפטוען״ פון די אַמעריקאַנער אין יאַפּאַן. גאַנץ אָפט געפינען ניט פאַר נויטיק די קאָרעספּאָנדענטן פון די

דריי אַגענטורן אַפילע דורכצוקוקן די אינפאָרמאַציע, וועלכע מאַק־אַר־טורס שטאַב שטעלט זיי צו. זיי קלייבן נאָר אויס פון דאָרטן דאָס מער סענסאַציאָנעלע, די ערשט־געשעענע, אָדער גאָר דאָס מער גאַנגבאַרע אין יענעם טאָג אַפן בורזשואַזן צייטונגס־מאַרק — און זיי שיקן דאָס אַי־בער קיין ניו־יאָרק. דער גענעראַל בעקער באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען, אַז דער אַמעריקאַנער לייענער זאָל ווייסן וואָס וויניקער וועגן דער עמע־סער לאַגע אין איצטיקן יאַפּאַן. אייגנטלעך אין דעם באַשטייט די הויפּט־טעטיקייט פון דעם גענעראַל בעקער אין יאַפּאַן. מען האָט מיר אַפילע אַמאָל געזאָגט, אַז בעקערס אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז ער זאָל שאַפן אַ מין פאָרהאַנג דורך וועלכן קיין אַמעריקאַנער זאָל ניט קענען דערזען וואָס עס קומט פאָר אין דעם היינטיקן יאַפּאַן. אַזאַ פאָרהאַנג, אויסגעוועבט פון הויכע פראַזן, דעמאַגאָגישע האַלוטאָכעס און טענדענ־ציעז־צונויפגעשטעלטע פאַקטן, ווערט גאַנץ געשיקט צוגעגרייט דאָ אַפן צווייטן שטאָק פון „ראַדיאָ טאָקיאָ". שפּעט באַנאַכט ווערן גאַנצע שטויסן אינפאָרמאַציע־בויגנס געבראַכט דורך בעקערס אָפיצירן אין דעם זשור־נאַליסטן־קלוב, די אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן באַקענען זיך מיט זיי אָדער פאַרן שלאָפן גיין, אָדער אינדערפרי באַם טרינקען קאַווע.

עס געשעעט אָפטמאָל, אַז די אַלע זשורנאַליסטן פאַרלאָזן ניט דעם קלוב אין מעשעך פון גאַנצע טעג — דער גענעראַל בעקער שטעלט זיי צו אַהין אַלץ וואָס קען נאָר אינטערעסירן זייערע באַלעבאַטים אין ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן און שיקאַגאָ.

זיינען מיר, הייסט עס, געקומען צום גענעראַל בעקער נאָך אַ דער־לויבעניש צו באַזוכן דעם כאָקקאַידאָ־אינדזל. מען האָט באַ אונדז גע־בעטן אָנגעבן שריפטלעך די צילן פון אונדזער רייזע, אָנווייזן דעם גע־נויען מאַרשרוט, די גענויע שאָ און טאָג פון אונדזער אָפּפאָר און אונ־דזער צוריקקומען — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס עס קען נאָר אינטע־רעסירן די דזשיטו־אָפיצירן. מיר האָבן דאָס אַלץ אויסגעפילט און גלייך איבערגעזעצט אונדזער מעמאָראַנדום אַף דער ענגלישער שפּראַך. דריי קאָפּיעס פון דעם האָבן מיר איבערגעגעבן איינעם פון די נאָענטסטע געהילפן פון דעם גענעראַל בעקער — אַ הויכן רויטבאַקיקן לייטענאַנט־קאָראָנעל האַרוועי.

— גוט — האָט געזאָגט האַרוועי — אין דריי טעג אַרום וועט איר באַקומען אונדזער ענטפער. איך גלויב, אַז איר מעגט זיך שוין גרייטן צו דער רייזע.

— מיר וואָלטן געוואָלט אָבער, אַז דאָס מאָל זאָל אונדזער רייזע ניט טראָגן אַזאַ טוריסטישן כאַראַקטער, ווי ס'איז געווען אונדזער רייזע קיין נאַגאַסאַקי.

— דאָס איז פון מיר ניט אָפּהענגיק, — האָט מיט אַ טרוקענעם טאָן געענטפערט האַרוועי. — מיט דעם באַשעפטיקט זיך די דזשיטו.

— יאָ, איר מוזט זיי אָבער געבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זיינען זשורנאַליסטן און מוזן האָבן די זעלבע רעכט, ווי אַלע אַנדערע אויס־לענדישע קאָרעספּאָנדענטן אין יאַפּאַן.

— געוויס, געווים האָט איר די זעלבע רעכט. אין דעם איז ניטאָ קיין שום צווייפל — ענטפערט האַרוועי.

— ניין, מיר האָבן ניט דאָס רעכט — ענטפערן מיר. — אַלע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן: אַמעריקאַנער, פראַנצויזן, ענגלענדער, פאָרן אַרום פראַנק און פריי איבער גאַנץ יאַפּאַן אָן דער באַגלייטונג פון דזשיטו־אָפיצירן. פאַרוואָס זיינען מיר עפּעס אַרומגערינגלט מיט אַזאַ „ערן־וואַך" ?

האַרוועי געהערט ניט צו דעם טיפּ מענטשן, וואָס ריידן אַ סאַך, אויסהערנדיק אונדזערע טענות, ענטפערט ער בלויז:

— גוט, איך וועל דאָס אַלץ איבערגעבן דער דזשיטו.

מיר קערן זיך אום אין קלוב און מעלדן אַלע זשורנאַליסטן, אַז אין דריי טעג אַרום פאָרן מיר אַרויס אָפּן אינדזל כאָקקאַידאָ, און מיר הייבן זיך אָן צוצוגרייטן צו אונדזער רייזע.

עס זיינען דורכגעגאַנגען די דריי טעג און דער גענעראַל בעקער גיט אונדז ניט קיין טשוווע.

מיר ריידן צו אים דורכן טעלעפאָן און באַקומען אַן אויסמיידנדיקן ענטפער:

— מיר וועלן איך מעלדן מאָרגן.

דאָ, אין יאַפּאַן האָב איך מיך שוין צוגעוווינט צו דעם, אַז די אַמע־ריקאַנער זיינען ניט קיין גרויסע ליבהאָבער צו האַלטן וואָרט. ביז מיין רייזע קיין יאַפּאַן, האָב איך שטענדיק געהערט וועגן דעם, אַז די אַמע־ריקאַנער זיינען געשעפטלעכע און פּינקטלעכע מענטשן. אָבער די אַמע־ריקאַנער, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן אין יאַפּאַן, געהערן ניט צו יענעם מין. איך האָב אַ כשאַד, אַז אָט דער שטריך פון דעם אַמעריקאַנער כאַראַקטער געהערט שוין צו דער געשיכ־טע. אַ לייטענאַנט, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע איינצוּאָרדענען פאַר אונדז אַ וווינונג האָט זעקס מאָל איבערגעכאַזערט דאָס באַליבטע אַמעריקאַנישע וואָרט „מאָרגן" און ווען נאָכן זעקסטן „מאָרגן", זיינען מיר, ענדלעך, אַליין געפאָרן צו אים, איז ער אינגאַנצן פאַרשוווּנדן און האָט זיך פון אונדז אויסבאַהאַלטן אין מעשעך פון אַ גאַנצער וואָך.

— איך דערקען ניט די אַמעריקאַנער, — האָב איך אים געזאָגט, ווען מיר האָבן אים ענדלעך געפּאַקט און אים דערמאָנט וועגן זיין צו־זאָג, וואָס ער האָט אונדז געמאַכט שוין מיט צוויי וואָכן צוריק.

— אַזוי גוט קענט איר זיי שוין ? — האָט ער אונדז געפרעגט מיט אַ שמייכל, קייענדיק דערביי זיין שטענדיקע גומע. — זענט איר דען געוועז שוין אַמאָל אין אַמעריקע ?

— ניין, — האָב איך אים געענטפערט — אין אַמעריקע בין איך נאָך ניט געווען, איך האָב אָבער פיל געהערט וועגן דער אַמעריקאַנער פינקטלעכקייט. סיידן נאָר, אַז די אַמעריקאַנער וועלכע געפינען זיך אין יאפאן, פארמאָגן ניט אַט די מעַלע.

דער לייטענאַנט האָט אַ שמייכל געטאָן.

— גוט. מיר וועלן דאָס אַלץ איינאָרדענען אין צוויי טעג אַרום. אָ־קעי!

זיין וואָרט האָט ער געהאַלטן און אַלץ דורכגעפירט אין צוועלף טעג אַרום.

דעריבער, ווען מיר האָבן נאָך דערהערט פון דעם גענעראַל בעקער דאָס באַליבטע „מאָרגן", האָבן מיר גלייך פאַרשטאַנען, אַז עס וועט אונדז אויסקומען נאָך זייער לאַנג צו וואַרטן אַף די דערלויבעניש צו פאָרן אַפן באַקקאַידאָ־אינדזל. אונדזער אַרבעטס־טאָג פלעגן מיר אָנהויבן האַלב אַכט אַזייגער אינדערפרי און גלייך נאָכן פרישטיק פלעגן מיר קלינגען צום גענעראַל בעקער, און אין מעשעך פון דריי וואָכן האָבן מיר באַקומען אַ לאַקאָנישן ענטפער:

— נאָך ניטאָ קיין דערלויבעניש. קלינגט מאָרגן.

— 25 —

די צייט האָבן מיר דערווייל אויסגענוצט אַף צו מאַכן אַ רייזע אין פרעפעקטור טיבא. אַהין איז אונדז געלונגען זיך אַריינבאַקומען אין אַ יאַפאַנישן אויטאָמאָביל. עפשער טאַקע דערפאַר זיינען מיר ניט פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער עמפי. דער דאָרף סימאַסיצי אין דער טיבאַ־פרעפעקטור געפינט זיך אַף אַ דיסטאַנץ פון אַ צוויי שאָ רייזע פון טאָקיאָ. עס האָט זיך אונדז געגלוסט באַזוכן אַ דאָרף, פאַרברענגען דאָרט אַ טאָג־צוויי. מיר האָבן גערעכנט, אַז מיר קענען אויך דאָרט וואַרטן אַף גענעראַל בעקערס ענטפער. צום גרויסן באַדויערן האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן צו באַזוכן אַ דאָרף, אָדער, בעסער געזאָגט, מיר זיינען אָנגעקומען אין אַ דאָרף אָבער קיין יאַפאַנישע פויערים האָבן מיר דאָרט ניט געפונען. מען האָט אונדז אויפגעקלערט אַז אין יענעם דאָרף, אַף דער ערד, וועלכע האָט אַמאָל געהערט צו אַן אַרטילעריע־שול, האָט זיך איצט באַזעצט אַ קאָלאָניע.

— ווער שטייט אין דער שפיץ פון דער קאָלאָניע? — פרעגן מיר באַ איינעם אַ יאַפאַנער, וועלכער איז צוגעקומען צו אונדזער אויטאָמאָביל גלייך ווי ער האָט זיך נאָר אָפגעשטעלט אין אַ שמאָל דאָרפיש געסעלע.

דער יאַפאַנער האָט זיך פאַרנייגט און געענטפערט:

— כאַסימאָטאָ־סאַן.

— װער־זשע איז דער כּאַסימאַטאַ־סאַן?

דער יאַפּאַנער פאַרנייגט זיך װידער:

— דער אָנפירער פון דער קאָלאָניע.

— װי קומט ער אַהער? װער איז ער? אַ גוטבאַזיצער, אַן אַגראָנאָם, אָדער אַ בעקאָװעדיקער פויער?

דער יאַפּאַנער פאַרנייגט זיך צום דריטן מאָל:

— ער איז — כּאַסימאַטאַ־סאַן.

פון די ענטפערס האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מער װעלן מיר ניט קענען דערגיין בײַ דעם יאַפּאַנער, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום הויז, װוּ עס האָט געװוינט כּאַסימאַטאַ־סאַן.

דעם באַלעבאָס האָבן מיר אין דער היים ניט געטראָפן. צו אונדז איז אַרויסגעגאַנגען אַ יונגערמאַן געקליידעט מיליטעריש, אָבער אָן די עפּאָלעטן. פון אים האָבן מיר זיך דערװוּסט, אַז כּאַסימאַטאַ־סאַן איז אין פעלד און װעט זיך צוריקקערן נאָר אין אָװנט.

— מיילע, — ענטפערן מיר, — מיר האָבן זיך ניט װאָס צו אײַלן, װעלן מיר צװוּאַרטן ביזן אָװנט.

דעם יונגנמאַן איז שטאַרק ניט געפעלן געװאָרן װאָס מיר אײַלן זיך ניט און ער האָט אונדז געזאָגט:

— עס קען אָבער מעגלעך זיין, אַז כּאַסימאַטאַ־סאַן װעט זיך דאָרט פאַרהאַלטן אױף אַ טאָג, אָדער אױף צװוײ. װעט איר אויך װאַרטן? און כאָטש דער יאַפּאַנער האָט אונדז געשטעלט די פראַגע מיט אַ ליבלעכן שמייכל, װעלכער האָט געזאָלט אויסדריקן אַ פולשטענדיקע גאַסטפרײַנטשאַפט, דאָך האָבן מיר אין זיין בליק אויפגעכאַפּט אַן אויסדרוק פון גרויס אומרו.

— פאַרװאָס זאָל ער זיך עפּעס פאַרהאַלטן אױף אַזאַ לאַנגע צייט אין פעלד?

— דאָס קענען מיר ניט װיסן.

פון דעם געשפּרעך איז אונדז געװאָרן קלאָר, אַז כּאַסימאַטאַ־סאַן איז עפּעס אַ מיסטעריעזע פּערזענלעכקייט, װעלכע װיל בעשום אויפן זיך ניט באַגעגענען מיט אונדז. מיר האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש אַרײַנצוגיין אין הויז. דער יונגערמאַן האָט אָפּגערוקט אַ װענטל פון הויז, װעלכע גייט אַרום צו דער גאַס און מיר אַלע, אַראָפּגענומענדיק אונדזערע שיך, זיינען אַריין אין אַ זויבערן זייער ציכטיק אויפגעראַמטן אויפנאַמס־צימער פון כּאַסימאַטאַ־סאַנס װוינונג. מען האָט אונדז פאַרבעטן צו זעצן זיך אױף די קישנס און אַ יונג מיידל, אָנגעטאָן אין אַ קימאָנאָ האָט אונדז דערלאַנגט דעם טראַדיציאָנעלן גרינעם טיי אין קליינע טעפּעלעך.

— איר װעט בײַ אונדז עסן מיטיק? — האָט געפרעגט דער יאַפּאַנער.

— ניין, — ענטפערן מיר — מיר װעלן ניט װאַרטן אױף כּאַסימאַטאַ־

סאַן. מיר האָפן אָבער, אַז איר וועט אונדז דערציילן וועגן אייער קאָ־לאָניע.

— געוויס, — האָט ער געענטפערט — אַלץ וואָס קאָן אייך נאָר אינטערעסירן.

און דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַף דעם שעטעך ערד, וואָס האָט אין דער צייט פון דער מילכאָמע געהערט צו דער אַרטילעריע־שול, האָט זיך איצט באַזעצט אַ קאָלאָניע. דאָס איז זייער אַ גוטע קאָלאָניע, ווייל אין דער שפּיץ פון דער אָנפירונג מיט איר שטייט כאַסימאַטאַ־סאַן. זי באַשטייט פון ניין הונדערט דריי און זעכציק הויפן.

— צו וועמען געהערן די הויפן?

— די זאַך איז די — ענטפערט מען אונדז, — אַז איצט ווילן די יאַפּאַנער שוין מער ניט האַלטן קיין מילכאָמעס און די מיליטערלייט האָבן שוין אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן מילכאָמע און וועגן מיליטער־איניאָנים. זיי פאַרנעמען זיך איצט מיט ערד־אַרבעט.

— וויפל מיליטערלייט געפינען זיך אין דער קאָלאָניע?

— אַלע זיינען דאָך מיליטערלייט, — ענטפערט ניט זיכער דער יאַפּאַנער.

די קאָלאָניע נעמט אַרום ווי עס ווייזט אויס מיליטערלייט פון פאַר־שיידענע ראַנגען: אָפיצירן, אונטעראָפיצירן און סאָלדאַטן.

— וויפל אָפיצירן פאַרמאָגט איר? — פרעגן מיר.

— באַ אונדז איז ניטאָ קיין אָפיצירן, דאָ זיינען אַלע קאָלאָניסטן.

דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און געזאָגט:

— באַ אונדז דאָ, איז ווי לעמאָשל באַ אייך — אַ קאָלווירט.

— איר האָט, ווי אונדז שיינט, קיין שום אָנונג ניט וועגן אונדזערע קאָלווירטן.

— אַוואַדע, זיכער, קען אויך זיין מעגלעך, אַז איך האָב אַ טאָעס.

— אָן שום צווייפל, אַז איר האָט אַ טאָעס! — ענטפערן מיר.

— אויב אַזוי וויפל־זשע פאַרמאָגט איר פאַרט קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אַמאָל געהייסן אָפיצירן?

דער יאַפּאַנער שלעפּט אַרויס אַ ביכעלע און ענטפערט:

— אַזעלכע קאָלאָניסטן האָבן מיר דאָ 91 מאַן.

— און וויפל סאָלדאַטן?

— טויזנט אַכט הונדערט ניין מאַן.

— און אונטעראָפיצירן?

דער יאַפּאַנער פרעגט אונדז איבער מיט אַ שמייכל:

— איר ווילט אַוואַדע זאָגן — וויפל קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אַמאָל געהייסן אונטעראָפיצירן?

— יאָ, יאָ, דאָס מיינען מיר טאַקע, — ענטפערן מיר.

— אַזעלכע האָבן מיר דאָ צוויי הונדערט און איין מאַן.

— מיר האָבן אויך געהערט, אַז די קאָלאָניעס ווערן בײַ אײַך פאַר־טײלט אויף בריגאַדעס? איז דאָס אַזוי?

— יאָ, — ענטפערט ער, — בײַ אונדז איז דאָ פאַראַן עלף ברי־גאַדעס.

דער יאַפּאַנער גיט אַ זיפץ, גייט אַרום אויפן גאַס. דערנאָך קומט ער צוריק און זאָגט:

— איך וואָלט וועלן, אַז אויף דער פראַגע זאָל איר ענטפערן כאַסי־מאַטאַ־סאַן.

— ער איז דאָך אָבער ניטאָ. עפשער וועט איר עס אונדז קאָנען זאָגן? איך גלויב, אַז דאָס איז ניט קיין מיליטערישער סוד.

דער יאַפּאַנער האָט מיט שרעק גענומען פאָכען מיט די הענט.

— זיכער ניט. איך וואָלט דאָס אויך געקענט אײַך זאָגן, ווײַס איך אָבער ניט אויב דאָס איז דערלויבט.

— אַלזאָ, וואָס פאַר אַ בריגאַדעס זײַנען דאָס פאַראַן?

דער יאַפּאַנער האָט ווידער אַרײַנגעקוקט אין זײַן ביכעלע:

— די ערשטע בריגאַדע הייסט „דײַניטשי", וואָס באַטײַט „די גרוי־סע זון", זי באַשטייט פון סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער אַרטילעריע־שול; די צווייטע „אַקעבאַנג" (באַגינען), פאַרמירט פון דער מאַנשאַפט פון דעם שוץ־באַטאַליאָן פון דער שטאַט טיבאַ; די דריטע בריגאַדע — „טשיטאַק", וואָס באַטײַט „די הימלישע הויף", זי איז צונויפגעשטעלט פון מענטשן פון דער אַנטי־אַוויאַציע־אַרטילעריע; די פערטע „איקענאַ־בע" נעמט אַרום די טאַנקיסטן; די פינפטע — „טשיגוסאַ" איז צונויפ־געשטעלט פון גוואַרדיע־סאָלדאַטן; די זעקסטע „סאַננאַ" (באַרגשפּיץ) — דאָרט גרופּירן זיך די לופט־פליער; די זיבעטע „טענדיוי" (גרויסער הימל), שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַריין פון אָפיצירן פון דער אינפאַנ־טעריע־שול; די אַכטע „קאַפּודאַ" (זיגרײַכער פעלד), דאָרט געפינען זיך אויך טאַנקיסטן; די נײַנטע אונטערן נאָמען „כעסעד" באַשטייט פון מילכאָמע־אינוואַלידן; די צענטע און עלפטע, וועלכע הייסן „די גרויסע ערד" פאַראייניקן סאָלדאַטן און אָפיצירן פון טעכנישע רעגימענטן.

— ווען זײַנען אונטערגעוואָרפן די אַלע בריגאַדעס? — פרעגן מיר.

— דעם שעף פון דער קאָלאָניע כאַסימאַטאַ־סאַן!

— ווער זשע איז דער כאַסימאַטאַ־סאַן?

דער יאַפּאַנער האָט זיך צעשמייכלט און געענטפערט:

— ער איז דער שעף פון דער קאָלאָניע.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין דער קאָלאָניע וועט מען אונדז זאָגן אַלץ, אויסער ווער ס'איז דאָס דער כאַסימאַטאַ־סאַן.

נאָכדעם האָבן מיר זיך דורכשפּאַצירט איבערן דאָרף, צוגעפאָרן צום פעלד, וווּ עס האָבן געאַרבעט יונגעלײַט אָנגעטאָן האַלב־מיליטעריש,

אייגנטלעך קאָן מען זאָגן אין מיליטערישן אָנטועכץ אָבער אָן עפּאָלעטן. עפּעס אַן אַלטפּרענקישער טאַנק האָט געשלעפּט נאָך זיך דריי וועגעלעך מיט באַמיסטיקונג צום מיטן פעלד. מיר האָבן זיך ציגעזעצט באַם ראַנד פון וועג און באַטראַכט דעם אידילישן בילד. אין דער צייט איז צו אונדז צוגעפאָרן אַף אַ ביציקלעט אַן עלטערער מאַן ציוויל־געקליידעט. ר'האָט גע־לאָזט שטיין דעם ביציקלעט אין אַ זייט. לויט זיין אויסזען האָבן מיר גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער מוז געהערן צו די „פירער" פון דער קאָלאָניע. יעדנ־פאַלס האָבן זיך אַלע באַצויגן צו אים מיט גרויס דרעכבערעץ און די יאַפּאַנער וועלכע האָבן זיך געפונען נאָענט באַם וועג האָבן זיך ביז צו דער ערד פאַרנייגט פאַר אים.

ער האָט געטראָגן אַ ווייסן ראָק און גוט אויסגעפּרעסטע גראָע, שמאָלע הויזן. זיינע שיך זיינען גאָרניט געווען פאַרשטויבט, זיי האָבן געגלאַנצט אונטער די זון־שטראַלן. דאָס אַלץ האָט נאָך מער אונטערגע־שטראָכן, אַז דער מענטש טוט ניט אין דער קאָלאָניע קיין שום פיזישע אַרבעט. כ'איז אויך געווען קאָנטיק אַז ער איז געקומען צופאָרן ניט פון קאָנטראָלירן און אָנפירן מיט דער אַרבעט אין פעלד, נאָר פּאַשעט פון אַ געוויינלעכן שפּאַציר.

— מיט וועמען האָבן מיר דעם קאָוועד ? — פרעגן מיר, איבער־געבנדיק אים אונדזערע וויזיט־קאַרטן.

ער האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט איבערגעלייענט אַף אַ קאָל די אָנגעשריבענע אין דער יאַפּאַנישער שפּראַך אַזעלכע אומדערוואַרטעטע ווערטער ווי „מאָסקווע", „פּראַוודאַ". אַף איין מאָמענט נאָר האָט ער זיך פאַרלאָרן און געענטפערט :

— כּאַסימאַטאַ !

דאָ זיינען מיר ערשטע דערגאַנגען דעם סאָד פון אָט דעם מענטש. כּאַסימאַטאַ־סאַן האָט זיך גאָרניט באַמיט אים אויסצובאַהאַלטן. דאָס וואָס זיינע אונטערגעאָרדנטע האָבן געהאַלטן בעסאָד, האָט ער פאַרענט־פערט מיט זייער פּאַשעטע ווערטער. כּאַסימאַטאַ־סאַן איז איינער פון די אָנגעזעענסטע גענעראַלן פון דער יאַפּאַנישער אַרמיי. אין די לעצטע טעג איידער יאַפּאַן האָט קאַפּיטולירט, איז כּאַסימאַטאַ סאַן געווען דער שעף פון דער אַרטילעריע־שול אין דער טיבאַ פּרעפעקטור. נאָכדעם, ווי מען האָט פאַרבאָטן יאַפּאַן אָנצוהאַלטן אַרטילעריע־שולן, איז אָנטשטאַנען די קאָלאָניע. דערפאַר אָבער, איז פון דער שול ניט אַוועק קיין איינציקער מאַן, פאַרקערט, די קאָלאָניע האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט, ווי איר קענט שוין דאָס אַליין פאַרשטיין, אַ דאַנק דעם צופלוס פון מענטשן וועלכע האָבן נאָך זייער דעמאָביליזאַציע געזאָלט אַהיימפאָרן. קורץ געזאָגט : די קאָלאָניע, וועלכע געפינט זיך אין דעם דאָרף סימאַסיזו — איז ניט קיין גוט־פאַרמאַסקירטע, אָבער דערפאַר זייער גוט אָרגאַניזירטע מילי־טערישע קערפּערשאַפט. אונטערן נאָמען „בריגאַדע" ליגט אויסבאַהאַלטן

אזא פּאַשעטער און גוט באַקאַנטער אין אַלע אַרמייען פון דער גאַרער וועלט באַגריף: „באַטאַליאָן". קימאַט אין דער שפּיץ פון יעדער ברי־גאַדע שטייט אַן אָפיציר. גענעראַל כאַסימאַטאַ — מיר מעגן שוין גאַנץ דרייסט אים אַזוי רופן, האָט אָפּגעשאַפט די מיליטערישע אָפּצייכענונגען, ער האָט אָבער איבערגעלאָזט אומבאַרירט די מיליטערישע דיסציפּלין. ווי מיר זיינען שפּעטער געוואָר געוואָרן, פירט ער אויך דורך אין דער קאָ־לאָניע פון צייט צו צייט מיליטערישע איבונגען. נאָר דאָ הייסט עס, אַז מען פאַרנעמט זיך מיט ספּאָרט. אין דער צייט צווישן די איבונגען שפּילן די קאָלאָניסטן אין „בייסבאָל" — דאָס איז אין יאַפּאַן דער אַמערסטן פאַרשפּרייטער ספּאָרט־שפּיל. (איך האָב געזען ווי מען שפּילט אין בייס־באָל אַף די טאָקיער הויפּט־גאַסן, און אַפילו אַפן אימפּעראַטאָר־פּלאַץ).

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין טאָקיאָ און גלייך אוועק אין אַגריקולטור־מיניסטעריום, אונטער וועמענס שוץ עס געפינען זיך די ניי־געשאַפענע קאָלאָניעס. ניט ווייניק מי האָט אונדז געקאָסט ביז מיר האָרן זיך דערוווּסט, אַז אַזעלכע קאָלאָניעס האָבן זיך שוין באַ־וויזן אין אַלע פּרעפעקטורן פון יאַפּאַן. די קאָלאָניעס פאַררייניקן זעקס און זעכציק טויזנט הויפן. עס זיינען פאַראַן אַפילו ספּעציעלע אָפיצירן־קאָלאָניעס, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן פון עפּעס אַ מיסטעריעזע ביוראָ פון הילף פאַר די קריגס־געליטענע. מען האָט מיך פאַרזיכערט, אַז די פּעדים פון דער ביוראָ ציען זיך אין די רייכע הייזער פון דזייבאַצו־מאַג־נאַטן. די אַמעריקאַנער זיינען גוט באַקאַנט מיט די אַלע קאָלאָניעס און זיי שטיצן זיי אַפילו.

צו דער זעלבער צייט ווייסן אַלע אין יאַפּאַן אַז אין יענע קאָלאָניעס ווערט קאָנסערווירט קימאַט די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע אַרמיי, וועלכע האָט געקעמפט קעגן די אַליאירטע דריי גרויסמאַכטן. אין אַגריקולטור־מיניסטעריום געפינען זיך ספּעציעלע באַאַמטע, וועלכע האָבן געדינט פריער אין דעם יאַפּאַנישן גענעראַל־שטאַב, און איצט שטייען זיי אין דער שפּיץ פון דער „קאָלאָניסטישער באַוועגונג". מען האָט אונדז אַפילו צוגעשטעלט אַן אָפיציעלן באַריכט וועגן דעם גאַנג פון דער אויסשפּריי־טונג פון די קאָלאָניעס איבער די פּרעפעקטורן פון יאַפּאַן. אין דעם באַ־ריכט האָבן מיר אָבער קיין איין וואָרט ניט געפונען וועגן די קאָלאָניעס אַפן אינדזל באָקקאַידאָ.

— פאַרוואָס עפּעס ווערט דאָ ניט דערמאָנט וועגן דעם אינדזל באָק־קאַידאָ? — האָבן מיר זיך געפרעגט.

— דאָס איז דערפאַר, ווייל דער אינדזל באָקקאַידאָ געפינט זיך אונטער אַ באַזונדערן אויפזיכט פון דעם שטאַב פון דעם גענעראַל מאַק־אַרטור, און פון דאָרט באַקומען מיר ניט קיין שום ידיעות.

— עפּשער וועלן מיר דאָך באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך צו באַ־קענען מיט די קאָלאָניעס אַפן באָקקאַידאָ־אינדזל?

אף מאָרגן האָבן מיר ווידער דערמאָנט וועגן זיך דעם גענעראַל בעקער. דאָס מאָל האָט דער גענעראַל געפונען פאַר אונדז אַן אויסרייד אַז ער איז שטאַרק באַשעפטיקט. אונדז האָט אויפגענומען אַלץ דער זעלבער לייטענאַנט־פּאָלקאָווניק האַרוועי, וועלכער האָט געזאָגט:

— עס טוט מיר זייער לייד, נאָר דזשיטו קען אייך ניט געבן קיין דערלויבעני״ש אַף צו באַזוכן דעם אינדזל באַקקאַידאָ.

— פאַרוואָס? — האָבן מיר געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— דזשיטו רעכנט, אַז דאָס האָט קיין שום שייַכעס ניט מיט די צילן פון אייער רייזע אין יאַפּאַן.

— פון וואַנען איז דאָס דזשיטו אַזוי גוט באַהאַוונט אין די צילן פון אונדזער רייזע?

— מער קען איך אייך גאָרניט זאָגן — ענטפערט האַרוועי. — עפּשער ווילט איר זיך ווענדן צום גענעראַל בעקער?

— ניין, — האָבן מיר געענטפערט — זייט נאָר אַזוי גוט און גיט אונדז אַן אָפיציעלן שריפטלעכן אָפּזאָג.

האַרוועי איז אַוועק אין קאַבינעט צום גענעראַל בעקער. מיר האָבן געוואַרט איבער אַ האַלבע שאָ ביז ער איז ענדלעך אַרויס און זיך געזעצט צום שרייבטיש און האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, ווי ער האָט עס אָנגערופן, אַ מעמאָראַנדום. ד'ערנאָך איז ער ווידער אַוועק צום גענעראַל בעקער און זיך דאָרט ווידער געזוימט אַ האַלבע שאָ און שפּעטער אַרויסגעבראַכט פון דאָרטן אַ בויגן פּאַפּיר מיט עפּעס אָפּגעדרוקט אַף אַ שרייבמאַשין. אין דעם מעמאָראַנדום האָט זיך געזאָגט, אַז דזשיטו פון גענעראַל מאַק־אַרטורס שטאַב קען ניט דערלויבן אונדז, סאָוועטישע זשורנאַליסטן, מאַכן אַ רייזע אַפן אינדזל באַקקאַידאָ, ווייל דער אינדזל קען ניט דינען אַלס ציל פאַר אַ באַזוך פון קאָרעספּאָנדענטן אין יאַפּאַן.

— אין אַזאַ פאַל, וועט אונדז אויסקומען ביכלאַל צו פאַרלאָזן יאַפּאַן, — האָבן מיר געזאָגט.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין דעם זשורנאַליסטן־קלוב.

— נו, ווען וועט איר שוין פאָרן אַפן אינדזל באַקקאַידאָ? — האָבן אונדז געפרעגט די אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן.

איך האָב זיי דערלאַנגט דעם גענעראַל בעקערס „מעמאָראַנדום“. לויטן אויסדרוק פון זייערע פּנעמער, האָט דאָס אַף זיי געמאַכט אַ ווירקונג פון אַ באַמבע־אויפרייס. יענעם גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך באַמיט מיט אונדז ניט צו באַגעגענען און די מער רעאַקציאָנערע פון זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן אונדז אינגאַנצן ניט.

פונדעסטוועגן, פאַר אונדזער אָפּפאָרן פון יאַפּאַן, האָבן זיי איינגעאָרדנט פאַר אונדז אַן אָפּשיידס־אָוונטברויט און דאָרטן האָבן די אַלע זשורנאַליסטן, וועלכע באַגיסן מיט שמוץ און רעכילעס דעם ראַטנפאַרבאַנד, געפרוּווט שפּילן די ראָל פון דיפּלאָמאַטן. זיי האָבן געהאַלטן רע־

דעם אין וועלכע זיי האָבן אונטערגעשטראָכן זייער ליבע צו רוסלאַנד, זייער גרויסן רעספּעקט צו די רוסישע מענטשן און זייער אַנטציקונג פאַר דער העלדישקייט פון די סאָוועטישע סאָלדאַטן. אויסהערנדיק זייערע רעדעס, האָבן מיר אָפּגעענטפערט, אַז זשורנאַליסטן מוזן זיין בלויז זשור־נאַליסטן און ניט פאַרשטעלן זיך פאַר דיפּלאָמאַטן. זשורנאַליסטן — האָבן מיר אונטערגעשטראָכן — שפּילן איצט אַ גאַנץ וויכטיקע ראָל אין דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון דער וועלט. זשורנאַ־ליסטן קענען צוהעלפן צו אַ שאָלעם, אָדער צו אַ קריג צווישן לענדער. צום גרויסן באַדויערן, אָבער, אַרבעטן זייער פיל פון די זשורנאַליסטן, וועלכע געפינען זיך איצט אין יאַפּאַן, מיט אייפער קעדיי צו שאַפן אַ רויגעז צווישן צוויי גרויסע פעלקער. מיר האָפן אָבער, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק וועט זיך ניט נאָר אָפּקערן פון אַזעלכע זשורנאַליסטן, נאָר אויך פאַרשעלטן זייער געביין.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר פאַרלאָזט יאַפּאַן און אַרויסגע־פלויגן קיין ראַטנפאַרבאַנד.

* * *

נו, ליבער לייענער, זיינען מיר געווען מיט אייך צוזאַמען אַף די יאַפּאַנישע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, אין די שטעט און דערפער, אין די טעאַטערס און אין די אַזוי־גערופענע „טיי־הייזלעך”, אַף די גאַסן און אין פּאַרקן, אין די קלובן און באַרן, אין די צייטונג־רעדאַקציעס און אין די מיניסטעריומס, אין אָרעמע כאַטקעס און אין לוקסוס־פּאַלאַצן; טראָץ די אַלע „אַמעריקאַנישע שיקאַנעס” זיינען מיר דאָך אַריינגעדרונגען מיט אייך צוזאַמען אין דעם היינטיקן נאָכמילכאָמעדיקן יאַפּאַן. עמעס, מיר האָבן מיט אייך ניט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצישטודירן יאַפּאַן מיט אַן אויסשעפּנדיקער פולקייט און טיפקייט, אָבער אַפילע דאָס, וואָס מיר האָבן געזען, צווינגט אונדז זיך צו פאַרטראַכטן וועגן אַ סאַך און זייער ערנסטע פּראָגעס.

אין יענעם טאָג ווען מיר זיינען געקומען צופליען קיין יאַפּאַן, האָבן מיר אייך צוגעזאָגט, לייענער, אַז מיר וועלן זיך באַמיען ניט צו מאַכן קיין איבעראייַלטע אויספירונגען, מיר וועלן זיך אָנהאַלטן בלויז באַ קאַל־טע און אָביעקטיווע פאַקטן. איצט ליגן זיי, די אַלע פאַקטן, פאַר אונדזע־רע אויגן — מיר האָבן אייך דערציילט נאָר דאָס, וואָס מיר האָבן געזען. אין מיין בוך האָב איך אָפּטמאָל איבערגעלאָזט דעם פּראַטאָקאָלאַרן סטיל פון מיינע נאָטיצן, קעדיי איך זאָל זיך קענען האַלטן בלויז באַ פאַקטן. מיר האָבן זיך מיט אייך איבערצייגט, אַז די אַמעריקאַנער האָבן אין יאַ־פּאַן געבראַכט ניט קיין דעמאָקראַטיע, נאָר אַ פּסעוודאָ־דעמאָקראַטיע, און דעם שוירעש פון דעם דאָרף מען, ווייזט אויס, זוכן ניט אין טאָקיאָ, נאָר אין וואַשינגטאָן, ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, אין די אַמעריקאַנער בענק און

אין די קאפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן. די אַמעריקאַנער האָבן אין יאפּאַן געמאַכט אַ שאַרפן קער אַף רעכטס פון דער דעמאָקראַטישער ליניע פון פּראַנקלין רוזוועלט. עס קלינגט טאַקע ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער דער עמעס איז, אַז די אַמעריקאַנער פאַרשטאַרקן איצט אַלע רעאַקציאָנערע און מיליטאַריסטישע קויכעס פון יאפּאַן און וועקן אויף צום לעבן אַלע יענע קויכעס, קעגן וועלכע עס האָבן געקעמפט אַלע שאָלעם־ליבנדיקע פעלקער. אַלנפאַלס, האַלטן ניט די אַמעריקאַנער פאַר זייער ציל — דע־מאָקראַטיזירן יאפּאַן אַף אן עמעס.

אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער זיינען ארויס פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע מיט א געפיל פון צאָרן און האָפענונג. די מענטשן האָבן באַהאַלטן טיף אין זייערע הערצער דעם צאָרן קעגן די אַלע, וועלכע גרייטן צו און פּראָוואָצירן מילכאָמעס. מיליאָנען אויסגעמאַטערטע, אָנגעליטענע און אָנגעווייטיקטע מענטשן האָבן געהאָפט, אַז דאָס וועט זיך שוין מער ניט איבערכאַזערן. און די „אַמעריקאַנער אין יאפּאַן" ווען זיך נאָך אָנ־שטויסן מיטן צאָרן פון זייער פאָלק.

די אַמעריקאַנער האָבן מיר מער ווי איינמאָל געפרעגט בעיס איך בין געווען אין יאפּאַן, ווי באַצי איך זיך צו דעם נייעם „אַמעריקאַנער" יאָרהונדערט. איך פלעג זיי שטענדיק ענטפערן דערויף, אַז עס קען ניט זיין „ניט קיין אַמעריקאַנער, ניט קיין ענגלישער יאָרהונדערט". שוין געווען איינער, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט „אַ דייטשישן יאָרהונדערט", ווייסט אָבער שוין די גאַנצע וועלט, וואָס פון דעם איז געוואָרן.

עפשער האָפן גאָר די אַמעריקאַנער, אַז יאפּאַן וועט זיך סאָפּקאָלסאָף פאַרוואַנדלען אין אַ ניין־און־פערציקסטן שטאַט פון אַמעריקע, אָדער זי וועט גאָר ווערן אַ געוויינלעכע קאָלאָניע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער זי וועט עפשער פּאַשעט ווערן אַ געווער אין די הענט פון די אַמע־ריקאַנער מאָנאָפּאָליסטן אין קאַמף קעגן דער דעמאָקראַטיע?

איך וויל ניט און איך קען ניט פּראָוויזאָגן אָדער פּאַרויסזען, אָבער מיין זשורנאַליסטישער געוויסן צווינגט מיך צו דערמאָנען וועגן די מי־ליאָנען מענטשן, וועלכע זיינען אומגעקומען אין קאַמף קעגן דעם פאַ־שיזם. איצט אין יאפּאַן, שפּאַנען די אַמעריקאַנער איבער די טויטע קער־פּערס פון די העלדן און שטרעקן אויס די האַנט צו זייערע מערדערס און צו די, וועלכע זיינען געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פון די מערדער.

אין יאָר 1192 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס ערשטער יאפּאַנישער סיאָגון דער ערשטער פעאָדאַלער פירשט מינאַמאַטאַ יאָריטאַמאָ. (סיאָ־גון באַטייט „אַ גרויסער מיליטער־פירער"). אין נאָמען פון דעם אימפּע־ראַטאָר האָט ער פּאַקטיש געוועלטיקט איבערן גורל פון דעם יאפּאַנישן פאָלק. איצט מאָלן די אַמעריקאַנער ווי אַזאַ מין „גרויסן מיליטער־פירער" דעם גענעראַל דוגלאַס מאַק־אַרטור. דער אַמעריקאַנער בוידעשלעכער זשורנאַל „לייף" שרייבט אַפילע אַז „דער גענעראַל מאַק־אַרטור וואָלט

עפשער זיך געקאָנט אָנשטויסן אַף שווערקייטן אַף געוויילט צו ווערן אַלס פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן, ער וואָלט אָבער לייכט געקאָנט ווערן אַ „סיאַגון” אַפּילע שוין מאָרגן, אויב מען וואָלט נאָר געוויילט „סיאַגונען” און ער זאָל אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור אַף דעם פּאָסטן”. דאָס האָט געשריבן נאָעל בוש — אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, מיט וועלכן איך האָב זיך באַגעגנט אין יאַפּאַן. שוין דאַן האָט ער גערעדט מיט היספּײַלעס וועגן די „גרויסע אויפטוען” פון דעם גענעראַל מאַק־אַרטור אין יאַפּאַן. עס שיינט, אַז אין די פאַרייניקטע שטאַטן געפינען זיך מענטשן וועלכע באַלעמען צו שאַפן אין יאַפּאַן עפּעס אַ מין נייעם „אַמעריקאַנישן סיאַגונאַט” — אַ סיאַגונאַט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. עס שיינט, אַז מען גרייט שוין איצט צו פאַרן יאַפּאַנישן פאָלק נאָך אַ מער טראַגישערן גוירל — אַ גוירל פון אַ שקלאַף בא די אַמעריקאַנער באַלעבאַטים.

וועט טאַקע דאָס אַמעריקאַנער פאָלק זיך צו דעם אַלעמען צוקוקן מיט אַ קאַלטער גלייכגילטיקייט?

טאָקיאָ — מאָסקווע, 1947.

# פארלאג „היימלאנד”

## רעשימע פון די ארויסגעגעבענע ווערק

מייקל סעיערס און אלבערט ע. קאהן — „די גרויסע פארשווער־
רונג”, יידיש: באים מארגאלעס ־ דאווידזאן — (אויספארקויפט)

ד. קראמינאוו — „דער צווייטער פראנט” — יידיש: א. ל־ן

| | |
|---|---|
| געבונדן אין לייוונט — — — — — — — — — — — | 15.00 $ |
| בראשירט — — — — — — — — — — — | 10.00 |

ראלף פארקער — „די פארשווערונג קעגן שאלעם”
יידיש: צאלעל בליץ

| | |
|---|---|
| בראשירט — — — — — — — — — — — | 10.00 |

א. ווישינסקי — „100 מיליאן דאלארן פאר טעראר און סא־
באטאזש (רעדעס געהאלטן אין דער „אונ”)

| | |
|---|---|
| בראשור — — — — — — — — — — — | 3.00 |